BN
BIBLIOTEKA NARODOWA
522975
T. 12

# אלע ווערק

פון

# י. ל. פרץ

1248



י. ל. פרץ

Perec J[icchok] L[ejb]
Majne ziechrojnes
1172

י. ל. פּרץ

# מיינע זכרונות

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

רעכט אויף איבערדרוקן און איבערזעצן באהאלט
דער „ווילגער פארלאג״ פאר זיך.

PRINTED IN POLAND

BIBLIOTEKA NARODOWA

II.522.975.

I. L. Perec. — Majne zichrojnes.

Drukarnia «Wydawnictwo Wileńskie» B. Kleckina, Wilno.

1435 2123

# מיינע זכרונות



# מיינע זכרונות

## א. נעפּלדיגע קינדער־יאָהרען.

ליעבער הער רעדאַקטאָר!

איהר פערלאַנגט פֿון מיר, איך זאָל אייך שרייבען וועגען זיך אַליין, איך טהו אייך צוליעב.

אין דער אַיינלאַדונג, ווי שמייכעלהאַפֿט זי זאָל נישט זיין, שטעקט אפילו אַ ביטערליך קערנדיל; נור פֿון עלטערע — אַלטע גלוסט זיך מיר ניט זאָגען, איך האָב אפילו ערגיץ מיין מעטריקע פערוואָרפֿען — נור פֿון עלטערע לייט פֿערלאַנגט מען זכרונות.

צו מיר, הייסט עס, זאָגט איהר:

— האָסט אָנגעפֿילט אַ שייער, דערלאַנג אונז דעם שליסעל...

איך טהו עס האָך גערן. איך האָב נישט איין מאָל פֿאַר'ן פּובליקום פֿון זיך אַליין גערעדט, געפּרובט איבערגעבען דעם שליסעל.

דעם אמת זאָגענדיג, די נאָכשליסלען פּאַסען מיר נישט. קיין וואונדער: קיינעם געפֿעלט נישט קיין אייגענע פֿאָטאָגראַפֿיע.

קיינער געפינט זיך נישט אין גאַנצען אין אַ געטראָפענער סעקונדע, ווי מ׳דריי עס האָט נישט געזאָלט זיין דאָס גלאָז אין אַפּאַראַט... דערנאָך קומט ערשט דער רעטושער, דער פערגלייכער און פערגלעטער... זיי מאַכען די רעשט צו שאַנדען.

וועל איך אַייך שרייבען, איבערגעבען דעם שליסעל שריפטליך. וועט בלייבען צייט, וועל איך מיר אַ נייעם שייער בויען און אָנפילען, און וועט דער אַלטער שליסעל נישט פּאַסען, און עס וועט נאָך בלייבען צייט, וועל איך געבען אַ נייעם... דאָס לעבען האָב איך ליעב.

אָבער שרייבען וועל איך נישט אַלץ.

ווייל נישט אַלץ איז אַריין אין מיינע שריפטען, און נור די געהערען דעם לעזער. פֿאַר׳ן דאַוונען געהט אַ פֿרומער יוד אין מקוה, אַריין און שווענקט אָב פון זיך די זינד. גייסטיג טהוט עס דער שריפטשטעלער פֿאַר׳ן שרייבען.

איסער דעם „מאָדערנעם“, וואָס פּאַראַדירט מיט זיין זינדיגקייט, און איב ער פערמאָגט נישט אַזוי פיעל אייגענס, וויפיעל דער מאַרק פערלאַנגט, טראַכט ער אַביסעל צו, ענטוויקעלט ער די מעגליכקייטען, וואָס האָבען נאָך קיין צייט נישט געהאַט, זיך צו ענטוויקלען און אַרויסצושפּראָצען... אָפט נעמט ער ביי אַנדערע...

אַייך וועל איך דעם אָבפאַל נישט געבען...

די געשיכטע דאַרף קיין ליגען נישט זאָגען, אָבער נישט אַלץ פערציילען. ווייל אַלץ איז דער גרעסטער ליגען. ווייל נישט אַלץ איז דער מענש. פּאָרטרעטירט דאַרף ווערען נור דאָס כאַראַקטעריסטישע; דאָס עכטע, נישט דאָס צופעליגע, וואָס געהערט גאָר נישט צום מענש.

און נאָך וואָס:

ערגיץ טיעף אין מיר (אונטער דער בעוואוסטזיניגער שוועל, ווי מען זאָגט) ליגען זכרונות. איך וויל זיי פון דער טונקעלער טיעפעניש גרויסציהען אויף דער ליכטיגער שיין, — ליגען זיי אָבער נישט, איינס נאָכ׳ן צווייטען, ווי אַ שנור בעגראָבענע, געפרירענע ראָבען, מזיל צו עק... זיי פליהען דאָרט ערגיץ פריי אַרום, ווי אַייזען־שטויב, טראָגען זיך לויז. און די מאַגנעטען, וואָס ציהען זיי אַהיך און גרופּירען אַרום זיך, זענען נישט קיין דאַטען,

נאָר איך פאַקטען, הויפּטפאַקטען, גענעראַלע, אָדער אידעען און שטימונגען... איך געדענק קיין איינציגען דאַטום. וועט ווער נאָכקומען און צושרייבען, וואָס מען דאַרף, דעם „יום", — זעהר גוט. איך קען עס נישט.

---

## קינדער־יאָהרען און מלמדים.

געווען בין איך, ווי מען האָט געזאָגט: אַן עלוי. אַ פליג־קען לאָגישען קאָפּ געהאַט און — פיעל געמיט.

ווי אַזוי בינדט זיך דאָס צוזאַמען? עס בינדט זיך נישט. עס גיסט זיך נישט צוזאַמען... אַ פּראָצעס פון צווי עלעמענטען (אַ לאָגישער מוח און אַ האַרץ פיל געמיט) — און איין „בעל כרחך אתה חי"...

אין „מאָניש", צווישען אונז גערעדט, האָב איך געוואָלט מיך אַליין קאָפּירען. האָב איך מיך אָבער פערשענערט; איך בין געווען מאָגער, שוואַרץ, נאָר ברענענדיגע אויגען געהאַט (פונקען זענען נאָך געבליבען) און גרויסע. דער „וואָס טרעפט באַלד אַריין אין קאָרב, מעג דער רמב"ם זיין ווי האַרב" — בין איך: נאָר דער „דערצו נאָך אַ „בעל קורא" איז צוגעגעבען צום גראַם. קיינמאָל קיין בעל־קריאה נישט געווען, נישט רעכט אַפילו „מעביר געווען די סדרה". דער עיקר איז ביי אונז געווען לערנען...

פון חורבה אַרויסגעזונגען האָט מיר נישט איין „מאַריע". די מאַריעס וועלען קומען. נישט אַלע... ווי געזאָגט: אָבפאַל וועל איך נישט געבען. זיי זענען נישט אַריין נישט אין מיר, נישט אין מיינע שריפטען... די אַנדערע — ווי ווייט מעגליך. עס האַלט אָבער נאָך נישט הערביי. דער פּרק הייסט קינדער־יאָהרען...

אין געדענקען געדענק איך מיך נאָך גאָר אַ קינד: 1) צווישען יונגלעך און מיידלעך אויף אַ הויף, 2) אויף אַ פּאָדלאָגע אין חדר. דער מלמד האָט געהייסען חיים־קעלביל. אַ ייד׳על, זעה איך איצט פאַר מיר, אַ קליינס, אַ קליין בערדיל, קליינע אייגעלעך און אַ קליין ספּאָדיקעל. און 3) ביים בעלפער אונטערן אָרעם. אַ זאַ־ווערוכע — און ער טראָגט מיך אין חדר אַריין...

צו דריי יאָהר — אָנגעהויבּען (גלייך מיט אַלע חבֿרים) חומש. נישט געקאָנט אַרויסגעלערנט „ויקרא". זאָגען פלעג איך: „ויטרא", נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין „ק"; קיין „ג" איך נישט. יאָהרען לאַנג פלעגט מען מיך הייסען: דד דהד ידודנו (גד גדוד יגודנו)...

שבת נאָך דער סעודה האָט געזאָלט זיין בּיים זיידען אין שטיבּ די שמחה. בּשעת סעודה נעמט מיך דער זיידע (אַ קליין ידעל, מיט אַ ציטעריג קעפּיל, ווי איך בּין געוואָהר געוואָרען, פאַר עלטער) זעצט מיך אַרויף אויפ'ן טיש, אין דער מיט. די מאַמע דערשרעקט זיך און כאַפּט געשווינד אַוועק פון אונטער מיר אַ גאָפּעל. אַרום טיש זיצט די גאַנצע משפּחה: אַ זוהן, צוויי טעכטער, צוויי איידימס און אַן אַלמנה, מיינע אַן עלטער-מוהמע, (פון וועלכער איך האָבּ געמאַכט די „סקילער רבּיצין", גאָר נישט אייבּערטרייבּענדיג), אַחוץ זיידען מיט דער בּאָבּע. צו וואָס מען האָט מיך אַרויפגעזעצט, וויים איך נישט. מיר געפעלט עס. אַ וואַזע שטעהט אויפ'ן טיש, פּרוּבּ איך, צי וועל איך זי אַרומנעמען מיט די הענד. נעמט אָבּער די בּאָבּע די וואַזע צו און פרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפּעטער די דרשה?

— טענען! (קענען) — ענטפער איך און וויל שוין אַראָבּ פון טיש; לאַנג אויף איין אָרט זיצען קען איך נישט. פערהאַלט מיך אַ פעטער, שוין דעמאָלט אַ שטיק משׂכּיל, אין אַ שוואַרצען קאַפּעליוש, — דערזועלבּער, וואָס וועט שפּעטער זיין דער מבֿין אויף מיינע יונגעלשע שירים און וועט זיי זאַמלען און בּעהאַלטען, און פרעגט:

— אין אויסלעגען „ויטרא" (ער מאַכט מיר נאָך) קענסטו?

ווייס איך נישט, וואָס אויסלעגען איז. פרעג איך:

— ס'טייטש?

— ווי אַזוי שרייבּט מען ויקרא?

מיין איך, ער מאַכט חוזק.

— „ויטרא" — ענטפער איך פערדראָסיג — שרייבּט מען נישט. „ויטרא" איז אַ פּסוק און אַ פּרשה אין דער הייליגער תּורה.

מען האָט מיר קוים אויסגעטייטשט, וואָס מען מיינט, און איך דערזעה פּלוצלינג פאַר די אויגען שוועבּען אין דער לופטען די פּרשה, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און רוף אָן איין אות נאָכ'ן צווייטען, אויסער שם הויה.

דעה מאַמען ווערען די איגען פייכט (נישט צו גלויבען, ווי איך האָב אַליך געזעהן), עפּיס האָבען ביי איהר אָנגעהייבען צו פינטלען די איגען, און זי הויבט זיך אויף און געהט אין אַ ווינקעל אַריין צום אויווען. די באָבע קוקט איהר נאָך און שמייכעלט:

— שעמט זיך נאָך אַליך!

מיך נעמט דעה זיידע פון טיש אַראָב צו זיך אויף דער שויס, און גיט מיר אַ קניפּ אין בעקיל. איך זיץ אָבער נישט לאַנג, — ביינינע פיס געהאַט, איז מיר נישט בעקוועם — און גיה איבער צום טאַטען, וואָס קושט מיך. —

מעהר פון זיידען וויים איך נישט, געדענק איך נישט. געהייסען, וויים איך, האָט ער שלמה. געווען אַ מאָל אַ האַנציגער סוחר. פערצייהלט האָט מען, אַז איינמאָל איז ער אַהיים געקומען, ווי מען זאָגט, מיט'ן בייטשעל... געווען איז עס פרייטאָג. געגאַנגען אין באָד אַריין, דערנאָך צו קבלת שבת. „אָבגעפּראַוועט" דעם שבת, ווי אַלע מאָל, קיין סימן פון עני. און ערשט מוצאי-שבת נאָך הבדלה צוזאַמענגערופען אַלע בעלי-חובות זיינע און געזאָגט: „רבותי, איך בין געקומען אָהן אַ גראָשען, נעמט אַייך צו אַליך, וואָס איך שטוב!".

— חנה'לע, דערלאַנג! האָט ער זיך געווענדט צו דער באָבען.

און די באָבע חנה'לע האָט אויסגעטהאָן די צירונג און געלעגט אויפ'ן טיש. געעפענט די שאַנק מיט זילבער און גאָלד, אַריינגעבראַנגט די חפצים פון אַנדערע שטיבעל... קיינער אָבער האָט נישט געריהרט.

די באָבע האָט איהר קראָם געהאַט, האָט מען פון קראָם געלעבט, איינציגווייז די חובות בעצאָהלט, מיט פּראָצענט. און קינדער אויסגעגעבען.

ווי ווייט די מעשה איז אמת, בין איך אַייך נישט ערב. אַז די באָבע איז פעהיג געווען דערצו, דאָס וויים איך. דעם זיידען געדענק איך נישט מעהר, ווי דערמאָלט ביים טיש, ווען איך האָב אויסגעלעגט. איך זעה זיינע איגען, קליינע, נור האַרציג ליכטיגע...

ווען און ווי אַזוי דעה זיידע איז געשטאָרבען, וויים איך אויך

נישט. מען האָט מיך געמוזט האַלטען בשעת מעשׂה פֿון דערווייטענס, אַזוינס פֿערגעסט מען נישט. געהערט האָב איך, אַז ער איז קראַנק געווען, האָט איהם דעם דאָקטאָר געהייסען מאַכען אַ הייסע וואַנע, און אין דער וואַנע איז ער געשטאָרבען...

לאָז איך פֿאַמיליען-אָנגעלעגענהייטען איבער שפּעטער און גײ צוריק צו מיינע מלמדים...

צו זעקס יאָהר האָב איך אָנגעהויבען גמרא. דעמאָלט — אַלע אַזוי.

דעם גמרא-מלמד געדענק איך בעסער.

איך אַ קליין, מאָגער ידעל. גערופֿען האָט מען איהם דער־היבער: בעריש'על. אַ בייז ידעל, שלאָגען אָבער קאָן ער נישט. אַז ער קומט אין כּעס אַריין, הייבען איהם אָן די הענד צו ציטערן.

— הענע! — רופֿט ער דעמאָלט צו דער רביצין — כאַפּ די קאָצערע און שפּאַלט דעם עם-הארץ דעם קאָפּ!

הענע רירט זיך נישט. זיצט ביים אויווען, פֿליקט פֿעדערן אָדער שטריקט אַ זאָק. געדענקט עס וועגען מיר, ענטפֿערט זי:

— הערסט, ריהר ליבּושלען נישט אָן... איך וועל פֿערציילען ריבעלען...

ריבעלע איז מיין מאַמע. און די רביצין איז געווען אַן איינקויפֿערין פֿון ציבעלעס, גרינס... און פֿלעגט טראָגען צו אונז אויך, אַ דריסת הרגל געהאַט. און ליעב געהאַט די מאַמען און מיך, אפֿנים, דער מאַמען צוליעב.

— אַ ידינע, פֿלעגט זי זאָגען, אַ צדיקות... קאַרג איז זיך און איפּ'ן הויז-געזינד — און גיט צדקה, אָבער צדקה! און ער, דער גזלן, וויל שלאָגען איהר ליבּושלען!

— נו, נו, — בּרומט דער רבי, זאָג איהר, וואָס פֿאַר אַ תּכשיט זי האָט...

זי פֿלעגט זאָגען... נאָר קאַפּויער.

דער טאַטע מיינער (ער לעבּט שוין נישט) האָט איך נישט געהייסען שלאָגען. איז דעמאָלט נאָך אַ קעסט-קינד געווען, און דערהיים געזעסען, און בטבע אַ ליבעראַל, אפֿשר אַן אַנאַרכיסט.

אַז עס איז אַהיים אַ קלאַנג, אַז מען וועט נעמען צום מוליטער, און מען האָט זיך אָנגעהויבען שרעקען, האָט ער גערעטען:

נישט שרעקן זיך און נישט גײן. קײנער זאָל נישט גײן...
— מען װעט שמײסן!
— אַ װעלט שמײסט מען נים!
— שמידן אין קײטן!
— נישטאָ אַזױ פֿיל קײטן!
— אײנזעצן אין תּפֿיסה!
— אַכּיבא מאַכן די װעלט פֿאַר אַ תּפֿיסה!
ער אַלײן האָט מיך אין לעבן צװײ מאָל געפּאַטשט.
פֿון געבױרענהײט אָן האָב איך פֿײנט געהאַט זיסע זאַכן. אין מױל אַרײן נישט גענומען. „איך װיל, מען זאָל מיך האַלטן פֿאַר קלוג", האָט מען זיך געריצט מיט מיר. די באָבע פֿלעגט באַקן מכּל המינים גוטע זאַכן: װײסע לעקיך, האָניק־לעקיך, טאָרטן, שטעפּענס, פּרעגלען אײנגעמאַכטס... פֿאַר זיך, פֿאַר די קינדער... פֿאַר קראַנקע אין הקדש, — אַלע אײניקלעך פֿערדראַ־בען זיך פֿון צײט צו צײט די מײגעלעך. מען בעקומט און מען גנבֿעט אַביסעל צו; איך אײנער — אָן אױסנאַם. איך עס נישט ביז הײנט.
מאַכט זיך מײן יונגערן בּרודערס בּרית.
קומען אָרימע לײט איך לעקיך און בראָנפֿן, פֿערזאַמלען זיי זיך אין מיטעל־שטוב. רעכטס — די מאַמע די קינפּעטאָרין, אין דער שטוב לינקס — די בעלי־בּתּישע געסט. איז געװען בײ אונז אַ סאַרװער, זאָל ער מיר מוחל זײן, אַ „כּלבֿ שבכּלבים". אַז״י האָבען איהם אַלע געהונפּען. געװען איז ער, איך זעה איהם פֿאַר מײנע אױגען, אַן אױסטערלישׁ הױכער, אַ דאַרער און אַ װײסער, אָהן אַ טראָפּען בלוט אין פּנים. געװען איז ער אַן אַלמן און אַ חשוך בּנים. עטליכע װײבער געהאַט און קײן אײנציג קינד. אַז די לעצטע איז געשטאָרבען, האָט ער זיך שױן מיאש געװען פֿון לעבען און גע־מאַכט זיך תּכריכים. בײנאַכט, האָט מען פֿערצײהלט, שפּאַצירט ער אַרום אין די תּכריכים אין הױף... שרעקט איבער לײט. אָרימע לײט האָט ער פֿײנט געהאַט שׂנאת מות. טראָגט דער רשע פֿון דער מאַמעס שטוב אַרױס, הױך איבערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקיך צו די בעלי־בּתּים אַרײן, איבער דער מיטעל־שטוב. און איך זעה, װי אַ קראַנק מײדעל קוקט מיט פֿערבּרענטע אױגען צו דער טאַץ

אַרויף. פלינק בין איך געווען, שפרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקיך און דערלאַנג דעם בלאַסען מיידעל... דער טאַטע,— איך האָב נישט געוואוסט דערפון,— איז געשטאַנען און טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפרונג און דער הויך האָט ער געזעהן, וואָס איך האָב מיט'ן לעקיך און דער נידער געטהאָן — נישט. געהט ער צו און דערלאַנגט מיר און באַק. צו-מאָרגענס, מיר זיצען אַלע ביים טיש, פערקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט, עסט מכלומר'שט נישט קיין זיסע זאַכען און כאַפּט לעקיך פון טאַץ!

קומט אַריין די דיענסט מיט דער יויך,— געהערט האָט זי, אַפּנים, הינטער דער טיר, — און פערציילט, וואָס איך האָב מיט'ן לעקיך געטהאָן. זי האָט געזעהן.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָבגעלאָזט איבער די אויגען. די האָט שטענדיג געהיט איהר'ע מיט פאַר פרעמדע און אַפילו פאַר היימישע אויגען. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרען, די אויגען ווערען איהם פייכטליך. און ער הויבט זיך אויף און געהט אָב און צווייטען צימער אַריין. פיהל איך מיך שולדיג, וואָס איך האָב באַלד נישט פערציילט, וויל נאָכגעהן און איבערבעטען, — און קאָן נישט. ביז'ן היינטיגען טאָג קאָן איך מיך אַליין נישט פערטיידיגען און קיינעם נישט איבערבעטען...

דערפון אַן אַנדערש מאָל.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געלייזט, ווען איך בין שוין אַ „יונגעל", נישט קיין „קינד" געווען — אַ „בחור" (אַ יאָהר 14 אידאי!). אָבער שוין דעמאָלט אַ „חוקר" געווען, געלערנט „מורה נבוכים" (ווי איך קום דערצו, וועט ווערען פערציילט) און בין אַרומגעגאַנגען און עולמות העליונים, פערמרה'שחורה'ט, מיט וועלט-טראַגישע חלומות און געדאַנקען! וואָס פאַר אַ תכלית האָט דער מענש? די וועלט? ידיעה ובחירה.. פון וואַנען נעמען זיך און צו וואָס די יסורים, דער צער? — דערביי האָט געווים געשפיעלט אַ גרויסע ראָלע דער יודישליך-פריהער איבערגאַנג צו די מענער-יאָהרען. נור אַ געמיט האָב איך געהאַט אַ שוואַרצס, געוויסט התבודדות און געקראַצט מיט נעגיל אין דער נשמה...

איינמאָל פרייטאָג בין איך פערפאַלען געוואָרען אויף אַ גאַנ-

צען טאָג. איך געדענק שוין ניט, וואָס איך בין געווען. געקומען אין בית־המדרש אַריין צו קבלת שבת בין איך גלייך פֿון שפּאַציר, אין דער וואָכֿענדיגער קאַפּאָטע, און וואָכֿענדיגען היטעל און נישט־געפּוצטע שטיוועל, אָנגעקלעפּטע מיט ליידעם פֿון אונטער דער שטאָדט. דעם טאַטענס פּנים האָט איינגעפלאַמט. ער האָט זיך דאָך איינגעהאַלטען פֿאַר'ן עולם. נור ביים קידוש קען ער קיין אויג ניט אָפּרייסען פֿון מיין פֿערחושכ'טען פּנים און גיט פּלוצלינג אַ שטעל אַוועק דעם כּוס און דערלאַנגט מיר אין באַק מיט דער בעפּרייטער האַנד.

— שײנע שבתים מאַכט ער מיר! — און געהט אַהיים איך אַ ווײלע. די מאַמע ברומט:

— גלייך אַ קינד האָט נישט זיינע ווייהטאָגען...

אַז מיין ווייהטאָג איז געווען גאָר גיט קינדיש, איז איהר נישט איינגעפאַלען...

איינגאַנצען צוויי מאָל געשלאָגען.

אַ פֿרעמדען אַהיפּלעגען איך מיר אַ האַנד וואָלט ער געווים נישט געלאָזט. פֿון דעם ווייסט די בערישעל און די רביצין, וואָס זיצט שטענדיג ביים אויווען, טהוט עפּיס, פֿערקוקט און די תלמידים און פֿערהערט אינ'ם לערנען.

איבער דער רביצין, איפּ'ן גזימס פֿון אויווען, ליגט שטענדיג איינגעצויגען די קאַץ, אַ גרויסע, אַ פֿוילע...

טרעפֿט זיך אָבער, אַז די רביצין דרימעלט איין ביים שטריקען אַ זאָק, אפשר איינגעוויגט פֿון גמרא־נגון, און פֿערלירט די קנויל. גיט שוין די קאַץ, וואָס האָט דערויף געלאָקערט, אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון גזימס צו דער קנויל און הויבט זיך אָן מיט דער קנויל צו שפּיעלען, ווי מיט אַ מויז, און פֿעריאָגט זי ביז אונטערן בעט...

מיר פּלאַצען אוים מיט געלעכֿטער.... די רביצין כאַפּט זיך אויף. דער רבי ווערט בייז...

פֿאַר אַזאַ געלעכֿטער (איך פֿלעג לאַכֿען צום שטאַרקסטען) האָט ער מיך שוין איינמאָל געוואָלט ערנסט שלאָגען. איז אָבער פּונקט אַריינגעקומען דער טאַטע... די סצענע בייט זיך מיט אַמאָל.

— אַה, ר' יודעל! וואָס מאַכט איהר, ר' יודעל? זעצט אייך, ר' יודעל...



BIBLIOTEKA NARODOWA

די רביצין פרעגט: וואָס ריבעלע מאַכט. און דער טאַטע ווענדט זיך גלייך צו מיר און פרעגט:

— וואָס שוויצסטו אַזוי, ליבעלע?

— וואָס הייסט? פערלאַפּט דער רבי, אויס מורא, איך זאָל נישט פערציילען: — ווי הייסט, די תורה הקדושה, ברוך השם, וואַקסט... און אַ זומער-טאָג...

בעקומט דער טאַטע אַ ליבעראַלען איינפאַל און זאָגט צום רבי'ן:

— ווייסט איהר וואָס, ר' בערישעל? לאָזט יעדען טאָג אַהיים די קינדער פאַר דער טיר אויף אַ שעה!

גלייך אַ דונער וואָלט אין בערישלען אריינגעשלאָגען...

גלאָצט ער אויס אַ פּאָר אויגען און הויבט אָן שטאַמלען:

— וואָס רעדט איהר? ווי הייסט? זיי זאָלען זיך שפּילען אין לייהם?

מען האָט געוואָלט אַהיימציהען אַ נייעם שטאָק, האָט מען אָבגעלעגט לייהם פאַר'ן הויז.

— פאַרוואָס נישט? ענטפערט דער טאַטע צוריק.

גיט זיך ר' בערישעל האַלב אונטער:

— מילא, בנוגע צו אייער ליבישלען... אַז איהר ווילט...

— איך אויך! איך, איך! — רופט זיך אָן מיין גליד-שוועסטערקינד, יחזקאל...

— פאַר ר' מרדכי'ן בין איך אייך ערב! חפּט זיך אָן דער טאַטע. יחזקאל'ס פאָטער האָט געהייסען מרדכי.

וכך הוה. מיר צוויי בעקומען רשות און געהען טאָג-טעג-ליך אַהים אויף אַ שעה פאַר דער טיר, צום באַרג, צום לייהם, זיך געשפּיעלט, געגראָבען (ערגיץ אַ לאָפּאַטע בעקומען), טאָלען, גריבער געמאַכט, אַ פעסטונג געבויט.

און די אַרבייט איז אונז שפּעטער צו-נוץ געקומען אַ מצוה צו טון. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען איינגעלעגט די זאַמאָשטשער פעסטונג. די מויערן האָט מען צעשאָסען און גע-הונגען אַרבייטער אַראָבצושיטען די וואַלען אין די פאָסען אַריין. געצאָהלט האָט מען פון קלאַפטער. האָבען זיך אויך עטליכע יודען צו דער אַרבייט געשטעלט. אַלטע, צעבראָכענע יודען, וואָס האָ-

בען שדין צו עפּיס אַנדערש נישט געטויגט. נאָהענט צום חדר איז עס געווען, פלעגען מיר איף דער שעה לויפן איפּ'ן וואַל אַרויף און אַרבייטען פאַר די אַלטע לייט.

וואָס איך האָב געלערנט ביי דעם ר' בערישלען, געדענק איך נ י ש ט...

נאָך צוויי זמנים בין איך מיט מיין גליד-שוועסטערקינד יחזקאל איבערגעגאַנגען צו מיכל מלמד. ער האָט איך נישט געשלאָגען.

אַ מאָדנער ייד געווען דער „געלער מיכל" — אַ בלאָנדע באָרד געהאַט. אַ מלמד געווען און דערביי שמש אין בית-המדרש. געווען איז ער אַ גרויסער בעל-חשבון און געקאָנט „מדידה". לערנען, איסער מיט אונז אין חדר, האָט איהם קיינער נישט געזעהן.

אין בית המדרש פלעגט ער קיינמאָל נישט רעדען, און געפרעגט, נישט ענטפערן וועגען לערנען. איסער אַז עס איז געגאַנגען וועגען אַ גמרא מיט חשבון אָדער אַ משנה מיט מדידה. אַן אַנדער מענש געוואָרען. גערעדט, און מיט ליעבשאַפט צום ענין. אַזוי לערנען איז ביי איהם קיין עסק נישט געווען. איף אַ „גראָב" יינגעל פלעגט ער קוקען מיט גרויס רחמנות: „פערשטאָפּט נעביך". איף אַ „וואויל יונגעל" — גלייכגילטיג. „וועסט זיין אַ למדן"— און אין טאָן איז געלעגען: הכלל וואָס? מאַי כולי האי? אַמאָל האָט ער נאָך געזאָגט נישט אָהן בעהאַלטענעם בזיון: „וועסט זיין אַ רב!" — דאַוונען האָט איהם איך קיינער קיינמאָל נישט געזעהן. „אַ בעהאַלטענער קאָצקער", — האָט מען געזאָגט; קאָצקער פלעגען נישט האַלטען פון דאַוונען. געמוזט האָט עס זיין בסוד, — אַ מתנגד'ישע שטאָדט, אַ מתנגד'ישער בית-המדרש. איך דערמאָן מיך אַ מעשה. ביים שולחן איז געשטאַנען אַ קליין יידעל, ר' עזריאליכעל האָט ער געהייסען. אַ דעמאָלטיגער שיינקער געוועזען — אַ שם דבר. און אַלט יידעל, אַ קרענקליכס, מיט אַ בלאַ אַוועקצייאָגען. קומט אַמאָל אַריין צו מעריב אַ פרעמדער ייד, אַ הייבער, אַ דיקער, אַ גבר, שטעלט זיך זאָגען יתום-קדיש און כאַפּט זיך אַדים: ויצמח פורקניה... פלאַמט דאָס אַלטע ר' עזריאליכעל איף, גיט אַ שפּרונג איבער טיש און באַנק, אַ לויף צו צום עמוד, צום פרעמדען גבור צו, אַ הויב די געלעך, אַ שפּרונג אונטער און הערלאַנגט דעם ייד אין באַק...

בעהאַלט, זעהט אויס, ר׳ מיכל זיין קאָצקער חסידות, דרעהט זיך בשעת׳ן דאַווענען אַרום צווישען עולם אין טלית ותפילין, נאָר ער זאָל קוים אַ ריהר טהון מיט די ליפּען. די תלמידים ריהרט ער נישט אָן, מיך אַודאי נישט. ביי דער רביצין בין איך אַ חשוב. איהר שוועסטער דיענט ביי אונז! איך געדענק זיי ביידע און וואונדער מיך נאָך, ווי עהנליך די שוועסטער זענען זיך געווען. איך אַ צעוואָרפענער, פלעג זיך גאַנץ אָפט טועה זיין, זאָגען אין חנה דער רביצין: „חנה, דערלאַנג מיר אַ ביסעל וואַסער", און אין דערהיים דער דיענסט: „זייט-זשע מוחל, רביצין"... און שענהייטען, יודישע, צנועה׳דיגע, זענען (אין מיינע יונגע אויגען, ווענינגסטענס) ביידע געווען: לענגליך-בלאַסע, דין-הויטיג-דורכזיכטיגע פּנימ׳לעך, לאַנגע ברעמען איבער געצויגענע, סאַמעטענע בליקען פון שמאָל-לענגליכע מאַנדעל-אויגען... און שוין. זיי פערשווינדען מיר ביידע פון זכרון. וואו זיי זענען אַהינגעקומען, ווייס איך נישט. איך ווייס שוין איך נישט, וואָס איך האָב ביי דעם מיכלען געלערנט. געווים נישט מעהר, ווי אַ ביסעל נאָכטראַכטענדיג שווייגען, געווים זיך אָנגענומען מיט אַ ביסעל שטילען, גוט-האַרציגען אומעט, וועלכע איך דערקען אין מאַנכע פון מיינע זאַכען. אפשר האָט ער מיר מיט די שטילע אויגען איבערגעגעבען אַ ביסעל חסידות?

איך און מיין גליד-שוועסטערקינד שטייגען ווייטער אין קומען און צו ר׳ יודלען — צו אַ העכערן גמרא-מלמד. ביי איהם זאָגט מען שוין אַ „לייענען" אויך.

צוויי זאַכען האָט ער ליעב געהאַט, דער ר׳ יודעל:

שמייסען איבער די פינגער מיט ריטלעך און — פּיראָגעס, וואָס די רביצין פלעגט איהם מאַכען אין אַ יומא דפגרא — און אַוועקגעהן... זי קען נישט ליידען, „ווי דער בעל-תאוה פרעסט, ווי דאָס שמאַלץ רינט איבער׳ן פּיסק"....

די רביצין מישט זיך ניט צום לערנען און איז אויך נישט קיין איינגעהערין ביי מיין מאַמען, זי זאָל סטראַשען, זי וועט פערצייהלען. דער טאַטע איז שוין סוחר, זעלטען אין דערהיים. און ר׳ יודעל לאָזט זיך וואויל געהן, און איך געה אַרום מיט געשוואָ-



י. ל. פרץ אין זיין קאַבינעט

לענע פינגער גלייך מיט אלע, און פירן מיט איהם מלחמות גלייך מיט אלע. דעם צווייטען זמן, אז מען איז אריבער פון בבא-קמא צו יבמות, וואס איז אונז נאך שווערער געווען, איז אויך די מלחמה שארפער געווארען. און בעקומען האט מען גאנץ אפט בחנם. ר' יודעל איז א בלינדליכער געווען, קיינמאל נישט געזעהן און געוואוסט, ווער איז שולדיג, — האט ער, פאר וואס עס איז, אלע איבער די פינגער געשמיסען. די ריטלעך האט ער מיט גרויס פארזיכטיגער ליעבשאפט אויסגעקליבען פון נייעם בעזים, וואס די רביצין פלעגט ברענגען פון צייט צו צייט. דאכט זיך מיר, זי האט גאר געהאנדעלט מיט בעזימער. שטענדיג געווען, נור איך זיכער געדענק איך נישט. אויסקלייבען פלעגט ער די ווייכסטע, די דינסטע און געשמיסען האט ער בניחותא, פאמעליך, נור לאנג.

מיר האבען איהם אויך נישט געקארגט.

געהאט האט ער א לאנגע ווייסע באָרד, האבען מיר זיך איינמאל גענומען זי צוצוקלעפען צום טיש. אבענד געווען, נאך די פיראגעס. איז ער איינגעדרימעלט געווארען. חתימה און טריזאקס גרייט, דאס ליכט אויפ'ן טיש ברענט. מען רידערט זיך צו. האט ביי עמיצען, ווער ווייס, פאר שרעק א ציטער געטהאן די האנד, א צופ געטהאן א האר פון בארד. ער האט זיך אויפגעכאפט און געכאפט זיך צו די ריטלעך. דערפאר אבער האבען מיר דעם צווייטען יומא הפגרא געכאפט דער רביצינס קואקענדיגע הוהן און געזעצט אויף דער שיסעל פיראגעס אונטערן קישען. ער קומט, נעמט די שיסעל. שטעלט זי פאר זיך, קוקט מיט די בלינדע אויגען, און צעשמייכעלט זיך פאר נחת:

— איי, איי, אזוי פיעל גריישטע ציבעלעס! — און האט אריינגעביסען... — — — — — — — —

— — — — — — — —

איינמאל האבען מיר איהם אויף א גליטש פערנארט. הינטער'ן בית-המדרש איז געווען א גליטש. האבען מיר זי צווישען מנחה ומעריב פערשיט מיט שניי און געשיקט א חבר אין בית-המדרש אריין, ער זאל די רעשט פאר'ן רבי'ן פערמסר'ן, אז מען גליטשט זיך... געהט ער ארויס, קומט אויף דער גליטש, קערט

זיך איבער: אַ שווערער מענטש געווען, הייבט ער זיך און פֿאַלט, הייבט זיך און פֿאַלט. מיר לאַכען... ווילען אַנטלויפֿען. שרייט ער נאָך: רחמים! שווערט, ער וועט אונז נישט שלאָגען, גאָר נישט טהון...

האָבען מיר איהם אויפֿגעהויבען, און ער האָט וואָרט געהאַלטען. פֿאַר דאָס צום דריטען זמן אַן אַנדער קנעלדנג זיך געשאַפֿט. מיר (איך און מיין שוועסטערקינד) זענען מיר אַריבער צו גאָר אַ בייזען מלמד.

דער האָט שוין געקניפּען. אַ מוהל געווען, אַ נאָגעל געהאַט! און מיר האָבען ניט געשוויגען. אַ ספּאָדיקעל האָט ער געטראָגען, האָבען מיר איהם אין ראַנד אַריינגעשיט שניי. זיצט ער ביים טיש, הויבט איהם אָן רינען איבער'ן פּנים... טיי האָט ער ליעב געהאַט. די רביצין שטעלט איהם יעדען טאָג אַ בלעכערנעם סאַמאָוואַרל אויף אָהן אַ טשייניק, שיט אין סאַמאָוואַרל אַריין עטליכע קערנדלעך טיי, ער ברומט: צו ווענינ; די הערט נישט. און די טיי איז הירקליך וואַסערדיג. האָבען מיר איינמאָל געברענגט שמירעכטס פֿון אַ ראָר און צוגעשיט... דאָס סאַמאָוואַרל קאָכט אויף. ער גיסט זיך אָן אַ גלאָז: שוואַרץ ווי טינט. אַ מחיה. ער וואַרפֿט דער רביצין אַ דאַנקבאַרען בליק און זעצט זיך און שטעלט דאָס גלאָז פֿאַר זיך אויפֿ'ן טיש. ער וויל זיך שוין צורידהען מיט די ליפּען, קריגט מען מורא, ער זאָל זיך הס ושלום נישט סמ'ען. גיט עמיץ מיט אַ פּוס אַ זעץ אין טיש אַריין פֿון אונטען, דאָס גלאָז קערט זיך אום דעם רבי'ן אין שוים אַריין, דער טיי איז געווען קאָכעדיג — —

— — — — — — — —

דער גרעסטער להכעיס איז אָבער געווען אַן אַנדערער: געלערנט האָט מען איזהו נשך, און ער האָט געפּייניגט מיט קשיות און פֿערלאַנגט מיט'ן מוהל-נאָגעל תירוצים... קיין גרויפּער למדן איז ער ניט געווען. מיר האָבען געוואוסט, אַז עס איז ניט זיינע קשיות, נישט זיינע תירוצים. פֿלעגט מען זיך אַמאָל אַ שבת אַריינכאַפּען אין בית-המדרש אַריין, הורכקוקען אויף אויפֿדערזאָך די סוגיא מיט תוספות, מהרש"א און אַנדערע מפרשים און אונמאָג פֿריה האָגלען אויף איהם מיט קשיות. אַ קיילעכדיג, פֿעט יודעל געווען, — ער שוויצט, הרעדט זיך ווי אַ וואָרם, די קיילע-

דיגע אויגען וואַרפֿען זיך אין שרעק, און מיר פּלאַצען דערנאָך אַרויס מיט אַ געלעכטער... נעמט ער און קנייפּט...

פֿרייטאָג פֿלעגט ער אַלע איבערשמייסען, מכלומר׳שט אויף קאַטאָוועס: אַן אַלטער מנהג, מען זאָל געדענקען שבת. עס פֿלעגט אָבער אָפֿט וועה טהון...

און דאָך האָבען מיר איהם טיילמאָל ליעב, זעהר ליעב געהאַט...

אין אַ יומא דפּגרא פֿלעגען די יונגלעך ברענגען קליינגעלד (צווייערס, דרייערס, העלפֿטענס, צעהנערלעך). דערפֿון פֿלעגט מען מאַכען אַ סעודה. די סעודה איז בעשטאַנען פֿון דער רביצינס סחורה: הערינג, קיכלעך און הייסע באָבעס... זעצען צו דער סעודה פֿלעגט זיך צו אונז אויך דעם רבינ׳ס איינציגע טאָכטער... אַ בלאַס טרויעריג מיידעל מיט לענגליך פֿערנעפּילטע אויגען... און דער רבי פֿלעגט זי גלעטען איבער׳ן געלבליך־גאָלדיגען קעפּיל און איהר און אונז מעשיות פֿערצעהלען פֿון עין יעקב, פֿון מדרשים... אַן אַנדער מענש געוואָרען. אַזוי וויך, אַזוי האַרציג, און דער קול איז אָנגעזאַפּט געווען מיט אַזאַ מיטליידיגער גוטסקייט, אַז די בייזע רביצין, ביים בעהנדערן טישעל, האָט זיך די אויגען געווישט...

אַי, האָבען מיר איהם דעמאָלט ליעב געהאַט...*

דערנאָך האָב איך געליטען גלות: געלערנט ביי אַ מלמד אין דער פֿרעמד, אין שעברשין, דריי מייל פֿון דערהיים; דערנאָך אין דערהיים ביי אַ דיין געלערנט; פֿון דעם אין צווייטען פּרק. —

# נאָך נעפּעלדיגע יאָהרען.

תהו ובהו. בעקאַנטשאַפט מיט הינד. די ערשטע ליעבע. שיער ניט אין ברונען אַריין. מען פערשיקט מיך.

הייטער נעפּעלדיגע יאָהרען, אַ קינדעריש תהו ובֿהו... אַמאָל אַ שטיקעל וואַקס, פֿון אַלערליי הענד געקנאָטען; שטענדיג מיט צייכען פֿון פֿרעמדע פֿינגער אויף דער נשמה. און אַמאָל וועקט זיך, אויף אַ צייט, אויבֿ ניט צייכֿען פֿון ווילען, — קאַפּריזען און פֿערלאַנגען. און איך וואַרף אַרויס, ווי מען זאָגט, ווילדע שטיק... דאָס אינערליכֿע לעבען איז זעהר שוואַך. איך בין אַ שוואָם און זאַפּ אַיין. דאָס אַיינגעזאַפּטע פֿאַלט ערגיץ אַריין אין מיר, איך ווייס נישט דערפֿון, גלייך איך וואָלט דערביי נישט געוועזען... דאָס אויג זעהט, נור איך קוק נישט; דאָס אויער פֿערנעמט, איך הער מיך נישט צו. און ראַש מישט זיך אַליין, און איינס לאַגערט זיך אויפ'ן צווייטען... ווערט עפּיס אינערליך געבויט, קומען אָן נייע קינדערישע מאָמענטען מיט'ן ווינד, און פֿערשיטען יענע — בויען זיך הייזליך אויף הייזליך... דאָ און דאָרט שטאַרט עפּיס אַרויס, אַ שפּיץ דאַך, אַ וועטער-פֿעהנדיל, אַ שטיק קוימען...

— — — — — — — — — —

אַ „קאַלטע“ סוהמען האָבֿ איך געהאַט, מיין חבֿר יחזקאלס סוטער. אַ הויכֿע, מאָגערע יודענע, אַ בלאַסע, אַ קרענקליכֿע. פֿון איהר האָט ד"ר עטינגער זיין סערקאַלע געמאַכֿט. שרייט שטענדיג „אוי, מיינע כּחות!“ טרינקט אַליין אין איינעם מאַנדעל-מילך פֿאַר'ן האַלז און באַקט בעשטענדיג קעז-קוכֿען (דאָס איינציגע פֿון זיסקייטען, וואָס איך האָבֿ ליעבֿ) און עסט... און בעהאַלט איהם אויף אַ הויכֿער שאַנק, די קינדער זאָלען זיך, הלילה, הימעגאַליך נישט פֿערדאַרבֿען. און איך, אויס ליעבשאַפֿט צום קעז-קוכֿען, איהר להכעיס, און גלאַט, אַ קונץ צו בעווייזען — שפּרינג אונטער, חאַפּ מיך אָן אָן גזימס פֿון שאַנק, שלעפּ שטיקער און פֿערדאַרבֿ מיך ווירקליך

דעם מאָגען. און עס קומט דער אַלטער בייזער דאָקטאָר סקשינסקי. וואָס וועט מיך שפּעטער בעפרייען פון מיליטער, און פערשרייבט מיך עפּיס ביטערס און געזאַלצענס אין אַ פלעשעלע, אַ חייסע פּליסינקייט. און איך, אַז מען ווענדט זיך נור אָב פון מיר, גיס אויס די מיקסטור, גיס אַריין אַ ביסעל מילך מיט וואַסער און נעם איין אַלע שעה איין עס־לעפעלע, און בעט מיר יעדעס מאָל אויס אַיין אַנדערע מתנה און פערקרים מיך דערביי, גלייך איך שלינג גאָט ווייסט וואָס... קוים ווער איך געזונד,—סקשינסקי וואָהנט צו אונז ווי־זאַ־ווי, אַ פענסטער קעגען אַ פענסטער,—וואַרט איך איהם אָב ביים פענסטער, און ווי ער בעוויזט זיך, שטרעק איך איהם אַרויס די צונג. האַפּט ער אַ שטעקען און לויפט צו אונז אַרויף, מיר מקיים פּסק זיין, און אין שטוב בין איך אַליין... אָט לויפט ער שוין אויף די טרעפּ... רייס איך אויף אַ גרויסע רויטע שאַפע אין שטוב, שפּרינג אַריין און מרעף מיט איין פוס אין אַ טאָפּ אייער אַריין...

פאַרהאַן ביי אונז אַ שטיקעל גרין בעוואַקסענע חורבה, מן הסתם אין אַ פּראָצעס געשטאַנען. שפּיעל איך מיך דאָרט גאַנץ אָפט פאַרנאַכט מיט קליינע מיידליך אין חתן־כלה. דער חתן בין איך. איך מיט די פּייערדיגע אויגען. די כלה — מיינס אַ קוזינע, אַ מיידעל מיט לאַנגע צעפּ. און אַז דאָס שפּיעל פערלאַנגט, חתן־כלה זאָל זיך קריגען, וואַרפען זיך מיט די מתנות, חאַפּ איך אַ שטיינדיל, וואַרף, טרעף איהר אונטערן אויג, און זי בלייבט ביי'ן אַ ציילען ביז צו דער אמת'ער חופה...און דערביי בין איך גענעראַל און האָב אונטער מיר אַ גאַנצע מחנה חדר־יונגלעך... באַנקאָ־צעטיל האָבען דעמאָלט פערפעהלט, קליין־געלד — ווייניג, ערלויבט די רעגיערונג, מתרים זאָלען לאָזען אין קורס „קוויטליך“ אויפ'ן אָרט פון קליינגעלד, — מאַכט דער טאַטע קוויטליך, און איך — „שניעף“. און גיב אויס אויף הילצערנע שווערטען מיט פאַפּיערענע שיידען, אויף געפלאָכטענע שטריקליך צו די לענדען פון מיינע גבורים, און גרייט מיך צו'ן אַ מלחמה מיט די „לעשניטיקים“, ווי מען פלעגט רופען די „יונגען“ פון דער ניי־שטאָט, צווי ווייאָרסט אונטער זאַמושץ. דאָס „טרעפינג“ וועט זיין אין מיט וועג, אונטערן בשותפות'דיגען בית־עלמין... און האָב דערביי נחת פון אַ צופּלאָסען שטיק ר"ן, עגמת נפש פון ברי־מגדים'ס איבערשטרעכליך, טראַכט אויס פּשטליך און זאָג

פאַר די יונגע לייט — קעסט-קינדער, וואָס שלענדערן זיך אַרום אין בית המדרש... און עס איז דער פריה קיין אָנבייסן נישט, איך טרינק נאָר די קאַווע, און טראָג אַוועק די בייגעל מיט פוטער פאַר איין אָרים יונגעל, אַ יתום, וואָס וואַלגערט זיך אין בית המדרש אַרום, אַביגדורל-מלמד'ס יתום... אַזוי האָט מיך געהייסן דער חובת-הלבבות. און דאַווען על פי הנוסח פון „יד החזקה", און שטעה שמונה עשרה, ווי דעם רמב"ם וויל, ווי אַ סאָלדאַט אין פראָנט, די הענד ביי די נעט... און ווייס שוין, על פי הרלב"ג, אַז עס הויבט זיך נישט אָן: אליהו הנביא איז גאָר נישט געפלויגען אין הימעל אַריין...

און אַז על פי הרמב"ם זענען די נסים עפּיס כמעט גאָר קיין נסים נישט, קיין „שדוד המערכות". און ווייז חדושים אין בית המדרש אין דאַמען- און שאָך-שפּיעל. דאָס ברעט — אויסגעצייכנט מיט קרייד אין דער הויך, אויף דער פּאָדלאָגע פאַרן אָרון קודש (ריינער!), די שטיינדליך און די פיגורען — געקנעטען פון ווייס און ראַזאָווע ברויט, און געטריקענט אָדער אויסגעשניטען פון קאַרטאָפליס, די שוואַרצע — אין די שאָלען! און לויף אָפּט דאַוונען אין בעלזער שטיבעל אַריין: עס ציהט דאָס התלהבות — דער ברען, מיט'ן געשריי, מיט'ן קלאַפּען קאָפּ אָן וואַנד ביי שמונה עשרה... און צוליעב (ווי איך וואָלט היינט געזאָגט) דער שטילער שטימונג — צום גערער שטיבעל, צו שלש סעודות... און טרעף שוין — פון איין זייט צום „מורה נבוכים", וואָס שטעהט אויף דער העכסטער פּלקע (ווער ניצט איהם?), און פון דער צווייטער זייט — צום „עץ חיים"... איך וועל נאָך דערלאַנגען צום זהר... און חאַפּ אַ מאָל אַראָב איין „אורים ותומים" און שאַרף מיר דעם שכל, ווי אָן אַ שלייפשטיין...

פאַקטען פון קיים דריי „פערנעפּעלטע" קינדער-יאָהרען... וואָס טהו איך מיט זיי? אויף וואָס פאַר אַ שנירעל ציה איך אויף די שטיינדליך, גלעזליך און די פּאָר פּעריל?

אָט בינדט זיך מיר צוזאַמען מיין — בעקאַנט הערען מיט פיער-פיסיגע! דאָס וועל איך קענען פערציילען, ווי מען דאַרף!

די שטאָט, וואָס איך האָב גרייט געטראָפען, און וואָס, אַריינגעדרענגט צווישען וואַלין, פערגרעסערט זיך נישט און ענדערט זיך נישט, וועל איך ערשט זעהען אין שעבעשין, דריי מייל

פון דער היים, וואו אַהין מען האָט מיך (ווי ווייטער וועט זיין) צוגעגעבן צו אַ מלמד פֿערשיקט. אויף אַ גאַנצען זמן... מענשען זעה איך אויך עפּיס נישט. מהאי טעמא... אַ קליינע, רוהיגע שטאָט, פון וואַנדערן, עמיגרירען האָט מען נאָך קיין בּייזען חלום נישט, זעלטען עמ'ין „בעהט אַוועק, פון וואַנען מען קומט נישט צוריק", זעלטען ווערט עפּיס אין דער משפּחה געבּוירען... אַמאָל ערגיץ אויף אַ וואַכטנאַכט געווען און פאַר'ן „רויטען קליינעם שלימזל", וואָס מען האָט געוויזען, כמעט זיך דערשראָקען... איך געדענק נור דעם „היילך", די קנאַלען, ווען מען האָט די פֿעסטונג צושאָסען, דעם רבּינ'ס מיט דער רביצינ'ס שרעק, די מיערען פון די הייזער וועלען זיך שפּאַלטען... איך געדענק איך די שרעק, ווען עס האָט געבּרענט „אַיפּ'ן זייגער" אין טהורם איבּערן מאַגיסטראַט. מען האָט זיך געפּאַקט. אַ שניי און אַ שטורם. דער טהורם דער בּרענענדיגער וואַקעלט זיך, ער קען פאַלען און אַרויפֿפאַלען אויף די הייזער, רעכטס אָדער לינקס. צושמעטערן די שטאָט. אַוועקגעהן מיט'ן רויך... מען פאַקט זיך אין דער היים, און איך לויף אין שוהל אַריין, ראַטעווען די ספרי־תורה'ס...

מענשען וועל איך ערשט זעהען נאָך שפּעטער, אין אַפּט, צויזמיר, גרויס פוילען, וואַרשוי... דערווייל מאַך איך די נעהנטערע בעקאַנטשאַפט, ווי דערמאַנט, מיט בעלי־חיים אָהן לשון...

———

מיט קעץ האָב איך מיך בעקענט נאָך אין חדר בּיים רבּי'ן ר' בערישיל. בּיי אונז אין דער היים איז אויך אַ געוויסע צייט אַ קאַץ געווען, האָט מען זי משלח געווען, איך זאָל מיך נישט שפּיעלען מיט אַ קאַץ... קיה און אָקסען זעה איך גאָר וועניג. איך ווייס, פון וואַנען עס קומען: מילך, קעז, „פּאָדסמעטענע" (זויער־מילך) און סמעטענע... פערהאַן איך, מען בּרענגט אַ מאָל אויף אַ רפואה ציגען־מילך... זעהען זעה איך קיין אָקס און קיין קוה — נישט. „בּלעקען" און „מע" הער איך נור פון חברים, וואָס מאַכען עס נאָך אין אַ קינדער־שפּיעל. אָקסען און קיה פֿיהרט מען צו „אונז" (מיין זיידע איז פּאַכטער געווען) אין שחט־הויז אַריין, נור איבּער'ן שאָסע, אַרום שטאָט. קיין „בּטור", מיט וועלכען איך ווער בּעקאַנט, פֿריהער פון „לערנען", שפּעטער פון דער ליטעראַטור. — דרעהט

זיך אין זאַמאָשטש (אינם „קליינעם פּאַריז״, ווי די געגענט רופט עס) נ י ש ט אַרום....

מיט פערד — גוט בעקאַנט, איך, פערשטעהט זיך, געגוג פון דער ווייטענס... אין הויף פון „הייפעל״ אַ גרויס פיער-עקיג אַלט הויז, אויף פיער אַרומיגע גאַסען, אין עק שטאָט, ביי דער לעמבערגער בראָם, וואו מיין רבי האָט געוואָהנט, שטעהען פויערען אין מאַרק-טעג מיט די פוהרען... פון איינעם פון די וועגען האָט מען דאָך בעקומען, פון ראָד אַראָב, אַ ביסל שמירעכץ צום רבינ׳ס סאַמאָהאַרל. איך מאַך שמיטשקים פון פערדס-האָהר, נור איך אַליין רייס נישט. אַ ביסעל פחד, אַ ביסעל צער בעלי חיים...

די אָפיציערען פון גאַרניזאָן האָבען פערד. דער גאַרניזאָן געהט אַוועק, קומען קאָזאַקען, טהייל מאָל אולאַנען, הוזאַרען... אויפ׳ן פּלאַץ, ביים געזעגענען דאָס מיליטער, וואָס איז געגאַנגען פון אונז צום טערקישען קריעג, האָט אַרומגעטאַנצט אַ יונגער גע-נעראַל אויף אַ פערדיל, אַ שיינס, אַ סאַמיטינס, מיט אַזאַ חן, און מיט אַזוינע פליטערליך בעהאָנגען... אַז מען קריעגט אַ פירוש אויף „לסוסתי״ אין שיר השירים...

„פערד ווי לייבען״ האָט ישראל זשדאַנאָווער, ביי וועלכען מען דינגט פערד, איבּ מען דאַרף ערגיץ פאָהרען אין אַ נויטיגע זאַך, נישט שלעפען זיך מיט אַ פויערישער פוהר...

„זשדאַנאָוו״, דריי ווערסט אונטער דער לעמבערגער בראָם, איז אַמאָל געווען אַ יודישע קאָלאָניע. די פוילישע רעגירונג האָט געוואָלט צוציהען יודען צו ערד-אַרבייט און צוגעזאָגט הנחות פאַר יודישע קאָלאָניסטען: יאָהרען לאַנג פריי פון אָבצאָהלען און דער עיקר — פון מיליטער... פערלייגט די קאָלאָניע האָט ד״ר עטינגער. אַליין מיט די קינדער אין פעלד געאַרבייט... נישט מיינע צייטען. אין מיינע צייטען איז שוין ד״ר עטינגער לאַנג געווען אַ שוכן עפר. דיין זוהן האָט שוין צערקוועס געבויט, פון טאָג צו טאָג רייכער געוואָרען. „און פאָרט — האָט מען אויס קנאה געזאָגט — פיהלט מען איהם פון הענד דאָס מיסט, וואָס ער פלעגט פיהרען...״ און פון אַלע יודישע קאָלאָניסטען איז געבליבען איין ישראל, וואָס האָט געפיהרט נישט קיין שלעכטע ווירטשאַפט. געהאַלטען קיה (דאָס חייב צוטראָגט די מילך אין שטאָט, איך שבועות — איך פוטער

אָן גאָמולקיס, אין קאָנקורירט זעהר שטאַרק מיט'ן מילכיגער פון שו־טאַניעץ (איין אַנדערע זייט אונטער דער שטאָט), וואָס האַלט אייך „פערד, ווי די ליבען"...

דער מאמר־המוסגר וועט צו נוץ קומען. און איצט — די בעקאַנטשאַפט, וואָס ווערט פון מיר געמאַכט מיט הינד...

פריהער הער איך פון הינד...

איין אַלטע דייטשקע איז „אַוועקגעקומען", אַ פערזינדיגטע. געטראָגען אייגענע האָהר, און נאָך אַנדערע פלעקען נעהאַט אויף דער נשמה, פון וועלכע מען רוימט זיך אויפ'ן אויער, און מען פערציילט, אַז איהר נשמה איז אַריין אין אַ הונד, אין אַ שוואַרצען, „קודלאַטע" הונד (ער איז אַריין אין „מאָניש"), וואָס דרעהט זיך נאַכט אויף נאַכט אַרום אויפ'ן דאַך, איבערן הויז, וואו די האָט געוואָהנט. דער בעלפער, וואָס מאַכט פרייטאָג ביי אונז די פיש, האָט איהם אַליין געזעהען... סליחות־צייט געה איך מיט'ן טאַטען, אַ שטיק נאָך פאַר טאָג, צו סליחות, און זוך, נישט אין גאַנצען אָהן שרעק, דעם הונד אויפ'ן דאַך — קיין זכר; מן הסתם שוין „תקון" בעקומען...

חברים אין חדר און אין בית המדרש רעדען פיעל פון הינד, יונגע לייטליך — אויך. די הינד זענען אַ שטיין אין וועג... לאָזען קיין לעבעדיגען מענש פון שטאָדט ניט אַרויס...

אונטער דער לעמבערגער בראָם, נאָכ'ן בית־עלמין, נאָך דער ניי־שטאָט, אַ צוויי ווערסט ווייטער, איז פאַרהאַן אַ דאָרף יאַטוטאָוו. האָט יאַטוטאָוו אַ שענק מיט אַלטען מעט, בעריהמט אין דער סביבה. פריצים קומען אַהין טרינקען. אַ יונגען מאַן אויף קעסט ווילט זיך אַהין... פערצייטענס, פערציילט מען, פלעגען בעלי־בתים, יעדען זומערדיגען פרייטאָג, נאָכ'ן מרחץ אין אָדער־לאָזען, געהען קיין יאַטוטאָוו, אונטערלעהנען זיך, פאַר קבלת שבת, מיט אַ גלעזיל מעט... נישט היינטיגע צייטען... היינט קען מען שוין נישט. עפּיס בייזע הינד איינגעפיהרט. אַ קעסט־קינד האָט זיך געוועט, ער וועט זיך אַראָבחאַפּען... „האָסט אַ פסוק?" לאַכט מען. ניין... ער האָט אַ „ספּאָסאָב". הינד, האָט ער בקבלה פון איין אַלטען פויער, פגר'ן פאַר חייך־ברויט, אויסגעשמירט מיט שמיים פון אַ מענש. וועט ער נעמען אַ שטיק חייך־ברויט, אויסקנעטען אין די הענד, ביז ער

וועט עס דורכנעמען מיט'ן שווייס, און וואַרפן... מען געזעגט זיך (אַזוי פערציילט מען). ער געהט, קומט, מחילה, צוריק אָהן הויזען און אָהן אַ שטיק „ווייך-פלייש" פון אַ פוס. די זאַך קומט, ווי אַ בוימעל אויפ'ן וואַסער אַרויף; מען גיט אָב דעם בחור...

שיטאַניעץ, אונטער דער לובלינער-בראָם, נאָכ'ן שחט-הויז, האָט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אַ מילכיגער. האָט ער אַ שטיקעל „מילכיגע אַכסניא". פערקויפט ער זומער-צייט ערדענע שיסעלעך סמעטענע. פאַר אַ דרייער אַ שיסעלע. קאַלט, אַ מחיה, פון קעלער אַרויס, און גאָמולקיס מיט „קמינעק" (קימעל) — אויך בייזע הינד אין דאָרף!... מען קען אַפילו זיך אָבשטעלען ביים שאָסע, אַ געשריי טהון: יוסל! קומט ער אַרויס און פיהרט, דורך די כלבים, מיט אַ בייטש... קען אָבער אַמאָל יוסל נישט זיין אין דער היים, דערהערען וועלען די הינד! און אַליין דאָס בילען — איז ווייניג?

מען קען אַפילו אין שחט-הויז אַריין, וואו די שוחטים בראָטען און זענען מכבד מיט אייטער, נישט קומען; אַזוינע כלבים מיט בלוטיגע פערגאָסענע אויגאַנים. מיט די קצבים לעבען זיי גוט, די חיות רעות. לעקען ביי זיי פון די הענד און פון וואָלעווים אַראָב דאָס בלוט, מיט וועלכע זיי בעשפריצען זיך, — די שוחטים זענען שוין אַמאָל אין אַ סכנה. געהען לאַנגע קאַפּאָטעס, נישט שפענצער מיט שטריק, ווי די קצבים, — און הינד האָבען דאָס נישט ליעב... מען איז זיכער, אַז יודען, אַרויסגעהענדיג פון מצרים, האָבען אויך געטראָגען קאַפּאָטעס, און מען האַלט דעם „לא יחרץ" פאַרן גרעסטען צווישען אַלע נסים...

הינטערן פלאַץ, וואו די אָפיציערען וואָהנען, זענען פאַרהאַן גרינע טאָלען; שענער, ווי די לאָנקים ביים טייך אונטער דער שטאָט. און בלומען וואַקסען, אַ מחיה צו שפּאַצירען. דאַצו ליגען דאָרט פון פעסטונג געבליבענע קוילען און גראַנאַטען, אין דריי-עקיגע קופּעס (הויפען), כמעט אַ שרעק! און היינט מעג מען שוין קוקען, ווייזען מיט אַ פינגער, אַפילו אָנריהרען מיט אַ האַנד (נישט „ציעקאַווע?"). דאָס פעסטונג איז דאָך שוין אויס פעסטונג, די מויערען צושאָסען, ¾ וואַלען אָבגעשיט, — איז אָבער דער דורכגאַנג דורכ'ן פאָלקאָווניקס הויז, און אין פעדער-הויז שטעהט אַ הונד, אַ גרויסער, אַ שוואַרצער, אַ קודלאַטער (פון אידם האָט מען, זעהט אויס, אָב-

געמאָלט דעם גלגול פֿון דער דיטשקע?) — גרויס ווי איין — אָקס? אַפּילו אויף אַ קייט, אָבער, אַז ער רייסט איבער די קייט? וואָס איז ביי׳ן אַזאַ הונט אָברייסען זיך פֿון אַ קייט? בפּרט, אַז ער וועט דערזעהען אַ קאַפּאָטע? אַהין געהט נור מיין רייכער קרוב (אַ קאַלטער פּעטער) י. מ., וואָס האָט אַ הויז אין שטאָט, אַ פֿאָלוואַרק אונטערן שטאָט, אַ הויז אין וואַרשוי, וואו ער פֿערברענגט חדשים, און איז פּאָדריאַדטשיק, און קומט אין קלוב אַריין, און בעט אָפּט דעם פּאָלקאָווניק, מיט וועלכען ער האָט עסקים, צו זיך, און געהט אָפּט צו איהם אויף אַ פּרעפֿעראַנס... ער איז געוואָהנט צו הינד, האָט אייגענע אין פֿאָלוואַרק, ווייסט, ווי זיך נוהג צו זיין, און דער עיקר — טראָגט זיך שוין האַלב דייטש...

און אַפּילו קליינע, חנ׳ווד׳יגע, מיוחס׳דיגע הינטליך האָבען פֿיינד יודישע קינדער... עס שטערט דעריבער דאָס באָדען זיך זומער, ביים טייכעל. אַרום זענען לאָנקיס פֿון פֿעכטונג, פֿון געוועזענעם; נעמט אַראָב דאָס היי דער געוועזענער, ווי עס זעהט אויס—דער פֿערגעסענער „סמאָטריטעל״. וויל ער נישט, יודישע קינדער זאָלען געהן זיך באָדען, ווייל זיי האַלטען זיך נישט אינ׳ם שטעגיל, וואָס פֿיהרט צום טייכיל און לויפֿען, און יאָגען זיך איבער גראָז און היי. און דער שטאָלער גאַנג פֿון שטאָט אַרויס, — אייב מען וויל נישט מאַכען אַ גרויס אומוועג, דורך דער שעברשינער בראָם, איבערן שאָסעע און דערנאָך לינקס איבער די גריבער! — איז פּונקט צווישען אַ פֿערגעסענעם וואַל און די פֿענסטער, וואו דער סמאָטריטעל וואָהנט... וואָלט אייגענטליך דער סמאָטריטעל נישט געווען אַזוי געפֿעהרליך. ער שפּיעלט גאַנצע נעכט אין קלוב אין קאָרטען („אַיין אייגענס זאָל מען האָבען, וואָס י. מ., אונזער גביר, פֿערשפּיעלט צו איהם נאַכט איף נאַכט; ער דאַרף איהם האָבען!״) און ביי טאָג האָט ער ליעב דעם ביטערן טראָפּען — טרינקט ער און שלאָפֿט... ער וואָלט נישט געהערט, חאָטש זומער שלאָפֿט ער ביים אָפֿענעם פֿענסטער („וואָס אַ גוי קען!״), און מען שלייכט זיך פֿאַרביי שטיל: פֿאַר׳ן הויז נעמט מען שטיוועל און שיך אַראָב, מען געהט אויף די שפּיץ־נעגיל, מען האַלט דעם אָטעם איין.. מען הערט, ווי דאָס אייגענע האַרץ קלאַפּט, און דער סמאָטריטעל שנאָרכט...

וואָלט גוט געווען? האָט ער אָבער אַ ווייב! און זי שפּיעלט

גישט אין קאָרטען און טרינקט ממש גאָר נישט... זי איז אַ „שם דבר“, דעם כמאַטריטעלס פלונית׳טע, און אַזוי מאָלט מען זי: „אַ הויכע ווי אַ דראָנג, אַ דאַרע, ווי אַ שטעקן, אַ פלאַכע, ווי אַ ברעט, אַ פנים (נאָך פּאָקען!) ווי אַ רייב־אײַזען, מיט אַ בעזים־קוויטען איבערן שפּיציגען קאָפּ“ — מען האָט דערפון אַ ליעדעל געמאַכט, געווים האָב איך מיטגעהאָלפען...

וואָלט די אָבער אויך נישט געפעהרליך געווען. ערשטענס — אַ מזג־טוב פון אַ גוי׳ע. קינדער, אַפילו יודישע, און קאַפּאָטקאַליך, האָט די ליעב אהבת נפש; מען זאָל זיך לאָזען, וואָלט זי אין גאַס געכאַפּט און געקושט, קען זיין, ווייל זי אַליין האָט נישט און האָט נישט געהאַט קיין קינדער... און דריטענס, אויב זי לויפט נישט אַרום אײַנקויפען אין מאַרק, אין די געוועלבער, וואָס פער־נעמט איהר ¾ טאָג, זיצט זי איינע אַליין אין שטוב און לעגט זיך קאָרטען. און אין מיטען אַ פּאַסיאַנס, מעג זיך די וועלט איבערקעהרען, ריהרט זי זיך נישט פון אָרט... עטליכע יאָהר שפּע־טער האָט זי אַמאָל דערהערט אַ שטאַרקען קלאַפּ פון מאַנס שטוב, אַ זעץ, ווי עמיץ פאַלט אַראָב פון בעט, — אַרײַנגעקומען איז זי, אַ שפּאָר ביסעל צו שפּעט! געענדיגט פריהער דעם פּאַסיאַנס און — אַ קאַלטען מאַן געפונען...

וואָלט זי, הייסט עס, קיין שטערונג נישט געווען! האָט זי אָבער — אַ הינטעל! און אַ הינטעל אַ „יקר המציאות“, אַ מיוחס־דיגס... שפּעטער, אַז זי איז אַיין אַלמנה געוואָרען, און אונזער פעלדשער האָט געכאַפּט דאָס גרויסע געווינס, האָט ער ביי׳ן איהר דאָס הינטעל אָבגעקויפט פאַר אַ מטמון. מען זאָגט פאַר שש מאות זהובים! און — ער האָט זיך געקויפט אין שטאָט אַ הויז, וואו ער האָט געעפענט אַ מאַגאַזין פון ביכער „אויף אַלע לשונות“, צו בילדען די שטאָט, און אַ קליין הייזיל אונטער דער שטאָט... דאָס הויז אין שטאָט מיט׳ן מאַגאַזין האָט ער איבערגעגעבען די זיהן און ער אַליין (שוין אַיין אַלמן) האָט זיך אַרויסגעצויגען מיט׳ן הינטעל אין הייזיל אַרײַן אונטער דער שטאָט, אויף התבודדות און חשבון הנפש. און איך האָב דעמאָלט קוים אָבגעהאַלטען מיינע חברים, זיי זאָלען זיך נישט נוקם זיין אינ׳ם „יודיש געוואָרע. עם הינ־טעל“ פאַר זיינע חטאים, ווען עס איז אַ גוי׳יש הינטעל געווען...

דערווייל אָבער איז נאָך דאָס הינטעל ביים סמאַטריטעלס ווײַב, און איך דאַרף עס דאָ פערציילען זיין גרויסע זינד!

איז'ן איז עס אַ הינטעל, ווי דערמאַנט, איין אײדעלס, אַ סאַמיטינס, אַ שוואַרץ גלאַנציגס, מיט איין ווייסען פלעק צווישען די אייגאַליך, וואָס זעהען דעריבער אויס, ווי געבלענדט. און פיסליך האָט עס דינינקע, אינטען — די פיספעלעטליך — איבערגעביגענע, עס זעהט אויס, אַז עס געהט אויף די קניען... און אין גאַנצען אַ ציטעריגס, מיט אַ ציטעריג ביי־קול'עכיל. און אַז עס ווערט מיעד, זיצענדיג ביי דעם סמאַטריטעלס פלונית'טע אויף דער שויס, ביים פאַסיאַנס, און עס האַפט זיך אַ ביסעל לופט צו שעפּען, אַ ווײַלע ארויס פאַר דער טהיר, און דערזעהט אונז, אונז יודישע קינדערליך, הייבט עס אויף דאָס ציטעריג בייקול'עכיל און וועקט אויף דעם סמאַטריטעל, וואָס ווייסט שוין, וואָס עס בעטייט. און שיקט אונז נאָך זיינע לייט, אונזער אָנטהון צו פערנעמען... איז אַ חרפה, און אַ האַרצווייטאָג — די ציצית ביי גוים אין די הענד! מוז מען זיך אָבקױפען אָדער אַזוי לאַנג שרייען און וויינען, ביז די לייט קריגען רחמנות, אָדער עמיץ קומט אָן און לייזט אויס.

טאַטע־מאַמע זאָגען: „אַ לעבונג אויפ'ן סמאַטריטעלס קאָפּ! עס וואָלט דען איינגעזעסען אין חדר נאָך ספירה!“

פון הינט פערציילט אויף מיין קראַנק ברודערלס נ'אַניע. אַ קרענקליך ברודערל געווען, נאָך מיר דאָס דריטע... עס דאַרף השגחה. דער טאַטע פאָהרט אַרום צו פריצים וועגען מסחר, די מאַמע — אין געוועלב, דאָס שוועסטעריל — צו קליין, שפּיעלט זיך נאָך אין ציילען, אָדער פאַרן געוועלב אין זאַמד. צום ברודעריל נעמט מען צו אַ גויע פון דאָרף.

איז עס אַ קליינע, אַלטע גוי'ע, שיטערליכע ווייסע האָהר, אַ איינגעדאַרט פנים; קליינע, נור שטילע אייגאַליך, און פייכטע, האַלב־פער'שכורטע; זי טרינקט, און טרינקענדיג ווערט זי נאָך בעסער, נאָך געטרייער. האָט אַ מאַן אין דאָרף, צו וועלכען זי בענקט, האַפּט זיך אַרויס פון צייט צו צייט, און קומט צוריק — צושלאָגען, צובײלט, אָבגעצויגען, האַלב נאַקיט... און ווערט צום הויז נאָך צוגעבונדענער, נאָך געטרייער... שלעפּט זי מיין קראַנק ברודעריל איין מיט געזאַנג און מיט מעשיות... פערשטעה איך ווייניג פויליש, נור איך שטויס מיך, טרעף, וואָס מען מיינט.

האַפּ איך מיך אַמאָל, פאַרנאַכט, אין שטוב אַריין, לעג מיך אויפ'ן בעט, כּבֿלומרשט — קאָפּ־ווייטאָג, און הער מיך אַיין, ביז די מאַמע קומט און גיט „וויעציערע“ — אַ אשה, אָבער עס ציהט!

זינגט זי איהם „קאָלענדיס“, געצויגענע, לאַנג געצויגענע, און איך וואַרט אָב מיט שטילען האַרץ־קלאַפעניש אויפ'ן רעפרען:

-- העי, קאָלענדאָ, קאָ—לענדאָ!

און האָב דערביי אַ שרעקליך רחמנות אויף דער אָרימער, פערלאָזטער, געשטופּעלטער גוייע. איך ווייס, אַז עס איז מעהר ווי חיעגען־ליעדער, אַז עס איז איהר געבעט, איהר תּפלה, און — ווער הערט זי? די תּפלה צוגעהט זיך אין אַויר... אַפילו זייער קלויסטער זינקט דאָך יעדען טאָג אין דער ערד אַריין. אויף אַ האָהר (איך האָלט אַ בעלן געווען מעסטען, געפינען אַ „ספּאָסאָב“!)... אויס רחמנות וואָלט איך איהר „די אייגען געעפענט“, זאָל זי אַוועקלעגען דעם טעות... איי, אַ ישר! יונה, וואָס האָט נישט געוואָלט וואָרענען נגוה, איז בעשטראָפט געוואָרען... מיז איך אָבער וואַרטען, ביז איך וועל אויסלערנען צו רעדען בעסער פּויליש... (אַז איך האָב שוין געקאָנט, איז זי שוין נישט געווען, און איך האָב שוין דעם חשק נישט געהאַט...) אַמאָל, פאַלט איהר אַיין, פערציילט זי (האַלב שכּור) פון אַ גויישען מלאך המות — אַ פּאַננע, װאָס פליהט אַרום אין דער לופטען און האַלט, און פאָכיט מיט אַ ווייס לייליל... און דער, אויף וועלכען די פאָכיט, — געהט פון דער וועלט; איז עס אַ שטאָדט, ווערט אַ מגפה... נאָך מעהר טעות! איך ווייס דאָך: דער מלאך המות איז אַ מאַנספערשוין, האָט טויזענד אויגען...

איז אַמליעבסטען, ווען זי פערציילט וועגען חיות ובהמות פון דאָרף. ליעבער פון פּריצישע און דאָרפישע הינד. דאָס פערציילט זי לעבעדיג, מיט בעוועגונגען, מאַכט נאָך מימיש דאָס בילען. דאָס האַפען, דאָס לויפען...

די פּריצישע הינד זענען פלינקע, געהען אויף געיעג; אויף לאַנגע שנירען נעפידערט. אַז מען גיט אַ בלאָז, לאָזט מען זיי אָב, פליהען זיי, ווי די ווינטען...יאָגען נאָך די חיות...און—גבּורים!—פאַלען אָן אַפילו אויף ווילדע חזירים, אויף בערען און וועלף. חאַפען געשיקט האָזען און פיקסען... אויף חזירים — אַ מצוה! אויף די האָזען וועקט זיך רחמנות, אויבוואָהל איך האָב קיינמאָל קיין האָז

גישט געזעהען און ווייס פון איהם נור פון דער תורה, װאו ער ווערט פערדעכענט צווישען די „גישט ריינע"... אָבער אַ ציטעריגס איז עס, לויט זי פערציילט, אַ שטיל ציטערינגס. אויף די פיקסען—אויך אַ מצוה; ווערגען די היהנער, אַזוי פערציילט זי! און לויפען, דאָס ווייס איך, איבער די תורבות פון בית־המקדש... און פון „שיר השירים" ווייס איך, אַז זיי פערדאַרבען די וויינגערטנער אין ארץ־ישראל... קלוג זענען זיי, די פיקסען, איך ווייס: „משלי שועלים". אָבער וואָס טויג מיר זייער חכמה, אַז עס איז נור צום שלעכטען?

די פויערישע הינד זענען אויך בריה׳ס. היטען פאַר גנבים... זיי ליידען פיעל. מען האַלט זיי, דאָס מעהרסט, אויף קייטען, אַזוי הייסט די פאָליציי. און די גנבים סמ׳ען זיי... און די הינד זענען אַזוי געטריי! זיי בילען און וועקען דאָס דאָרף, קיים בעווייזט זיך אַ פונק, אַ שׂרפה. אָדער ווינטער־צייט, אין די גרויסע פרעסט, ווען די חיות, פון הונגער געטריבען, לאָזען זיך פון וואַלד אַרויס צום ישוב — באַלד אַ רעש, אַ געפילדער! חאַפּען זיך די פויערן אויף, לויפט מען אַרויס מיט שטעקענס, מיט דרענגער, מיסט־גאָפּלען, הו־האַ! מען רינגעלט אַרום, מען קלאַפּט דער חיה אין קאָפּ אַריין, מען צושמעטערט איהר דעם קאָפּ.

„און פאַר וואָס חאַפּען זיי אין שטאָט די „היצלים" (הינד־שלעגער)?

— — — — — — —

און באַלד איז מיר בעשערט געווען צו בעקענען זיך מיט לעבענדיגע פריצישע הינד.

דער טאַטע, ווי דערמאָנט, האַנדעלט מיט פריצים. דאַרף ער אַמאָל, אין אַ ווינטער־טאָג, אַרויספאָהרען צום פריץ קיין סטאַבי־יאָוו, פאַלט איהם איין, מיך מיטצונעמען. פערפאָהרט ער צום „הייפעל" צו, קומט אין חדר אַריין. — אַ מאַמר המוסגר: עס איז קיין מנהג נישט, צו פאָהרען איבער דער שטאָט. ווער דאַרף וויסען, װער וואו אַהין עס פאָהרט, וואָס פאַר אַ געשעפטען עס־יז האָט? אַ קליינינקייט: קאָנקורענץ און עין הרע!

אַפילו מיין רייכער קאַלטער פעטער, דער דערמאָנטער י. מ., וואָס געהט איבער דער שטאָט מיט פערלעגטע הענד הינטער זיך, אַפילו ער, האָט מען שיקט נאָך איהם זיינע אייגענע פערד פון

פּאָלוואַרק, פּאָהרט איך אַרויס נישט פון מאַרק, נור פון הינטער־געסיל; געהט דורכ'ן הויף צו דער בּריטשקע. אַנדערע געהען אַרויס פון שטאָט און זעצען זיך איף. מאַכט מיין טאַטענס פערפאָהרען פאַרן הייפעל אַ השם. אַז ער געהט אַרויף אויף די טרעפ, געהט מען איהם נאָך; עס מוז נישט זיין אומזיסט! געעפענט די טהיר, לאָזט מען זי איהם ניט צומאַכען: הינטער איהם אין טהיר בּלייבּט שטעהן מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אַ יוד, הינטער איהם — עטליכע ווייבּער. דאָס חדר גאַפּט. און אַז דער טאַטע זאָגט, נאָך וואָס ער איז געקומען, גאַפּט מען נאָך מעהר. מיין טאַטען האַלט מען „איך" שוין לאַנג פאַר אַ „נישט גלייכען"; „איך", ווייל איך בּין שוין גאָר אַ „פערלוירענער"...

— ר' יודעל — פּרובּט זיך דער רבּי, ס'טייטש, בּטול־תּורה?

דער טאַטע צולאַכט זיך. ער ווייסט און אַלע ווייסען, אַז איך און יחזקאל זענען מיר פריי פינף אויף זעקס טעג אין וואָך. ער, אַ געלאַסענער, הערט זיך איין צום שיעור בּאַלד זונטאָג און פערטרעט דעם רבּי'ן, וואָס איז אַמאָל פערנומען מיט אַ בּיי־פּרנסה, אַ שדכנות צי אַ בּוררות, און גאָריט מיט די חבֿרים. איך ווייטער לערן ערשט פרייטאָג... פרייטאָג קריגט דער רבּי „בּחצי חנם" אַ בּאָבּעלע פון ר' משה יצחק'ס גאָרקיך, פאַר אויספיהרען עפּיס אַ שדוך. איז פאַר'ן בּאָבּעלע די ערשטע רעפּעטיציע צום פערהערען איף שבת, און איך לערן, — נאָכן בּאָבּעלע. האַלט זיך דער רבּי בּיי איין ווישען די פעטע וואָנסען און אָבשאָקלען די בּאָרד, און איך פיהר דאָס חדר בּיד רמה!

פאָהר איך. יחזקאל וויל מיט. דער טאַטע האָט'ס מורא צו נעמען. ער וועט זיך, חס ושלום, פערקיהלען, וועט ער זיך בּיי פריידאלין (זיין מוטער) קיינמאָל נישט אויסקויפען...

מען קומט אין פעלד אַריין — עס חאַפּט מיך אַרום אַ חייסע, דאָס ערשטע מאָל געזעהענע, ווייטקייט. דער טאַטע איז שוין פערטראַכט אין די חשבּונות מיט'ן סטאַבּראָווער פריץ, און איך בּין געבּלענד פון שניי, און פון די „בּרילאַנטען" איבּערן שניי, פון דער ציכטיגקייט און ריינקייט... די שטימונג, וואָס איך האָבּ איבּערגעגעבּען אין „וואָס אין פּיעדעלע שטעקט"; יואל פערציילט זי. איך גיבּ אַ קוק צום הימעל, און האַפּ אָן דעם טאַטען בּיים אַרבּיל:



י. ל. פרצ׳ס באָבע



י. ל. פרצ׳ס פֿאָטער

228
64
912
1368
14592

3 4 —

950
450
1400

— טאַטע, טאַטע, זעה אַ געגליווערטע זון, ווי אונזער אתרוג־פּושקע!

געוועזן בײַ אונז אײן אתרוג־פּושקע אַ מאַט־זילבערנע...

דער טאַטע אָבער לאָזט זיך פון זײַנע חשבונות נים אָבפירערן:

— רעד נישט קײן נאַרישקײטען... זיץ שטיל...

דערזעה איך דעם שמײסערס אַקסעל, אַזוינע ברײטע, און די קאַמישע, פּוטערנע קוטשמע אויפ'ן קאָפּ... און קוק פאַר מיר.... און זעה, ווי די פערדליך לויפען, לויפען... קלײנע, פלינקע פערדאַליך, שפּריצען פון אונטער די פיסליך גאַנצע וואָלקען שנײ־שטויב. און דער פויער זיצט און רירט זיך נישט, ווי אַ שטיק זאַלץ (דער פערגלײך—פון לוט'ס ווײַב!) זיצט ער, און די בײטש שטעהט איהם בײַ דער זײַט. ער דאַרף זי נישט! דער שליטען גליטשט זיך. נעמען די בײטש? וואָס וועט זאָגען דער פויער? אַ בײטש איז דאָך אַ יצר־הרע! איך שטרעק אויס די האַנד. דער טאַטע, אונגעדולדיג:

— ניטע!

איך ציה די האַנד צוריק. עס ווערט מיר קאַלט, דעם טאַטען זאָג איך נישט, איך בין אויפ'ן ברוגז. דערווײַל פערפאָהרט מען פאַר'ן הויף. ווי אַ שטעטיש־הויז... נור הינד שפּרינגען אַרויס, ערגיץ פון אַ ווינקעל... אײנס, צוויי דרײַ, פיער — — איך צײהל, נישט אָהן שרעק... הינד גרויסע, מיט די צונגען אויס די מײַלער, טהייל בילען... אַלע שפּרינגען צו... דער טאַטע מאַכט זיך נישט פון זײ. שפּרינגט אַראָב פון דער פודר, טהוט אויס דעם פעלץ, וויקעלט מיך מיט איהם אַרום, געהט צום הויף צו. (אַ גבור, דער טאַטע!) טהייל הינד געהען איהם נאָך, בילענדיג... („אײַ, אַ גבור!!!”).

צוויי אָבער בלײַבען, שטעלען זיך, פון בײדע זײַטען שליטען, אויף די הינטערשטע, אָנגעשפּאַרט אויפ'ן שליטען מיט די פאָדערשטע פיס. איך זעה בחוש, זײ נישטערן מיט די אויגען אין שליטען, זוכען מיט די ציטעריגע נעז, — נישטאָ עפּיס גוטס? דער פויער, וואָס האָט אָנגעהאַנגען האָבער פאַר די פערד און זיך אויך גענומען צום עסען, וואַרפט זײ שטיקליך ברויט און שטיקליך חזיר־פעטס. דאָס ברויט רירען זײ נישט, דאָס חזיר־פעטס שלינגט מען!

דאָס געפעלט מיר נישט!

— — — — — —

װערט אַ גרױסע ענדערונג.

שבת, פֿערהער איך מיך בײַ ר׳ משה װאהל, בײַם רבֿ. פֿון איהם האָב איך געמאָלט אין די „פּיער הורות“ ר׳ זישען... אַ מזל טובֿ. מיך האָט ער ליעב, און זאָגט דעם טאַטען:

– ער דאַרף אַײן אַנדערן מלמד.

– װאו נעמט מען?

– שיק איהם קײן שעבערשין צו פּנחסלען... (פֿון ר׳ פּנחס־לען – שפּעטער).

– װאָס װעט זאָגען ריװעלע?

– װײסט די װאָס, יודעל? פֿריװ אַ זמן אין בית המדרש. זאָל ער לערנען אַלײן.

בלײַבט אַזױ. עס איז טאַקי ענדע זמן. איך זאָג צו, אַז איך װעל גוט זײן, פֿרום זײן, אַ מתמיד זײן. און װער פֿרײַ! און האַפּ מיך מיט געשמאַק צו חקירה און קבלה־ספרים... און נאָך מעהר לױף איך אַרום... טהו מעשים.

טױג נישט. בלײַבט, מען מוז בעקומען אַ רעכטען מלמד. דערװײל זאָל איך לערנען אין דער הײם. און, כדי איך זאָל ניט קע־נען אַרומלױפען, נעמט מען מיר די שטיװעל צו אױף אַ גאַנצע װאָך. מיר מאַכט ניט אױס. לױף איך אַרום אין די שטעק־שיך אין הױף. װערט ענג, װאַרף איך מיט פֿיס־בעװעגונגען די שטעק־שיך אױפ׳ן דאַך אַרױף, און חאַפּ מיך, דורך אונזער גאַניק אַרױף אױפ׳ן דאַך פֿון צװײשטאָקיגען הױז אַרױף, אַראָבצונעמען זײ. דערזעה איך די שטאָט דאָס ערשטע מאָל פֿון דער הײך, מאַכט עס אױף מיר קײן גרױסען רושם נישט. העכערע, דרײ־שטאָקיגע הײזער, פֿערשטעלען זי... דערמאָן איך מיך, װאָס איך האָב געהערט, אַז פֿון גאַניקיל, אַרום זײגער־טהורם איבער׳ן מאַגיסטראַט, זעהט מען נישט נור די גאַנצע שטאָט, נור אַרום און אַרום שטאָט אױף אַ מהלך! חאַפּט מיך אָן אַ גליסטונג דאָס צו זעהען. קריך איך אַראָב פֿון דאַך און געה אַרום טעג אין טראַכט, װי אַזױ גנב׳ט מען אַװעק די שטיװעל, און װי אַזױ בעקען איך מיך מיט׳ן אַלטען זײגער־מאַכער, װאָס געהט יעדען טאָג אַרױף, אָנציהען דעם זײגער, ער זאָל מיך מיטנעמען...

זאָגט מען: אַ ביסעל געלאַסענער געװאָרען... שמײכעל איך אין מיר אַרײן און טראַכט װײטער... דערװײל, שטעהענדיג אַמאָל פֿער־

שראַכט אויפֿן גאַניקיל, הער איך, ווי דער טאַטע, אַרויסקומענדיג פֿון טהיר צום גאַניקיל (מיך, שטאַרק פֿערנומען, זעהט ער נישט), דופּט צו דער צווייטער טהיר, און קיך אַריין:

— מירעל, זייטשע מוחל, לויפֿט אַראָב, נעמט אַ שליח און שיקט צו ישׂראל'ן קיין זשדאַנאָוו, ער זאָל תּיכּף ומיד קומען מיט די פֿערד...

מירעל ענטפֿערט: גוט, גוט! זי וועט זיך נור אָנטהון, נור האַפּען אויף זיך עפּיס... דאָס וועט דויערן! נעם איך, חאַפּ און לויף קיין זשדאַנאָוו. דאָס גאַניקיל פֿון זייגער ווערט דערווייל אָבגעלעגט. לויף אין די שטעק-שיך. און גאַס קוקט מען מיר נאָך, מען רופֿט: משוגענער! מען וויל מיך פֿערהאַלטען. איך דרעה מיך אויס, ווי אַ שלאַנג. חאַפּט מען מיך אומגעריכט, רייס איך מיך אויס, און לויף, און קום... און פֿרעג (אַזוי פֿיעל פּויליש קאָן איך שוין) אַ פּויער פֿון דאָרף, וואו ישׂראל'ס הייזעל איז? „טאַם", און ווייזט מיר מיט'ן פֿינגער. איך מיין, איך ווייס, און לויף, און פֿאַל אַריין צו'ן אַ שכן אַ דייטש, אַ רייכען קאָלאָניסט. און באַלד נאָך דער פֿורטקע פֿאַלט צו אַ הונד, גיט אַ שפּרונג צו דער ברוסט, לעגט מיר די פֿעדערשטע לאַפּעס אויפֿ'ן אַקסעל, און קוקט מיט זיינע גרויסע, רויט-קלוגע אויגען אין מיינע אויגען אַריין: ביסט אפשר אַ גנב! אַ געלערנטער הונד, און וואַרט, עמיץ זאָל אַרויסקומען... וואָס איך פֿיהל, מאָלט אייך אַליין. דעם הונד פֿערשטעה איך ווייניג. און אַ הונד איז ער אַ גרויסער, אַ ברוינער, אַ האָהריגער... דער מוטערס מילך ווערט מיר ענטרינען. און שרייען קען איך נישט, פֿערשניערט דער האַלז. אַ מערכה, מען האָט מיך, נאָך אויפֿ'ן וועג, פֿון ישׂראל'ס פֿענסטער'ל דערזעהען. תּוך כּדי דבור שפּרינגט איבערן פּלויט אַ מיידעל, חאַפּט אָן דעם הונד ביים אַקסעל, גיט איהם אַ שליידער אַוועק און פֿיהרט מיך אַרויס צו ישׂראל'ן...

זיין טאָכטער געווען...

אַ מיידעל, אַ יונגס — בלוט און מילך. אויגען קלאָרע, קלוגע און זיסע. אַ נעץ פֿון שוואַרץ-גלאַנציגע האָהר. אַ שטיק פּירוש צו שיר השירים... און אַזאַ גבורה... וואָלט איך געקאָנט קומען פֿון די לעמפּערט-בערג...

און אַז עס מאַכט זיך שפּעטער אַ מעשה, אַז איך פֿאַל שיער

נישט אין ברונען אַריין, פֿערדריסט מיך, פֿאַר וואָס האָט מיך פֿער־האַלטען עפּיס אַיין עלטערע יודענע און נישט זי...

זי חלומט זיך מיר יעדע נאַכט... נור אַרויסגעהן קיין זשראַ־נאָוו, זי זעהען, פֿאַלט מיר אַפּילו נישט אַיין...

פֿאַר דאָס פֿאַלט מיר אַיין גאָר צו בעווייזען אַ גבורה און אָנחאַפּען אַ געלען גרויסען הונד ביים עק... און ער גיט זיך אַ רוק אָב, אַ שפּרונג אַרונטער, און אַ שפּרונג אַרויף מיר איפ׳ן אַקסעל...

איך האָב ביז היינט אַ צייכען...

האָט זיך שוין איבערגעפילט די מאָס, שיקט מען מיך קיין שעבערשין, צו ר׳ פּנחס׳לען...

— — — — — — —

אָט אַזוי רייסט זיך אַריין, ווענינגסטענס האָט זיך אַריינגערי־סען אַ שטיקעל נאַטור צו׳ן אַ יודיש יונגעל אין האַרץ אַריין...

## זאַמושטש — שעבערשין — זאַמושטש. — די לעצטע צוויי מלמדים. — חלומות.

— איהר, אַלס קינסטלער, רעאַגירט נישט דירעקט אויף געגענוואַרטיגע פֿאַקטען... זיי מוזען פֿריהער ווערען פֿערגאַנגענהייט, עררינערונג. העכסטענס שפּיצט איהר צו אַיין עפּילאָג צו לאַנג הינטער די קוליסען אָבגעשפּיעלטע אַקטען...

די בעמערקונג האָט מיר אַמאָל געמאַכט אַ צופֿעליגער רייזע-בעקאַנטער, און דערביי אַזוינער, וואָס האָט, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין ווייטערן געשפּרעך, געלעזען פֿון מיינע זאַכען וועניג און אויך נור אין דייטשער און רוסישער איבערזעצונג.

— איהר — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל — עסט פּיללייכט פּרוכטען פֿון בוים אַראָב, אונז גיט איהר זייער עקסטראַקט. אַ דאַנק, וואָס מיט'ן פֿרישען גערוך.

וואָהר איז: אויף געגענוואַרטיגע פֿאַקטען, זאָגאַר אין פּריוואַטען לעבען, רעאַגיר איך שוואַך אָדער גאָר נישט. די פֿאַקטען זענען דאָס מעהרסטע פֿאַר מיר צו טריוויאַל. די מאָטיוען געמישטע, פֿערפּלאָנטערטע; די פֿאַרבען — גרעל, די טענער — צו שרייענדיג, די ליניען — גראָב!

אין דער עררינערונג ווערט אַלץ פֿערפֿיינערט און גערייניגט... אין לעבען בעט איך נור: זאָל דער וואַל אַריבער! פֿאַר'ן אַריבערגעהן, פֿערמאָג איך פֿאַר יעדען וואַל אַ גרויסע דאָזע מיסטישע רעזיגנאַציאָן און פֿילאָזאָפֿישע שטאַנדהאַפֿטיגקייט. צוברעכען לאָז איך מיך נישט. מיין אינערליכקייט היט איך אָב פֿאַר יעדער מינדסטער אַריינמישונג. עס רעגענט מיט אַל-דאָס בייז; אינערליך הער איך נישט נאַס... די אַלע וואַלען אָבער, אָבגעשווימען אין לעבען און בעגייט אין דער עריננערונג, בעקום איך ליעב. פֿון דריי

פנחס׳לען! ווער ר׳ פנחסל איז און וואָס ער איז, ווייס איך נישט. אפשר האָט מען מיר אויסגעזוכט אַ תלין? איך דערפיהל אַ ביטערקייט אויף דער צונג. און אינערווייניג הער איך אַ שטימע:

— שאָד נישט!

שעברשין איז מיר נישט פרעמד... די שעברשינער יודען רופט מען לגנאי: שעברשינער „פלאַכטעס״. פאַרוואָס, ווייס איך נישט, ווי איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען רופט די ניישטעטער: „לעשניקים״ און אונז — „זאַמושצער פרעסער״; נישט אַלע זענען דאָך מוהמע-פריידעלס, וואָס באַקט שטענדיג קעז-קוכען... ביי אונז אין דער היים עסט מען אַלע טאָג קאַשע מיט יויך...

פון שעברשין האָב איך אפילו פיעל געהערט. זאַמושץ האָט בעשטענדיג מגע ומשא מיט שעברעשין. פערענגט, ווי געזאָגט, צווישען וואַלען, אַלס געוועזענע פעסטונג, וואָס לאָזט זיך נישט צושפרייטען, האָט זאַמושץ נאָך היינט איהר פאָסט-אַמט אויף דער ניי-שטאָט, און דעמאָלט — דעם אַלטען סאָנד (סוד, געריכט) אין שעברשין, דאָרט זיצט דער אַסעסאָר, וואָס פסקיט אי דיני ממונות אי דיני נפשות און האָט צו שאַפען איבער טויט און לעבען. פון זאַמושץ פיהרט מען צו איהם אין קייטען גנבים... פון טאָמאַשאָוו, וואָס ביי דער גרעניץ, אָבטרעטענדיג אין זאַמאָשץ ביים פאוויאַט, וואו מען מאַכט נאָך אַמאָל אַ פראָטאָקאָל — קאָנטראַבאַנד, אַרומגערינגעלט מיט אַ וואַך פון גרעניץ-זעלנער אין גרינע לאַמפּאַסען... פון הויף פון פאָוויאט האָט איינמאָל דודל גנב, אביגדור מלמד׳ס פערלאָזטער יתום, אַראָבגעגנב׳עט פון דער פוהר, אין דער וואַלדס אויג, אַ פעקילע זיידענצייג, און בעפרייט אַ יוד, אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ פאָטער פון אַכט קינדער, פון תפיסה. דעמאָלט האָט איהם די שטאָט אַלץ מוחל געווען; געגלעט איבער׳ן היטעל, געקניפען, פאַר דער קונץ-שטיק, אין בעקיל. און נישט איינער האָט געזאָגט:

— קום צו מיר אַריין נאָך אַ העמד.

אין ציוויל-זאַכען פאָהרען צו די „ערכאות״ בעלי-דינים, וואָס די בוררים האָבען נישט אויסגעגלייכט, דער רב נישט געקאָנט פסק׳ינען, מענשען אייגעשפאַרטע, נצחונ׳דיגע, — נישט קיין לייטישע מענשען...

קיין שעפּערשין פּאָדרט אָפּט מיין חבר יצחקל׳ס פּאָטער פּ. ג.

פּ. ג. איז אַ שם דבר. אַ מושלם („אַיי־אַיי, נאָך וואָס פאַר אַ מושלם, כמעט אַ מלומד!״) און איין אפּקרס, אויף וואָס די וועלט שטעהט; זיין חלק לעולם הבא וואָלט מען נישט געקויפט פאַר אַ דרייער! און ער האָט עס בירושה, זיין פאָטער איז שוין אויך געווען פון די לייט... אַ מדקדק, איין בעל קורא אין דער וועלט, אַ חבר פון צעדערבוים, אייכענבוים און אַנדערע אַמאָליגע משכילים...

דאָס האָט ער עס מיך און מיין חבר יצחקל, זיין איינִיקעל, פ. ג.׳ס זוהן, געטרעננט צום „מורה נבוכים״. מיר האָבען גלאַט געווישטערט אין די שענק. אַראָפּגעכאַפּט גראָד דעם מורה נבוכים. ער איז גראָד דערביי געווען, —

— נישט פאַר איך, קונדייסים, נישט פאַר אַייערע קעפּ!

דאָס איז געווען געהען, מיר זאָלען שוין דאָס ספר נישט אַרויסלאָזען פון די הענד און דערנאָך האַלטען פאַר איהם עק־זאַמען...

זיין זוהן פ. ג. שטיינט איהם איבער.

גאַנצע מעשיות פערצעהלט מען פון איהם, די אייערן וועֿרען פיל.

זענען די מעשיות וועגען פּ. ג. וואָהר? מען פערצייהלט אַזוי פּיעל נישט אמת... און איך קען פרעגען מיין חבר יצחקל, היינט אַרצט אין זאַמושץ, און ער וואָלט מיר באַלד געענטפערט דעם אמת. איך וויל עס נישט טהון. וויל...

וויל די פאַבעל איז שטענדיג וואָהרהאַפטיגער פאַר׳ן חירק־ליך געשעהענעס; די פאָלקס־דיכטונג — פאַר׳ן אמת׳ן פאַקט... דער מענש פערבייגט זיין חילען, פערשטעלט זיין אמת פנים און טהוט, וואָס עס פאַסט. דער עולם האָט אַ נאָז, דערשפּירט דעם תוך אין דעם עצם־ענין פון מענש, און פערצייהלט פון איהם דאָס, וואָס ער וואָלט געטהון, ווען ער וואָלט געווען זיך אַליין געטריי; דאָס געשעהענע, וואָס וואָלט, ווען נישט צופעליגע שטערונגען, פון איהם אַרויסגעשטראַהלט...

„אחרי מות קדושים״ קומט איך דערפון. די צופע־ליגקייטען, די קליינע אַבעראַציאָנען, די „מעשים צוליעב פרנסה״, צוליעב כעס, אַ רגע נצחון — פאַלען אָב, פערזינקען אין פער־

נעפּענקייט, און עס קומט אַרויס אַ נשמה, כמעט אַ נאַקעטע... און מען באַקליידט זי איבער ניי, אין איהר פּאַסיגע קליידער, און עס קומען אַרויס גאַנצע מענשען; גאַנצע, שטאַרקע, נישט וואַקעלדיגע שאָטען, ווי ביים לעבען...

דאָס איז אויך דער צויבער און די וואָהרהייט אין פאָלקסטימליכע ערצעהלונגען... ווי איבערטריפט דער צויבער און די וואהרהאַפטיגקייט פון דער „קונסט“...

לאָמיר צוריקגעהן צו פ. ג.

פ. ג. איז, ווי געזאָגט, איין אַפּיקורס: שפּייט נישט אויס ביי „עלינו“, היפּט איבער די מלאכים פון שופר־בלאָזען, בלייבט שטעהן ביי „כורעים“. און איהר ווייסט, וואָס ער טהוט אין דערהיים? דאַוונט שחרית, אין טלית ותפלין, זאָגט שמנה עשרה, און זיך אײַלענדיג צו פאָהרען קיין שעבערשין, פּוצט ער זיך אין איין חעגס מיט באַרשט און שוה וואַקס די שטיוועל... אויפ'ן טיש שטעהט שוין ברויט מיט פּוטער מיט קאַווע, און אַז דאָס מעסער איז שטומפּיג, שאַרפט ער עס אָן אָן דער רצועה... כפרות שלאָגט ער נישט, הושענות — מנהג נביאים — אויך נישט. און קען דוקא „פּסוק“; גאַנץ תנ"ך אויסענווייניג.

און — איין אײַזערנער מח... און אַ מלומד פון זיך אַליין.

האָט איינמאָל צופעליג געקויפט אין מאַרק, ביי אַ שכור'ן גוי, פאַר אַ צענערל אַ פּוילישען קאָדעקס, און האָט זיך אויסגעלערנט „פּראַווע“ מיט פּויליש צוזאַמען! אַזוי אויך — געפונען, ערגיץ אויף אַ בוידעם, אַ פראַנצעזישע מאַטעמאַטיק, (נאָך פון נאַפּאָלעאָנ'ס צייטען, זינט מען טראָגט די רויטע פּלאַרינע, נאָו־טיכליך און מען זאָגט „עגאַל“ און „מאַלעער“), און אויסשטודירט פראַנצעזיש מיט חשבון און מדידה צוזאַמען; דער פון וואַרשוי געקומענער לעהרער לאַכט אַפילו אין די פויסטען. באשר בכן — דאָס פראַנצעזישע לשון האָט „קרי וכתיב“, נישט ווי עס שרייבט און דרוקט זיך רעדט מען, און פ. ג. לייענט דברים כהויתן... לאַכט מען אויס'ן לעהרער. ער קען פּלאַפּלען פראַנצעזיש מיט'ן אַפּאָטייקערס ווייב; און דער קען טאַקע מדידה!

— איהר שפּיעלט אייך מיט פ. ג.?!

חשבון קומט איהם וועניג צו נוץ. אָט, אַז עס מאַכט

אַ שווערע משנה אין זרעים, אַז אַפילו מיכּל שמש (שוין דערמאַנט) הויבט אָן „שטאַמלען מיט דער צונג און פינטלען מיט די אייגען", לויפט מען אַהיים צו פּ. ג. (אין איין וועגס, זיך צוצוקוקן צו זיין התנהגות), און מען הערט שוין קלאָרע דבורים...

איינמאָל איז מען צוריק געקומען און פערציילט, ווי אַזוי פּ. ג. האָט זיך אַרויסגענומען אַ שלעכטען צאָהן. נישט געגאַנגען צום רופא. פּ. ג. האָט פיינט אַרויס צו וואַרפען געלד! גענומען אַ גרויסען נאָגעל, אַריינגעשלאָגען כמעט ביז'ן קעפּיל אין גרויסען טיש אַריין. גענומען דערנאָך אַ קורץ שטריקעל, איין עק פערקניפּט ביים נאָגעלס קאָפּ, גענומען אַ האַמער און נאָך אַ זעץ אין קאָפּ אַריין. ער איז אַריין אין בלאַט פון טיש. דערנאָך אַרומגעבונדען מיט'ן צווייטען עק פון שטריקעל דעם שלעכטען צאָהן... שטעהט ער אַזוי אַ ווײַלע אײַנגעבויגען איבער'ן טיש, גיט פּלוצלינג אַ וואָרף אַהונטער דעם קאָפּ. דער טיש — אַ שפּרינג אינטער, דער צאָהן — אַ שפּרונג אַרויס...

„אַפילו זיך נישט אויסגעוואַשען דאָס מויל און גענומען די משנה, און געזאָגט..."

דער עיקר קומט איהם חשבון צו נוץ צום פּלינקען לפ"קין כאַלען. אַ שוואַכקייט האָט ער צו לפ"קין. גאַנצע בריעף שרייבט מיט לפ"קין, שטעגרייף; „וואָס אַ שורה — אַ לפ"ק!"

און זאָגען זאָגט ער, אַז ווען ער דאַרף שרייבען אַזאַ בריעף, לעגט ער זיך שלאָפען, כאַפּט ער אויף שוין מיט גרייטע לפ"קי'ן; „דער קאָפּ אַרבייט ביי'ן איהם אין שלאָף!"

איינמאָל איז ער אַפילו אַרויסגעטרעטען מיט זיין חכמת החשבון והמדידה פאַר דער וועלט; אינ'ם ויכוח צווישען גבריאל יהודה ליכטענפעלד און סלאָנימסקי, מיט איין אָפענעם בריעף פון ליכטענפעלד'ס צד...

יורי האָט איהם בעסער גדעיענט, געגעבען פּרנסה, נישט די גאַנצע; דאָס ווייב האָט עפּיס אַ געוועלב. אָבער ער פיהרט גאַנץ אָפּט פּראָצעסען, שרייבט „פּראָשבים", פאָהרט צום אַסעסאָר קיין שעברשין. אין דעם פאַך איז ער אַ גרויסער בעל נצחון, טרעט נישט אָב. דער אמת מוז אַרויס ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער. קיין פאַלשען פּראָצעס וועט ער ניט אָננעמען; די ערליכקייט אַליין.

דאַט ער, פערצייהלט מען, געפיהרט 12 יאָהר נאָכאַנאַנד אַ פּראָ־צעס וועגען אַ פונט פוטער. די פּראָצעס־קאָסטען האָבען דערגרייכט ביז 600, זאָג אַרויס: זעקס הונדערט גילדען; „אַזוי פיעל, וויפיעל עס האָט געקאָסט דאָס הינטעל, וואָס דער (רייך־געוואָרענער) פעלדשער האָט געקויפט ביים סמאָטריטעלס פלונית׳טע”... וועלכ׳ס צד עס האָט געזאָלט די קאָסטען בעצאָהלען, ווייס איך נישט...

פּונקט ווי סיי, פערציילט מיין חבר יצחקיל גאַנץ אָפט:

— מיין טאַטע איז געפאָהרען —

און עפּטער:

— מיין טאַטע איז געגאַנגען קיין שעברשין...

פּ. ג. פיהרט זיך פראָסט, נאַטור־מעסיג.

„אַ יוד — זאָגט ער — דאַרף זיין געזונד, ווי אַ פויער”. און איהם — זאָגט דער עולם — איז זעהר לייכט צו זיין געזונד: „כאַפּט זיך אויף ביינאַכט, און כאַפּט אַריין אַ מאָן־קיכעל” (מען מיינט: אַ גאַנצע חלה) און — אומגעוואַשען! (ער האַלט נור פון מים אחרונים־חובה). געהט דער יוד דריי מייל קיין שעבערשין צו פוס...

— ס׳טייטש, ר׳ פּ., און אַייערע יאָהרען — דריי מייל...

— איך געה צו פוס נור אַ וויאָרסט...

— און דערנאָך?

— דערנאָך — נאָך אַ וויאָרסט און נאָך אַ וויאָרסט...

און אַזוי, ביז ער קומט קיין שעברשין.

און געהן געהט ער ווי אַבא חלקיה אויפ׳ן וועג — בארתים, מיט די שטיוועל אויף אַ שטעקען איבער די אַקסעל, דער שאַסטע האָט שאַרפע שטיוועלעך. אַ פוס הוילט זיך אַליין אויס, אַ שטי־וועל מוז מען שיקען צום שוסטער! און שפּרייזט! מאַרשירט, ווי אַ זעלנער אין פראָנט, און קאָמאַנדירט זיך אַליין:

— ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ! „מפני — זאָגט מען, און זיין נאָמען: שהקול יפה להליכה...” „אומות העולם האָבען שכל”.

מיים איך, אַז איך פאָדער אויף פּ. ג.׳ס וועג.

און קום אַזאַ טראַכט געטרינק, דערזעה איך איהם! וועט איך אינעווייניג פעגאַפּט, ווי שאַרף אַן בולט איך זעה איהם! אָט געהט ער... גלייך מיט דער פעדער. עס׳ס טראַכט ער, געוויס מאַכט ער לפ״קין, אָדער חשבונות אַזוי... די ברעמען — די לאַנגע, די

געלע און שטעכעדיגע — איבער די אייגען אַראָב. איך האָב קיינמאָל זיינע אייגען נישט געזעהען, און ווייס נישט, וואָס פאַר אַ קאָליער זיי האָבן געהאַט... נישט בעהאַלטען האָט ער זיי, איין אָפענער מענש געווען, — איין אָפענער, גערעכטער און פעסטער מענש! — נור אַזוינע לאַנגע, געלע, שפּיציגע ברעמען געהאַט, וואָס האָבן נאָך לענגערע שאָטען געוואָרפען!

מיט יאָהרען שפּעטער, אַז איך בין אַיך זיין לויה געווען, ער ליגט אַם ראַנד פון קבר, און מיך כאַפּט פּלוצלונג אָן אַ ווילד פערלאַנג, צו זעהן זיינע אויגען. „אם לא עכשיו אימתי?“ — די לעצטע רגע, דער קברן שפּרינגט שוין אין אָפענעם קבר אַריין — איך מוז איהם אָבדעקען. שטאַרט אַרויס פון דער ווייסער סיבע אַ שטיק זילבערנע באָרד און לאָזט מיך נישט... איך וויל אַ ריהר טהון מיט דער האַנד, אַ זילבערהאָר גיט אַ ציטער...

דערווייל געהט ער, מאַרשירעט ער... אַ קורץ, פעסט ידעל, די פּאָלים פערקאַשערט. די הענד, רעכטס, לינקס, רעגעלמעסיג געוואָרפען, נור קאָמאַנדירען קאָמאַנדירט ער זיך נישט.

טהו איך עס פאַר איהם, הייב אָן:

— ראַז-דוואַ, ראַז-דוואַ!

מיין הויכען שכנ׳ס קול:

— סע!

„אַ יונגעל פאָדערט צו ר׳ פנחס׳לען, תורה לערנען... הייסט, קינדאס איינער, ווער און וואָס אַזוינס ר׳ פנחסיל איז? ר׳ פנחס׳ל איז איין אַלטער קאָצקער“...

„איין אַלטער קאָצקער“ אינטערעסירט מיך. איך פערשוויג. פ. ג. פערשווינד. איך וויל הערען; אַ מאָדנע פאָלק — די אַלטע קאָצקער... מען קען — און מען לערנט נישט, דבקות — און מען דאַווינט נישט... דער לאַנגער יוד אָבער האָט נישט וואָס, צי ער קען נישט פערציילען... עס פאַלען איינצעלנע, טרוקענע ווערטער מיט אַ הייזעריגען צו-פייף: פיש, פיש! „ר׳ פנחס׳ל, פיש, פיש! אַ קאָצקער פיש-פיש...“ און איך ווער האַלב סערדיטעלט, און אויפ׳ן אָרט פון פ. ג. געהט שוין איבער׳ן וועג „ר׳ ליבוש צימעלעס“. דער לאַנגער, קליינבערטיגער, בלאַסער יוד, מיט די אויסגעלאָשענע אויגען, מיט דער בעשטענדיגער לולקע-ציבוק צווישען די

פערגעלטע ליפען... דער שוויגענדיגער, פערייתומ'טער, אַלטער קאָצקער, וואָס געהט שטענדיג אויף און אָב איבער'ן בית־המדרש, פון אָרון־קודש ביז'ן פענסטעריל צו דער שמש'טע, מיט'ן ביטערן טראָפען און אייערקיכליך צום פערבייסען (זעה „הציץ ונפגע"), און — צוריק... מאַנכמאָל שטעלט ער זיך אָב ביים פענסטעריל, פייקט אָן מיט אַ פינגער, שטיל, פויל און פערבענקט, בעקומט אַ קעלע־שיקיל מיט אַ קיכעל... טרינקט אויס, פערבייסט אַ פיציל קיכעל... און ווידער — אויף און אָב... און קיינער פערהאַלט איהם נישט, דער גרעסטער קינדאַס טרעט איהם אָב פון וועג. מען ווייסט, עד איז דער יתום פון זיין דור, ער האָט מיט אונז נישט וואָס טהון, האָט אונז גאָר נישט צו פרעגען, גאָר נישט צו פערציילען... פערהאַן נאָך איינער אַ קאָצקער, אין זיינע יאָהרען, נור יענער איז אַיין עושר, האַלט אַ מיאוסע שענק... (ר' „בעריל" פון די „רייזע בילדער") נישט זיינם גלייכען...

און אָט געהט ער איבערן שאָסעע. וואו אַהין? מן הסתם קיין קאָצק... אויף קבר אָבות... איבערן וועג קיין שעברשין? בלאָנזיט ער... איך וויל רופען צו איהם, און קען דאָס קול נישט אַרויסברענגען פון האַלז... איך ליג שוין מיט קאָפּ און אַקסעל איפ'ן געזעס...

... איין אַיינפאַל! געיחלומ'ט, איך פאָהר קיין שעברשין! וואָס איז, פערשיקט האָט מען מיך? דער טאַטע האָט מיך געלאָזט? די מאַמע — פיינד געקריגען?! איך בין אין דער היים! אויף דער סאָפע ליג איך, ביים פענסטער. זעה, ווי דער עולם געהט איבער דער גאַס אין מרחץ. דער „תם" מיט'ן בעזעמיל, די „בהמה!"... באַלד נאָך שבת, וועל'מיר איהם אונטערשיקען נאָך אַ כתב־רבנות פון ערגיץ אַ שטעטיל, וועט ער לויפען אַהיים צום חייב מיט אַ בשורה, און בעטען רשות, צו פאָהרען....

אָבער פאַר וואָס ליג איך? מן הסתם — קראַנק. יאָ, די פליי־צעס ברעכען מיך אַזוי. עס מוז אָבער נישט זיין געפעהרליך. דער טאַטע איז רוהיג אַוועקגעגאַנגען צו קבלת שבת, און די מאַמע נעמט זיך צו בענשען ליכט. אַ שיינע צוויי פאָר זילבער לייכ־טער מיר האָבען. דער עיקר די הויכע פאָר, די מיט די רייזע־ליך און קריינדאַליך... די מאַמע בענשט ליכט ערנסט, אַי, ווי

פרום מיין מאַמע איז! און דאָך בין איך זיכער, אַז זי קוקט אויף מיר פון צווישען די פינגער... אַזוי, גלייך, קוקט זי אויף קיינעם נישט... קוקט און שמייכעלט אַוודאי... אָט, שטעהט זי שוין בײם צווייטען פענסטער... ליכט אָבגעבענשט און קוקט אויס דעם טאַטען. לכבוד שבת: אין שטוב אין דער טערקישער שאַל; די לאַנגע אוירינגליך ציטערן איהר אין אויערן. וויל אָבווישען די פערהויכטע שויב, דערמאָנט זיך: שבת, און טהוט עס נישט. אין גאַס איז פינסטער, און דעם טאַטען וועט זי דערקענען אינים גאַנג... אַז זי דערזעהט איהם, רייטעלט זי זיך שטיל, שטיל און ווענדט אָב, זעצט זיך אין אַ ווינקעלע, מיט אַ האַלב פנים צו דער וואַנד... פאַר וואָס קומט נאָך דער טאַטע נישט? שטיקער ליכט שוין אָבגעברענט... פערדעד זיך אַוודאי... קלייבט זיך איין אורח צום טיש... און אָט — עס עפענט זיך די טהיר...

— גוט שבת, גוט שבת! דער טאַטע — פריילעך, נאָך איהם דער אורח — עפּיס גרילעכציג און גרעבליך. די מאַמע ענטפערט שטיל: „גוט שבת, גוט יאָהר“, און געהט איבער דער שטוב און שטעלט זיך מיר צו קאָפּענס. איך ענטפער נישט, מיר האָט דער טאַטע קיין „גוט שבת“ נישט געזאָגט, ער האָט מיך נישט געזעהען! זאָל ער זיך דערמאָנען און פרעגען, חאָטש ליבוש איז. ער פרעגט נישט, מאַכט קדוש. קוקט אויף מיר, און רעדט נישט אַ וואָרט. איך בין קראַנק, און ער מיינט, איך שלאָף. קוקט מיט גרויס באַרמהערציגקייט. ער וואָלט געקרעכצט, נור שבת... עס מוז מיר זיין ערגער. דעריבער שטעהט מיר די מאַמע צוקאָפּענס. פאַר וואָס לעגט זי מיר נישט די האַנד אויפ'ן שטערען? זי וועט עס טהון, זי מוז עס טהון. אַניט, וועל איך מיך צווויינען! — דערווייל וואַשט מען זיך; דער טאַטע, דערנאָך דער אורח. נעמט ער, דער אורח, אונזער גרויסע, שווערע, צוויי-אויערינדיגע פולע קופערנע קוואָרט אין איין האַנד אַריין, גיט מיט אַמאָל אַ גאָס אויף דער צווייטער, — שעפּט אָן פון פעסיל, טוישט די הענד — ווידער מיט אַמאָל אַ פולע קוואָרט וואַסער. און אַזוי דריי מאָל... ביי אונז טראָגט וואַסער דאָס קראַנקע קליינע אייזיקיל, וואָס איז מפרנס מיט וואַסער-טראָגען אַ ווייב מיט אַכט קינדער, און נעמען צעמט מען ביי אונז נישט פון דער קאַן, נור פאַר דער וואָך;

דאָס פּעסיל טאָר נישט זיין לעדיג... מאַכט די מאַמע, וואָס שטעהט מיר צוקאָפּענס, שטיל צו זיך, נור איך הער:

— פרום איף אַייזיקילס חשבון!

דעם טאַטענס „אַ וועלט זעצט מען נישט אַיין“, און דער ניגון: „פרום איף אַייזיקילס חשבון“—די צוויי זאַמען, די צוויי קערנדליך, וואָס מען האָט מיר, אין דער יונגער נשמה אַריינגעוואָרפען, זענען קיינמאָל נישט פערלוירען געגאַנגען. שטענדיג, שטיל אין בעהאַלטען, געשפּראָצט און אין אַלע מיינע זאַכען אויסגעשפּראָצט...

דערווייל אָבער עסט מען אָהן מיר.

בין איך ווירקליך אַזוי קראַנק?...

אָבער, איך פאָהר נישט קיין שעבּרשין! קראַנקערהייט אַוודאי נישט! ווי די פּלויצעס ברעכען, אָבער צו וואָס שעבּרשין? קיין שעבּרשין פאָהרט ר' זלמן דער שענקער. צום בּריידוויז, הייבען בעשטעלען... דינגט ער ביי ישראל ושראַנאָהער די פוהר. איז דאָך אָבער „רע-פוילין“ — מוז מען דאָך פאָהרען אָדער מיט דער פּאָסט אָדער מיט איי־גענע פערד, אָדער אָבצאָהלען שטייער פאַר נישט ניצען די פּאָסט... יאָ, „רע-פוילין“ — זיפצט ער, פערציילענדיג — שיקט ער אין מאַגיסטראַט אַריין, איך דער נייע שטאָט אַרויס, און לאָזט זיך ברענגען אַ צייגעניש, אַז עס זענען זיינע אייגענע פערד. אָבער „רע-פוילין“, דער שומר וועט צולעגען נאָז און אויגען צום חותם מיט דער חתימה און פּרוּוען, און אפשר נאָך אַ פרעג טהון: אפשר געפעלשט? און ר' זלמן שענקער וועט דער מוטערס מילך ענטרינען, — שיקט ער דעם אייגענעם שליח נאָך אַמאָל איף דער ניישטאָט און קויפט אויס איין ערלויבעניש צו פאָהרען איף אַ געדונגענער פוהר... און איז זיך מישב: „רע-פוילין“, און שיקט צום דריטען מאָל איף דער ניישטאָדט אַרויס און לאָזט זיך ברענגען די פּאָסט...

דאָס פאָהרט ער קיין שעבּרשין...

מען טראָמפּייטערט — טראַ-טראַ-טראַ...

און, און מוזען טראָמפּייטערן:

— טפרו-ו-ו! — — —

---



י. ל. פרץ און זיין פרוי

אַנגעקומען...

דער לאַנגער יוד כּאַפּט זיין פּעקיל און ווערט נעלם אין דער פערשאָטענטער הילצערנער פּאָדציענע*, צווישען קלייטען, שטעלען און שרייענדיגע ווייבער... ר' פּנחס'ל, האָט זיך אויסגעוויזען, איז נישט אין דער היים... געקומען פון דאָרף אַ זייגענדיגע טאָכטער, וואָס איז קראַנק געוואָרען אויף דער ברוסט, צו'ן אַ דאָקטאָר און פערנומען זיין אַלקיר... איז ער אויף די פּאָר טעג אַוועק צום איידעם אין דאָרף אַריין: קאָצקער האָבען פיינה עצבות, מחלות, געקרעכצעריי...

מיך מיט'ן קעסטיל נעמט אַראָב די רביצין. אַ שוואַרצע, האָגעריגע, הויך־געוואַקסענע יודינע...

אַ מאַמר המוסגר: מחויב צו גלייבען זענט איהר מיר נ י ש ט. איך מאָל נישט קיין מענשען, נור זייער אָבבילדונג אין מיר, און די אָבבילדונגען זענען זעלטען ענליך צום מענש; איך מיין: צום אויסערליכען פון מענש. עס בלייבט ביי מיר אַ שוואַרצע פאָטאָגראַפיע פון אַ בלאָנדען מענש, וואָס האָט מיר אַרויסגעזאָגט אַ שוואַרצען געדאַנקען. און דוקא אַ העלע און גאָלדענע — פון אַ שוואַרצע, וואָס האָט מיר אַ שטראַהל אין האַרץ אַריינגעוואָרפען, פון נאָך אַ שוואַרצער אויג... די זעלישע ליניען און פאַרבען פערדעקען פאַר מיר די אויסערליכע ליניען און פאַרבען פון קערפער... די רביצין האָט געקענט גאַנץ אַנדערש אויסזעהן...

נור, ווי זי האָט נישט אויסגעזעהען, זי נעמט מיך אַראָב, מיך מיט'ן קעסטיל, רייסט אונז ביידע קוים אַרויס פון צווישען אַ קרענציל ווייבער, וואָס האָט זיך שוין אַרום אונז פערזאַמעלט... פון די ווייבער פליהען צו מיר ווערטער:

— ר' יודעלעס... ריבעלים... זוהן... עלסטער זוהן... אַהער געשיקט... מן הסתם — סחורה! צו ר' פּנחסל'ען — ער וועט איהם שוין מאַכען מאַר אַ לייט... אַ שאלה... אַ יונג ביימעל...

— אָבער, וואָס פאַר איין איינאַנים! זעהט! זעהט! —

לאָז איך די איגען אַראָב. און די רביצין פיהרט... און זי פיהרט מיך אַריין אין אַ פערשאָטענטער שטוב, — טר אַ טהיר

* פּאָד־ציען—פּויליש—אונטערן שאָטען.

מיט אַ פענסטער איך דער טונקעלער פּאַדציענע אַרויס... און שטוב, קים איך דערזעה — קימען־איבען, אַ טיש און אַ לאַנ־גע באַנק, אַ פּאָר בענקלעך... בּיי די ווענד — זעק... גראָהע, ווייגע־דיגע ווענד (פּונקט מיין היים, מיין איסגעמאָלטע, ליבטיגע...) זעק מיט קאַרטאָפעל, פון איינעם אַ ביסעל איסגעשיט... היפען ציבעלים, מייערן... זי ציהט מיך ווייטער, און אַ נאָך פינס־טערער שטוב אַריין, וואָס ציהט איהר ליכטיגע חזנה הורך איין אָפענער טהיר אין עדשטען צימער אַריין, און האָט נאָך אַ פער־מאַכטע טהיר צום אַלקיר...

— ר׳ פנחסלס אַלקיר, צינד פערנומען... מיין טאַטער נעבּיך... מיט גאָט זיין הילף... געזונד אָבפּאַהרען די טעג. ר׳ פנחס׳ל ועט קימען... אין אַלקיר וועסטו לערנען מיט איהם תורה...

דאָס קול איז איך שוואַרצליך און האָדריג, און פער־געסט נישט צוצוגעבען:

— ליכט, יונגעלע, וועסטו קריפען...

און גיט עפּיס אַ וויסטען שמייכעל אין דער פינסטער:

— נישט אמת, יונגעלע, די מאַמע האָט דאָך דיר מיט־געגעבען קליין־געלד...

און דרינגענדיג:

— יאָ?

— יאָ, יאָ! זאָגען אָבער קען איך נישט, קלינג איך מיט דער האַנד אין קעשענע.

—אַ סך, אַ סך... נו, יונגעלע, דערווייל זעץ דיך... ביסט דאָך מיעד פון וועג. אָט דאָ, יונגעלע! דאָס בענקעל שאָקעלט זיך נישט...

זי זעצט מיך.

— און דאָ, זעהסטו בּיי דער וואַנד, צווישען דער שאַנק און דעם פעסיל וואַסער (פון אַלקיר הערט זיך קרעכצען. זי: באַלד, באַלד, טאַטעשי, איך לויף שוין אַקעגען דעם דאָקטאָר! —) דאָ וועט זיין דיין געלעגער. איך וועל דיר פיין אויסבעטען. און דערווייל (אַ קרעכץ און — באַלד, באַלד, אותי הרגע... ס׳יונגעל איז דאָך הונגעריג!) אָט זעהסט, אַ שיסעלע ציבעלקיס, ערשט געמאַכט;

געוויינט, הו קומסט. און רעטיך אַ ביסעלע, שוויצט פֿון וואַלץ...
עס, עס... איך לויף נור אַ קעגן דעם דאָקטאָר, ברענג איך דיר
נאָך אַ גלאָז מילך... אָט אַ אַיין אייער-קיכעל. וואָלסט דיך נישט
דאַרפֿן וואַשען.

זי פֿערשווינד. דער הונגער טהוט ויינם, איך וויל איך
„פֿערעסען" דאָס קרעכצען פֿון אַלקיר... איך עס, און די טרערען
(פֿאַר וואָס?) רינען מיר פֿון די אויגען איבער די באַקען אין
שיסעלע אַריין... אָבער — פֿאַר וואָס האָט מען עס מיך פֿערטריבען
פֿון דער היים? וואָס האָב איך אַזוינס געזינדיגט? — איך וויל נאָכ-
קלערען, דערמאַנען זיך, פֿערטראַכט זיך און קען זיך נישט דער-
מאַנען. פֿערטראַכטעדהייט, אויפֿגעגעסען דאָס גאַנצע שיסעלע, עס
הענקט מיך אַ שרעקליכער חרשט. געוואָהנט שוין אַ ביסל צו דער
פֿינסטערקייט, דערזעה איך אויפֿ'ן טיש אַ גלאָז מילך. מיין איך,
די רביצין איז שוין געווען, געברענגט, און איך האָב נישט געהערט.
כאַפּ איך, טרינק אוים, — און, דאָס גלאָז נאָך אין דער האַנד, — הי
רביצין, מיט אַ גלאָז מילך!

— אַ בראָך איז צו מיר! אַ קלאָג איז צו מיר!

צוויי גלעזער פֿאַלען; פֿון מיין האַנד און אידר האַנד. צוויי
קלינג און געפּלאַצעריי. אַ טויט-שרעק-געשריי פֿון אַלקיר...

עס ווייזט זיך אוים, אַז איך האָב אויסגעטרונקען דאָס גלאָז-
מילך, וואָס מען האָט אָבגעצאַפּט פֿון דער קראַנקער ברוסט, צו
ווייזען דעם דאָקטאָר.

די רביצין, ענדליך, זאָגט:

— אַ מען זאָגט משוגע, גלייב!

— — — — — — —

ווייזט שוין שעבּרשין איך פֿון מיין משוגעת, פֿון מיין פֿער-
חלומטקייט, טהוען אַלץ קאַפּויער. און ווער עס וויל, נעמט אין
בית המדרש אַ שטיקעל קרייד, מאַכט אויפֿ'ן טיש אַ ראָד, אין
מיט'ן ראָד — אַ פּינטעלע. אַרום ראָד שרייבט מען אויף אַלע
מעלות טובות, וואָס אַ מענש קען האָבען: אַ גוטער קאָפּ, אַ
גוט האַרץ, אַ גוט אויג... און אין מיטן, ביים קליינעם פּינ-
טעלע — „משוגע"...

„אַ ביסל משוגע וואָלט נישט געשאַט, נור, אַז דאָס משוגעת

איז אין דער מיט, און אַלע טעלות אַרום, — איז אַלץ משוגע“...

דערווייל איז דאָס ווייבעל געזונד געוואָרען, אָבגעספּאָהרען געזונטערהייט. ר׳ פּנחס׳ל — געקומען, דעם אַלקיר פֿערנומען....

ליכט, צו באַלייכטען דעם אַלקיר נעמט מען בּיי מיר; נישט ער, די רבּיצין... יעדעס מאָל זאָגט זי: „ר׳ פּנחס׳ל זאָל וויסען, וואָלט ער מיר די קאָפּקע אָבגעריסען...“ איך בּעמערק, אַז עס איז „צום גראַם“, און בּין איהר מוחל... אָבער לערנען אין אַלקיר לערן איך ווערער וועלטען. בּיי טאָג איז ר׳ פּנחס׳ל דאָס מייסטע פֿער־נומען מיט בּוררותן... פֿאָהרט אַמאָל אויף אַ טאָג אין אַ בּוררות ערגיץ אין אַ דאָרף, צי אין אַ נאָהנט שטעטיל אַריין. בּיינאַכט האָט ער אין אַלקיר התבּודדות, טרעט אויף און אָב, אָדער זיצט און שרייבּט „חדושי תּורה“... אַ מחבּר — ר׳ פּנחס׳ל! אַמאָל, זאָגט מען, וועט די וועלט אַ גרויס ליכט דערזעהען, אַ גרויס ליכט מק״ק שעבּערשין... דאָס ליכט האָט מען נישט געזעהען... ר׳ פּנחס׳ל איז געקומען אין זיין צייט צו קבר ישׂראל, — וואו די „חדושי תּורה זענען אַהין געקומען, — איך האָבּ מיך שפּעטער נאָכגעפֿרעגט, — ווייסט קיינער נישט; אַפֿילו די רבּיצין נישט... און איך לערן אָהן איהם. „דער עיקר — זאָגט ער — איז דאָס לייענען... דאָס לערנען פֿאַר זיך. דאָס שאַרפֿען זיך אַליין דעם מח... צום רבּין דאַרפֿען מען קומען מיט ספֿקות, מיט שאַלות... מיט „הדבר הקשה“...

„און דער עיקר לערנען איז פֿאַר טאָג... מאימתי....

און ער טהוט זיך זיינס בּיי מיינע ליכט אין אַלקיר גאַנצע נעכט, און מיר שאַפֿט ער אַ חבר, צו לערנען פֿאַר טאָג אין בּית המדרש... אַהיים דערפֿון שרייבּ איך נישט. ערשטענס — פֿויל צום שרייבּען בּריעף, בּיזן היינטיגען טאָג! צווייטענס — עס שמעקט מיט מסירה! דריטענס, אַז „זיי“ האָבּען מיך אַוועקגעשיקט, איז נישט זייער דאַגה... פֿערהאַן נאָך אַ פֿירטענס — און דאָס איז דער עיקר — איך בּין איהם דאַנקבּאַר פֿאַר׳ן חבר. דעם עלטערן חבר האָבּ איך ליעבּ בּעקומען אהבת נפש. מיט פֿרייד כאַפּ מיך מיך אַראָבּ, פֿיערען פֿאַר טאָג, פֿון געלעגער. און ליף צום חבר... און וואַרט אָבּ זיין קומען מיט יונג־האַרץ־קלאַפּעניש! לערנען לערנען מיר „זבחים“, און איך קריעג ליעבּ, צו ליעבּ איהם, די סוגיא... אַ יונגער

מאַן, וואָס דערמאַנט מיך מײַן פֿעטער שמואל־ליבוש מיט די בלאָהע, טאַנצענדיגע, דינע אָדערלעך בײַ די שלעפֿן. יענער האָט איך ליעב צו לערנען פֿאַר טאָג. איך בין אַמאָל קראַנק געלעגן בײַ דער כאָבען אין דער גרויסער שטוב. און יעדען פֿאַרטאָג זיך אײַנגעהערט, ווי ער לערנט, שטיל, שטיל־זינגענדיג. דער יונגער כאַן, מײַן חבר, לערנט אויך האַרציג. די שטימע — ווייך, סאַמיטען, פֿערגנביט זיך אַזוי צום האַרץ. און שוואַרצע, שוואַרץ־גלאַנצענדיגע פּאות געלאָקטע האָט ער. און כאַפּט אָפּט אײַן עק פּאה אין מויל אַרײַן. דורך די רויט־זאַפֿטיגע ליפּען, צווישען די מילך־ווײַסע צייהן. און אויגען אונטערן שטערן, היינט וואָלט איך געזאָגט: „פֿײַכט פֿערבענקטע“, דעמאָלט: „אַזוינע גוטע, גוטע“... „גוט“ און „טרויער“ איז דעמאָלט בײַ מיר דאָס זעלבע. און באַקען עטוואָס געלבליכע, פֿערשאָטענטע, נור מיט אָבגלאַנצען פֿון די „גוטע“ אויגען... אײנמאָל, לויפֿענדיג אַזוי פֿאַר טאָג אין בית־המדרש אַרײַן, האָב איך דערזעהען אַ „רוח“. ער האָט זיך געוויעגט אין דער לופֿט, אַראָבהענגענדיג פֿון אַ פֿענסטער אין אײַן אַלט הויז... „נישט דאָ קיין רוח“, ווייס איך! דאָס האַרץ אָבער קלאַפּט, דאָס בלוט פּולסירט אָבער — איך זעה דאָך פֿאָרט... דאָס האַלט מיך נישט אָב. איך לויף פֿאַרבײַ, נישט צום מקום קדוש, נישט צו „זבחים“, — איך ווייס יעצט בעשטימט — צו מײַן „חבר“... זײַנע אויגען רופֿען מיך... שפּעטער האָט זיך אויסגעוויזען: עמיץ האָט אַרויסגעהאַנגען אַ העמד צו טריקענען... אָבער מײַן שרעק, און דער לוין פֿאַר דער שרעק — זײַן צערטליכקייט!..

אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער יונגער מאַן געקומען קיין זאַמושץ, זוכען פּרנסה. זײַן פֿאָטער איז שטענדיג געווען אײַן אָרימאַן און געטהען מיט איהם אַ געלד־שדוך, מיט אַ רײַכען אַרענדאַר פֿון אַ מוהל. דער פּריץ האָט זיך געענדערט, אָנגעהויבען פֿערלאַנגען הוספֿות, דאָס געשעפֿט איז ערגער און ערגער געוואָרען, דער מילנער — בדיל הדל. און מײַן יונגער־מאַן איז געקומען זעהען זיך עפּיס אַ געשעפֿט, מפֿרנס צו זײַן — זיך, זײַן ווייב און קינד, און דעם אַלטען שווער מיט'ן הויז־געזינד. אַיין אַנדערער מענש. דאָס פּנים האַרט־ביינִיג, און די אויגען — דאגת פּרנסה, שרעקיגע דאגת פּרנסה.. איך האָב מיט איהם מיט־

לייד און דאָך מייד איך איהם אויס. איך האָב אין האַרץ אַ שעֶן בילד פון אַ געליעבטען מענש; ביי יעדען טרעפען זיך מיט איהם ווערט דאָס בילד טונקעלער, פערשאָטענטער, און איך וויל עס היטען ווי איין אוצר... מייד איך איהם אויס...

שטעה איך אויף, ווי געזאָגט, פיערען פאַר טאָג, און ביי נאַכט שלאָף איך וועֶהר שלעכט. דאָס פעסיל-וואַסער קיהלט מיר דעם קאָפּ; וויל איך איבערדרעֶהען דאָס געלעגער; מיין שוואַרצע רביצין פאַטשט מיט די הענד:

— אַזאַ משוגעת, מיט די פיס צו דער טהיר וויל ער ליגען...

שלאָף איך און שלאָף נישט, און הער אַלץ, וואָס אַרום טהוט זיך. הער איך, ווי ר' פנחס'ל געהט אויף און אָב אין זיין אַלקיר, אָדער סקריפּיט מיט דער גענזענער פעדער איבער'ן פּאַפּיער, אָדער שטעלט זיך אַרויף אויף אַ בענקיל און זוכט אַ ספר אין העֶנגענדיגען וואַנד-שענקיל... אַ ביסל „אנגעדיהרט" בין איך שוין, קלער איך, וואָס זוכט ער: אַ „קילא" צי אַ „תימרא"? — געשריבען אָבער האָט ער פשט'ליך... געוואָלט אַרויסגעבען אַ ספר מיט פשט'ליך פאַר בר-מצוה'ס און חתנים... ווי געזאָגט, פערלירען געגאַנגען;

די רביצין קלאָגט זיך אַמאָל:

— ער זאָל מיר עס אַמאָל צוהעלפען צו דער אַרבייט...

און ער ענטפערט אין דער דריטער פערזאָן:

— זאָג איהר, אַז איך וועל מיין ספר ענדיגען, וועל איך איהר קויפען פעריל...

די שוואַרצע האָהרינע רביצין, מיט'ן וואַרצעל (וואָס איך דערזעה ערשט) אויפ'ן שטערן, רייטעלט זיך פאַר נחת, די איי־נגאַליך גיבען אַ פינקעל, פעריל האָט אַ יודינע ליעב, תורה — איך! און גיט זיך, זיך נישט אויסצוגעבען, אַ ווענד אָב צו דער וואַנד... מיין מאַמעס בעוועגונג, נור אַזוי אומגעלומפערט און (וואָס נאָך מיאוס'ער איז) אַ כּאַפּ דעם פאַרטוך צו דער נאָז.

און אָפט בעקום איך צו הערען, ווי די רביצין רעכענט זיך, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, מיט שכנות, מיט וועלכע זי האָט געקויפט און פערקויפט בשותפות אַ מציאה...

הייבען הייבט זיך עס אָן שטיל, זעהר שטיל... גלייך שטילע פייערליך צישען, שלעֶנגליך וואַרפען זיך איבער צישענדי־

(דערמאָלדיגער אײַנדרוק; וואו איך האָב דעם אויסדרוק גענומען, ווייס איך נישט!) און אַלע מאָל: — טסס... דאָס יונגעל שלאָפֿט. אָדער: „וועקט נישט דאָס משוגעת׳ל“, און „ר׳ פּנחס׳ל שרײַבט תּורה!“ פּלוצלינג — אַ הויך וואָרט, באַלד אַ גראָבס, און נאָך, און נאָך...

— „גנב׳טע, גזלנטע“... אַ קללה אַ שאַרפֿע... און שטענדיג מיינט מען „מײַן“ רביצין... און: שאַ, שאַ!

זי גיט נאָך! איהר געלד, זייער נשמה! לאָ׳מען נור איהר פּנחס׳לען נישט וועקען... און דעם „תּכשיט“, וואָס קען אַהיים שרײַבען אַ בריעף...

און עס ווערט רוהיגער... און, נאָך די חשבונות — גלאַט אַ גערייד... מען גענעצט, און עס פֿעדימט זיך אַיין אַ שמועס. דאָס מעהרסטע רעד די רביצין, וואָס זיצט בײַם קימען-אויבען, נישט ווייט פֿון טהיר און מײַן געלעגער. און רעדען רעד זי פֿון איהר קינפֿטיגער שנור פֿעריל און שפּעטערן חלק לעולם-הבא — פֿון איהר ר׳ פּנחס׳לען. און — גאַנץ אָפֿט פֿון מיר...

דערמאָלט ווער איך אין גאַנצען וואַך. עס אינטערעסירט מיך. איך ווער פֿון איהר זעהר פֿיעל געוואָהר און דערמאַנט. איך טהו פֿיעל זאַכען אונבעוואוסט און פֿערגעסען פֿערגעס איך נאָך מעהר.

זי רעד, שטריקענדיג אַ זאָק, אָדער צערינדיג איין אַלט בגד. אַנדערע טהוען דאָס זעלבע; מען געהט נישט פֿון שטוב אַרויס, אָהן איין אַרבייט אין בוזעם. און אַלע אינטערעסירען זיך מיט מיר, מיט׳ן „תּכשיט“, מיט׳ן „משוגעת“, מיט „די גרויסע, ברענענדיגע אויגען“. „ווי ברענענדיגע הבדלות“, האָט איינע פֿערגלייכט; איך האָב עס גענומען אין „מאָניש“ אַריין. און די רביצין רעכענט איהם מיינע שגעונות. פֿערציילט, ווי איך רייס אַלץ פֿון מיר אַראָב. ווי איך שלייף אָב די אָבצאַסען פֿון די שטיוועל. „אַפֿילו דאָס היטעל צורייסט ער“...

— אַ וואונדער! אַז אַ יונג לויפֿט אַרום גאַנצע טעג... ר׳ פּנחס׳ל איז דאָך שטענדיג אַ פֿערטראַכטער, אַזאַ למדן! און איידער ער קוקט זיך אום, והילד איננו! (שקר, ער קוקט זיך גאָר נישט אום!) זוכט מען (אויף זעלטען אמת). וואו געפֿינט מען איהם? אונטער דער שטאָט. וואו איז ער דער בחור? בײַם וואַסער, אויף

דער לאַנקע איסגעצינען. קוקט אין הימעל אַריין אָדער מיט'ן פּנים צום גראָז... אָדער רוקט זיך ביז צום ראָד פון דער וואַסער־מיהל (מיין יונגען־מאַנס שווערס אַרענדא). און „אַז ער גיט אַ קאָ־לער זיך ווייטער? און אַז אַ קוה, וואָס פּאַשעט זיך, וועט איהם געבען אַ כּאַפּ איף די הערנער? — ווער וועט זיין שולדיג?"

און נאָך, און נאָך. אַ מאַסע קליינינקייטען: דור־גלאָפּען די פּאָדציענע און, מעשה שטן, פּערציעפּיט זיך אָן זיין קנאָפּ מגתם־מענדילס בת יחידה'ס צאָפּ... ווערט אַ געשריי: מזל־טוב! מזל־טוב, חתן כלה! די ווייבערישע צונג האָט דאָך קיין ביינער נישט! געהט דער יונג, שטרעקט אויס די הענד צום מיידעלס קאָפּ — האַלט זיך איהם גלייך פאַר'ן פּנים און זאָגט: אדרבא, אַ שיין מיידעל! געהערט אַזוינס!..

— און מיינט איהר — געהט מען איבער, נישט אָהן גדלות, צו מיין אָבשטאַמונג! — מיינט איהר „אַני ווער?" — פון אַ שטיין? אין גאַס געפונען? פון פּאָטערס — ר' יודעלס צד — אויסגעווייקט אין תורה, אין גדלות, אין עשירות, ביז צום רבין ר' העשיל!..

אַ שפּרונג, ווייל פון דעם צד נישט „בעהאָוענט". פאַר דאָס איספּיהרליבער פון דער מאַמעס צד, — זאַמושץ! —

און איך ווער געוואָהר (איב אמת), אַז מיין עלטער זיידען פון דער מאַמעס צד האָט מען גערופען „דער סטאַראָסטער". „ר' ליבוש סטאַראָסטער"; איך הייס נאָך איהם — דער משוגענער ליבוש! (איך פאַל דאָך ביי מיר נישט אָב!) און פאַר וואָס האָט מען איהם גערופען סטאַראָסטער? ווייל ער האָט זיך נעפיהרט ווי אַ סטאַראָסטא, ווי אַ שררה! געהאַט זיך זיין בעזונדערע שטוב, נישט קיין אַלקיר! רויט געפּאַרבטע טיש און בענקליך, געטראָגען זיידענע זאָקען, גערעדט דייטש ווי אַ וואַסער, און אַז עס איז געקומען דער שררה זאַמאָיסקי, דער אַרדינאַט, וואָס האָט זאַמושץ געבויט, פלעגט ער איהם רופען און רעדען מיט איהם פּה־אל־פּה. און נישט: „סלוכיי, זשידקו!" נור מיט גרויס דרך ארץ...

און די עלטער־באָבע האָט אַ געוועלב געהאַט, אַ גרויס געשעפט פון קאָלאָניאַל סחורה, טאַקי מכל טוב און — מעבר לים... סחורה פון לייפּסק: היינט האָט דאָס געשעפט בירושה מיין פעטער

אינ'ם האַרטען קאַפּעלוש, ווי דערמאָנט — דער שפּעטערער זאַמלער פֿון מײַנע היימיש־געבאַקענע שירים. און אין דעם געוועלב — הערט, וואָס אַ יודענע אַ צדקת קען! — זענען געווען אָבגעטיילט צוויי שופֿלאָדען: איינס מיט ראָזינקיס, דאָס צווייטע מיט מאַנדלען, פֿאַר אָרימע לייט. דער גאַנצער פֿדיון — אויף צדקה! און קומט אַרײַן אײן אייגען קינד און וויל אַ ראָזינקע, קריגט עס איבער די הענדטליך; מוז עס אַרײַנוואַרפֿען אין בעזונדערן שופֿלעדיל פֿאַר אָרימע לייט אַ גראָשען... אַ פּרוטה... (דערמאָלט נאָך פּרוטות געגאַנגען).

און ווערט שטיל, אָדער איך דרימעל עטוואָס פֿעסטער אײַן. בויט זיך אויף פֿאַר מיר „מײַן“ און מײַן זאַמאָיסקי'ס זאַמושטש — דאָס קליינע פּאַריז. און, ווי דערמאָנט, אויסגעמישט מיט'ן עלטערן זאַמושטש, פֿון וועלכען איך האָב קינדווייז געהערט.

און איך זעה זאַמושטש נאָך אַלס פֿעסטונג אין איהר מאַכט, פּראַכט און אַרומגעוואָרפֿענער שרעק... אַרום — נישט פֿערלאָזטע, נישט אָבגעשיטע, נישט אָבגעשטאָכענע וואַלען; צווישען וואַלען און וואַלען — פּאָסען מיט וואַסער; טיעף, קלאָר וואַסער... אַ זעלנער, פֿון אַ דאָרף אין טיעף רוסלאַנד, האָט זיך אַמאָל אַהיים פֿערבענקט, ענטלאָפֿען פֿון קאַזאַרמע, געוואָלט אַריבערשווימען דאָס וואַסער, צו שווערע שטיוועל געהאַט, און — דערטרונקען געוואָרען. אַרום, אויף די וואַלען — אַרמאַטען, קאַרטעציען, דריי־ און פֿיער־עקען מיט קוילען, — מען טאָר אויף זיי נישט ווייזען מיט אַ פֿינגער! עס געהט אויף און אָב אויף דער וואַך אַ בעוואָפֿענטער זעלנער, און ניט מען אַ ווייז מיט אַ פֿינגער — „פּיף־פּאַף!“, געשאָסען, און לית־דין ולית־דיין! ס'קומט אַזוי!

די בראָמען זענען נאָך ברומען. אין דער פֿריה בלאָזט אַ טראָמפּייט, עפֿענט מען. פֿאַרנאַכט שפּילט מען „זאָרים“ — פֿערמאַכט מען... די לובלינער ברום איז ווי־זאַ־ווי צו די בית־המדרש־פֿענסטער... צווישען דער וואַך אין דער ברום איז פֿאַרהאַן אַ זעלנער אַ קאַנטאָניסט.... אַ גאַנצען טאָג ליגט ער אין דרויסען, מיט די אייגען פֿערקוקט און די אויערן אויסגעשפּיצט צו די בית־המדרש־פֿענסטער צו... נאָך זאָרים, אַז די וואַך געהט

אויף און אָב, פערגנב'עט זיך דער קאַנטאָניסט אין בית-המדרש אַריין און זעצט זיך לערנען...

מען האָט איהם אַמאָל געכאַפּט, אויפ'ן פּלאַץ, צווישען וואַך און בית המדרש, „סקוואָז סטראָי“ געטריבען... בלוט האָט געשפּריצט, ער האָט קיין קרעכץ נישט געטהון... מיט'ן איינגע-שפּארטען שווייגען דעם אָפיציער, וואָס איז דערביי געשטאַנען, אין צאָרן אַריין געבראַכט: וואָט זשיד! אַ קאָמאַנדיער געטהון: זשיווּעי, רעביאַטאַ! האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אַ שמייסעניש... ווי אין די „דריי מתנות“... אין בית המדרש האָט מען גע'חלשט... די קלאָג אין עזרת נשים, וואו ווייבער זענען זיך צוזאַמענגעלאָ-פען, איז אין לשער — „כל נדרי“ איז גאָר נישט!

אַכציג ריטער האָט ער בעקומען און פערשוואונדען... ערגיץ פערשיקט געוואָרען...

און איבער די „וואַסערן“ פון די פּאָסען, הינטער אַלע דריי בראָמען, — דריי אַייזערנע הענגעל-בריקען אויף קייטען... פאַר'ן עפענען די בראָם לאָזט מען זיי אַראָב, פאַר'ן פערמאַכען ווערען זיי אויפגעהויבען...

פּלוצלונג ענדערט זיך דאָס בילד, און איך זעה „שעלמעווען“ אַ פערזינדיגטען אין מיט'ן מאַרק... איך בין נאָך אַ קינד, גאָה אַהיים פון דרדקי-חדר און קען אַהיים נישט קומען. „מען וועט שעלמעווען“...

אין מיט'ן מאַרק שטעהט אַ טיש, אויפ'ן טיש ברענט, אין עפּיס אַ כלי, אַ פייעריל. אויפ'ן טיש שטעהט דער האַלב נאַקיטער פערזינדיגטער... ביי'ן איהם — דער היצעל (הונד-שלעגער, תלין). ער האַלט מיט דער לינקער צו דעם זינדיגען, און אין דער רעכטער — אַ הילצערנע שטוהל פון אַ חתימה, וואָס גליהט אין פייער... עפּיס אַ מיאוס שרעקליך וואָרט שטעהט אויף דער חתימה. גנב, צי רוצח... איך געדענק נישט... אַרום טיש — דער נאַרניזאָן מיט דער מוזיק, אַרום מיליטער מיט דער מוזיק — עולם... שטאָט-לייט. „מיעשציאַנים“ פון די פאָרשטעט — קינד און קייט, אפילו פייערן מיט פייערטים, וואָס זענען צופעליג פון דאָרף געקו-מען. דער מאַרק — געפּראָפּט. פול קעפּ — די פענסטער, פול דעם אַפּטייקערס באַלקאָן... קליינע מענשאליך — אויף די דעכער, אַרום

די קיימענס*. „דודל גנב“ קריכט אַרויף אויף אַ בלעכענע רינע... מען בעמערקט עס:

— די רינע וועט זיך אָבּרייסען!

שפּרינגט ער אַראָב, ווי אַ קאַץ...

פלוצלינג — אַ שטילקייט פון פּאַר שופר בלאָזען, דער היצעל כאַפּט אַהים די חתימה, די מוזיק גיט אַ שמעטער, די חתימה ווערט צוגעלעגט צום זינדיגענס שטערן, דערנאָך צום נאַקיטען עלענבויגען...

ווערט מיר פּלוצלונג קאַלט, כ'ציה אַרויף די קאָלדערע, איך ציטער אין גאַנצען, עפּיס אַ האַנד (אַ האַרטע, דער רביצינס!) טאַפּט מיר דעם שטערן...

— פנחס'ל, פנחס'ל... היץ האָט ער!

— — — — — — — — .

געזונד געוואָרען, צו'ם זמן איז קיין סך נישט געבליבען, שיקט מען מיך אָבּ, ר' פנחס'ל דאַרף סיי ווי סיי פּאָהרען כשר'ן מיהלען אויף פּסח. און אַזאַ תלמיד דאַרף ער נישט. פון מיין קרענק אָבער פּערציילט מען נישט, און מען שיקט מיך אָב מיט אַ גאַנץ פּעקיל מסירות. „עס איז פון מיר נישט אויסצוהאַלטען. אמת משוגע“. פאַקטיש, וואָס מען האָט געמסרט, געדענק איך נישט. עס האָט מיך באַלד נישט אינטערעסירט, אָבער וואָרט ביי וואָרט פאַלש. מיך צו פּערטיידיגען האָב איך קיין צונג נישט אין מויל. דער טאַטע שרייט אַ ביסעל, וועט ער זיך אויס־שרייען. די מאַמע וויל אַ ביסעל וויינען, וואַרפט אָבער אויף מיר אַ בליק, זעהט מיין רוהיגקייט און ציהט צוריק די טרערען; דאַכט זיך, איבעוואוסט איבערצייגט, אַז — נישט קשה...

אין בית המדרש רעדט מען אַ ביסל. דערנאָך אינטערעסירט כען זיך מעהר צו וויסען, וואָס און ווער ר' פנחס'ל איז... איך ווייס נישט, וואָס צו זאָגען. כמעט איהם נישט געזעהען אָדער פערגעסען.

— וואָס האָט ער מיט דיר געלערנט?

דאַכט זיך, גאָר נישט...

* אויך „דריי מתנות“

און עס גליסט זיך נישט דערמאָנען. גוט, אַז אויסגעלייזט, פריי געוואָרען...

אָבער נישט אויף לאַנג. „ווערסט לערנען אין דער היים“ — (שלעכט!) „אַ פּאָר שעה אין טאָג“ (אַה!) ביי ר׳ אברהם יהושע... ה אין... מען רופט מיר אָן אַ חבר, מיט וועלכען איך האָב ווירקליך אַ קורצע צייט געלערנט, און קען מיך יעצט בשום אופן נישט דערמאָנען, נישט מיין חבר׳ס נאָמען, נישט זיין געשטאַלט, און נישט וואָס מיר האָבען צוזאַמען געלערנט. בכלל פליהען מיר אין קאָפּ אַרום גאַנצע סוגיות, גמרא־שטיקער, אָבער ביי וועמען געלערנט און ווען? געדענק איך נישט.

ר׳ אברהם יהושע איז פריהער דיין געווען. פאַר וואָס איז ער דיין געוואָרען? אַז איך פרעג, פערשוויינט מען. האָט אַפילו קיין גליק נישט צו בוררות. מען נעמט איהם נישט גערן. אַ „דריי־קאָפּ!“ זאָגט מען. אַ למדן איז ער. פון די גריבלער, און האַלט פון אייגענעם קאָפּ עולם ומלואו... פון אויבען־אויף — אַ גרויסער ירא שמים. נור עפּיס גלויבט זיך נישט... אַ קורצזיכטיגער, לאַנג־קעפּיגער, פערטאַביקטער יוד אין איין אַלט ספּאָדיקיל מיט לעצליך. ביי אונז אין שטוב הענגען צוויי פּאָרטרעטען, פון טאַטען צופעליג ערגיץ אויף אַ ליציטאַציע געקויפט, נאַפּאָלעאָן דער דריי־טער און זיין ווייב — די יפהפיה, די קיסר׳טע עאָגעניע. הענגען מיר איבער די יפהפיה אויפ׳ן ירא־שמים׳ס זייט. וואַרפט ער אַ בליק, ווענד איהם ראש אָפּ און קוקט שוין נור צו דער קעגענאיבערדיגער וואַנד, וואו מיר האָבען געטוישט און אויפגעהאַנגען נאַפּאָלעאָנען. צו מאָרגענס — הענגט עאָגעניע צוריק אויף איהר אָרט... ער בריהט ווידער זיך אָב, קוקט שוין נישט אויף די ווענד...

קומט אָבער צו „קענטענישען“, קריכט שוין זיין גאוה אַרויס פון דער שייט אין גאַנצען.

שפּראַכען? הבלים! ווען ער זאָל וועלען קענען אַ שפּראַך, נעמט ער אַ ווערטערבוך און לערנט עס אויס, אין אַ חודש צייט, אויסענווייניג, קען ער די שפּראַך...

— און אַייערע חכמות!

— רבי, ווי אַזוי, למשל, קען מען וויסן, ווי ווייט עס איז פון אונז די זון?

תיזק!

„מען נעמט אַ ליכט, מען מעסט אויס די הייך מיט דער ברייט — דעם גאַנצן פערנעם פון פלעמיל. דערנאָך נעמט מען און מען רוקט פּאַמעליך, פּאַמעליך פון זיך אָב דאָס ליכט, למשל: אויף ד׳ אמות, און מען מעסט איבער... זעהט מען, אַז דאָס פלעמיל איז, אויף ד׳ אמות, אויף אַזוי פיעל און אַזוי פיעל קלענער געוואָרען, ווייסט מען, אַז אויף ד׳ אמות ווערט אַ פלעמיל אויף אַזוי פיעל און אַזוי פיעל קלענער. טהיילט מען דעם מהלך צו דער זון אויף ד׳ אמות, אַ פשוט׳ער חלוק, און מען טאָפּעלט מיט דער צאָהל פון קלענער ווערען... אַ פשוט׳ער כפל“...

פלאַצען מיר אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— און ווי מעסט מען דעם מהלך פון דער זון?

איך פשוט, און נעמט אַ שמעק טאַביק: אַ פשוט׳ער חשבון, נור פערקעהרט... אַז מען ווייסט, ווי גרויס די זון איז און ווי קליין זי זעהט אויס, דאָס מעסט מען שוין מיט׳ן אויג — — —
— — — — — — — —

עס הילכט אַ נייע געלעכטער. בעליידיגט, פערשווייגט ער און נעמט זיך צום לערנען.

דער ריכוח שמעקט, ווי איהר האָט געזעהן בעמערקט, מיט „בערנשטיין“...

ווי קומען מיר צו בערנשטיין?

„הנצנים נראו בארץ!“ — עס שמעקט שוין אין „קליין פּאַריז“ מיט השכלה...

דערפון אין די ווייטערע פרקים!

## השכלה. א בלבול. אברהם מאַנים. צוריק השכלה.

„הנצנים נראו בארץ“ — עס הייבט אָן שפּראָצען אין פּוילן־לאַנד.

און דאַרפעז זיך בעווייזען נייע שפּראָצונגען, איז (נאַטירליך, אויסער וואַרשוי), זאַמושטש די שטאָדט מיט פולען רעכט איך בכורים!

דער געברויך וועט זיין!

אַפילו ראש־חדש רעטעכליך בעווייזען זיך ביי אינז (אַזוי ריהמט מען זיך) פריהער ווי אומעטום, אַזוי שפּעטער אַלע פּרוכטען. מעגליך, ווי עס פאַלט מיר יעצט איין, אַז דאַרום רופט מען אונז, ווי שוין דערמאָנט: „זאַמושצער פרעסער!“

—————

די השכלה, אַז זי וועט זיך בעווייזען, וועט ביי אינז קיין אַסימילאַטאָרישע פאַרבען נישט טראָגען. עס קען ביי אונז טאָגען. עס קען זיין, אַז גאָלדענפּאַדען האָט רעכט, קלאַפּעניג אין די לעדען: עס איז שוין לאַנג טאָג! מען דאַרף, עס איז שוין צייט אַרויסצוגעהן אין גאַס. אָבער אין גאַס וואַרטען איך אונז די אומות העולם נישט, פון געארמט שפּאַצירען און געמיינזאַמע באַראָוואָדען איז דערווייל ביי אונז נישט וואָס צו רעדען...

קליין פּאַריז איז אַ בעזונדער, שאַרף־אָבגעגרעניצט וועלטיל.

עס פאַלט גאָר נישט אַיין, זיך מיט עמיצען צו מישען, און עס איז נישטאָ מיט וועמען!

אַ בעזונדער יודיש־בעל־בתיש קעניגרייך. אַ פיער־עקיגער מאַרק (אונטערגאַסען קומען צו שפּעטער) מיט אַ שתי וערב פון צוויי ברוקירטע גאַסען. שטעלט איהר אַייך, למשל, אין מיט שטאָט, איפ׳ן פונקט, וואו די ברוקיערטע גאַסען לויפען זיך צוזאַמען, מיט׳ן געזיכט צום מאַגיסטראַט מיט׳ן זייגער־טהורם, — האָט

איהר אַרום זיך די גאַנצע, שאַרף אָפּגעגרעניצטע, רוהיג־בעל־בתּישע מלוכה.

האָט איהר: פאַר זיך — אַ שמאָל געסיל צום טאַרג; פון טאַרג — אויך אַ שמאָלס, צו דער לובלינער בראָם.

רעכטס, עטוואָס אונטער זיך — די לעמבערגער בראָם... אַמאָל — נאָהנט געווען לעמבערג. היינט דאַרף מען אַיין אויסלענדישען פּאַס, אַהין צו קומען. מיר זענען יוצא מיט טאָמאַשאָוו, פון פאַר דער גרעניץ, אין דער רעזידענץ פון „שמע ישראל“.

צווישען ביידע בראָמען, אין אין איבערן וואַל — קאַזאַרמען. קאָשאַרען גרויסע, פעסטע, מיט רויטע ציגעל בעזעצטע, געדעקט מיט אַייזען.

לינקס, פיהרט די ברוקאָוואַנע גאַס צום שלאָס. אַ גערטיל, פון דער שטאָדט זייט — אָפען, הינטען — דרייקאַנטיג אַרומגעמויערט מיט הייזער, וואו די אָפיציערען וואָהנען. צוויי דורכגענג, נישט זעהר צוגענגליכע, צווישען די הייזער, ביי די ווינקעל, וואָס פיהרען צו'ן אַ פּאָסע אַראָב, צום צעך־הויז, צום פּלאַץ פון קוילען און האַרמאַטען, און דאָס אַלץ לויפט צו צום קאַסעמאַט ביי דער שעברשינער בראָם, וואָס איהר האָט אונטער זיך, לינקס, — אויף דער זעלבער, האַלב רונדער ליניע, — דאָס שמאָלע וועגיל, צום סמאָטריטעלם הויז, צום טייך; דער אָפיציערען־קלוב — די בלאַגאָראָדנאָיע סאָבראַניע. — פאַר'ן קלוב — די רייטשוהל, און ווייטער, ביז דער לעמבערגער בראָם ווידער — וואָלען, קאַזיאָנע געביידען א. ד. ג.

אַרום געקרייד...

וועמען האָבען מיר אין שטאָט פון פּאָליאַקען?

דעם אַפּטייקער, וואָס פערקויפט מיט אַ שטיל־שטאָלצער איינגעהאַלטענקייט פון איין אָפּגעקומענעם שררה — מעדיקאַמענטען (דאָס מעהרסטע געהט „וויענער־טרענקעל“ און ביטער־וואַסער) און זיצט זיך, אויב ער האָט צייט, ביי זיך, אויפ'ן גאַניקעל און מאַרק אַריין, און בלעטערט אַ בוך מיט בילדער פון אַלט־פּוילישע מלכים. זענען די שיבען־טהירען אין שטוב אַריין אָפען, הערט זיך פון דאָרט די פּיאַנע. דאָס ווייב און צוויי טעכטער שפּיעלען. זענען דאָס ווייב מיט ביידע טעכטער העסליך, ווי דריי אויסגעצויגענע

שוואַרצע נעכט, און שפּילען נישט שען. — דער זוהן
זיינער, וואָס וועט איהם אַמאָל פערטרעטען, שטודיערט נאָך ערגיץ.

דעם קימענקעדרער־מייסטער, וואָס וואָהנט אין הייזעל מיט'ן
גרויסען הויף לעבען דער רייטשוהל; פערברענגט די ווינטער־
אָבענדען שפּילענדיג מיט'ן ווייב (קיין קינדער נישט דאָ, ווע־
ניגסטענס — אויפ'ן אָרט) אין טערטיל־מערטיל. זעצט און פלאַנצט
פריהלינגס־צייט זיין גערטיל אין הויף, און בעווייזט ער זיך זומער
אַמאָל אין מאַרק, אויף דער פּאָדציענע, בליהען איהם די אייגאַליך,
רייטלען זיך די בעקאַליך, און מאַכען מאַכט ער טריטליך, ווי
אויף ריסאָרען; ווייכע, האַלב־רונד געהויבענע, — ווייכט מען
איהם; האָט אַ שוואַכקייט — זיך צו קושען! נישט זיין שולד;
נור זיין „בעהאַלטען" ווייבס, וואָס קיינער זעהט פאַר די אויגען
נישט! אַזאַ ווישניאַק שטעלט זי איהם. „א—כ—פ—ה מעט"; רעד
אַ פאָר ווערטער יודיש!

דעם דאָקטאָר סקרשינסקי, דעם גוט־האַרציגען, נאָר לע־
בערליך צאָרניג־שוימענדיגען אַלטען „אינטעליגענט" — אויך ־־
אַ ווייב און דריי טעכטער, אויך — שוואַרצע נעכט. און ער אַליין—
אויסגעוועבט. נאָכען עקזאַמען דאָס בוך פערמאַכט און מעהר נישט
געעפענט. פערזאָרגט זיין פּאַך, געדענקט אויסענווייניג, קומט
אין שפּיטאָל אַריין, געהט דורך צווישען די צוויי רייהען בעטען,
וואַרפט אַ בליק, הייסט ווייזען און בעקוקט די צונג, — רעכטס,
צוריק־צו וועגס — לינקס, און לאָזט זיך אין קאַנצעליי אַריין. דער
פעלשער נאָך, קומט צום טיש, פערשרייבט מיט אימעפּט
עטליכע דרייסיג רעצעפּטען מיט אַמאָל און — „מאַש, פּשאַקרעוו";
גיט איבער דעם פעלשער...

וואָס עס איז געשעהען אין דער מעדיצין נאָך זיין עקזאַ־
זאַמען, — נישט זיין זאַך. שפּעטער, אַז מיין רייכע קאַלטע מוהמע,
מיט די בריליאַנטען אין די אויערען, מיט'ן קעלנעריל, אויסגע־
נייט מיט פּעריל, י. מ...'ס קליין שמייכעלדיג ווייבעל, וועט
קראַנק ווערען, און מען וועט אַראָפּברענגען אויף אַ קאָנסיליום אַ
בעריהמטהייט פון וואַרשוי, און די בעריהמטהייט וועט אויסהערען
דאָס האַרץ, — וועט זיך סקרשינסקי נישט איינהאַלטען, כאַפּען
די פלאַכע האַנד פאַר'ן מויל און אַרויספּלאַצען מיט אַ געלעכטער:



י. ל. פרץ אין זיין געבורט=שטאָט זאַמאָשטש אין יצ״ 1913

— קאָלעגאָ, דו גלויבסט איך אין די שוואַרצע קונצען?
וועמען נאָך?

איך געדענק נישט מעהר. אַ שבת־גוי? דאַכט זיך, גאָר אַ שבת־גוי'ע...

עפּיס אַ „לאַפּיי" — אַזוי רופט מען איין אַלטע, נישט־גאַנץ־ביים־שכל'דיגע, גראָהע, אַזוי גערופענע „לאַפּיי", וואָס גייט איבער דער שטאָט נישט איפ'ן גאַנצען געשטעל פון פוס, נור איף די שפּיץ פינגער, מיט די פוס־באַלען קאַפּויער, מיט'ן גראָהען קאָפּ, וואַסערדיגע איגען אין האַלב אָפענעם מויל, מיט צוויי קרומע ציינער, און מיט'ן קאָפּ אַרויף, גלייך — צום הימעל מיט אַ טעמפּע טענה: צו וואָס האָסט דו מיך בעשאַפען? צו וואַשען פּאָדליגים? — בין איך אָבער נישט זיכער, צי איז לאַפּיי נישט קיין יודיש קינד...

וואָס נאָך? איף דער לאַנגער פּאָדציענע זיצען אַלטע גוי'עס, ביי שטעלען פון דינע, שוואַרצע קעלבאַסים און חזיר־פעטס... אין דער טיעף פון דער לינקער פּאָדציענע צום מאַגיסטראַט—אַ קריסטליך הויז פאַר אַלטע; שיטען זיך אַמאָל פון דאָרט אַרויס אַלטע גוי'עס (מענער זעהט מען נישט), געהויקערטע, בלינדליכע, געביגענע, שוואַרץ געקליידטע, מיט שוואַרצע ציפּקים איף די קעפּ, שוואַרצע קרייצען איף דער ברוסט, שוואַרצע „פּאַציאָרקים" איף שוואַרצע שנירליך — אויפ'ן האַלז. און עס געהט, און שטאָלפּערט, און ברומט עפּיס בייזליך, און מורמעלט עפּיס — צום קלויסטער צו און צוריק....

איין אָפטער גאַסט אין שטאָט איז: „דיעדע". אַ מולער פון פאָרשטאָט. אַ הויכער, שטענדיג שכור, שטענדיג שלעכט געגאָלט, אַ האָדריג געל פּנים, ווי איין ערשט אָבגעשניטען פעלד, — געהט איבער די פּאָדציענעס, מיט די פערגעפּעלטע אויגען, עפּיס אין דער לופט זוכענדיג, גלייך, פאַר זיך, און קרועה־בלועה, אָבגעריסענע ליינוואַנד... שטאָלפּערט מיט די לאַנגע קרומע פיס, איבער וואָס עס ליגט איף דער פּאָדלאָגע, פערציעפּעט מיט די אומגעלומפּערטע הענד בייגעל און איבם איף די שטעלען, און שילט מיט שוים איבער'ן מויל, און קיינער הערט נישט וועמען. מען זאָגט: ווייב און קינד, וואָס האָבען איהם זיין געלד, וואָס ער האָט

מיט מילעריי פערדיענט, אַז ער איז אַ שכור געוואָרען, צוגענומען; מיט׳ן הויז, מיט אַ שטיק־פעלד, און איהם אַליין געלאָזט הפקר...

רעכטע פריצים האָב׳מיר נישט. איין אָרדינאַט זאַמיאָסקי, ווייזט ער זיך נישט... קומט, זאָגט מען, אַמאָל אויף „קבר אָבות“ אין ווייסען קלויסטער אַריין, וואו זיי ליגען אין אַייזערנע, שמאָלערנע, בראָנז־ און זילבערנע טרומנים אין די קעלער, און הענגען אין דער הייך אין קלויסטער אַלס פאָרטרעטען אין דעליעס, מיט אַ מין שטריימליך אויף די קעפּ און געלע שטיוועל אויף די פיס. אָפּט קומען זיינע פּאָסעסאָרען. אַמאָל, זאָגט מען, זענען עס יודען געוועזען, איינציגווייז אַרויסגעשטופּט, איין י. מ. ביי׳ן אַ פּאָסעסיע געבליבען. קומען זיי אַמאָל אויף רייט־און פעלד־וועגעליך, קויפען עפּיס אַיין, מענער — אין די אַייזען־געשעפטען, די פרויען — אין קאָלאָניאַל־האַנדלען, אַמאָל אויך אין איינציגען מאָדע־מאַגאַזין, וואָס עס האַלט אַ יודישע אַלמנה מיט צוויי דיקע איבערגעוואַקסענע טעכטער (אויף וועלכע מען רעד; אָפּיציערען קומען אַריין) און — עסען אַמאָל אַ מיטאָג אין ק—נ׳ס ווײַנהאַנדעל אויף הער „בריקאָוואַנע“ גאַס.

בלייבט דאָס פייערן־פאָלק אַרום... וואָס קומט זונטאָג אויפ׳ן מאַרק, זונטאָג און יעדער חגא נאָך אין קלויסטער אַריין. — אַ שטיל אונטערטעניג פאָלק... ערשט פון דער „פּאַנשצינא“ בעפרייט; די אַלטע בענקען נאָך נאָך איהר, ווי מיר אַמאָל, נאָך מצרים צום פליישטאָפּ, די יונגע — ווייסען נאָך נישט, מיט דער פרייהייט וואָס צו טהון, לעבען נאָך אונטער דער השפעה פון די אַלטע, פון וועלכע מען קריגט נאָך פּעטש, אויב מען גריסט נישט דעם פריץ מיט׳ן קאָפּ צו דער ערד, אָהן אַ היטעל, צו די קניהען צופאַלענדיג... אין שטאָט זענען זיי עפּיס אָבהענדיג, אונרוהיג־שרעקיג, קאָמיש־שטאָלפּערנדיג איף טרעפּ. געפעהרליך ווערען די יונגע לייט נור דאַן, ווען זיי קומען צו דער „סובּרעוויזיע“ — בין המצרים: צוגענומען, פון דאָרף־רעזשים בעפרייט, אין מיליטערישע נאָך נישט אַריין, — מאַכט מען „סיקצעסען“, אַרים אַ יוד ביי׳ן אַ פאה, אַ כאַפּ אַ בייגעל ביי׳ן אַ זיצערין; אויסגעדאַקט אַ שויב אין שענק... און גיעדער שטיל און מיט דרך ארץ פאַר׳ן יוד, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געשטאַנען צווי־

שען איהם און דעם פריץ. אין דאָרף איז מען מיט מאָשקען „כל ולך". אָהן איהם געהט מען צו קיין רופא נישט, ראָט מען זיך מיט קיין אַדוואָקאַט נישט, — און ער איז אויך אָפּט דער בורר אין דאָרף...

מיט'ן „חם" זיך אַסימילירען?

בלייבט דאָס מיליטער אין שטאָט.

דעם סאָלדאַט לאָזט מען אַפילו נישט איבער דער פּאָדציענע. „אַ מזיק, לקחנ'ט מיט די איגען"... די אינטעראָפּיציע-רען, די פעלדפעבעלס, שוין לייטישער, זיצען ביי מענדיל שענקער אין בעהנדערן אַלקער און לאָזען זיך שמעקען די יודישע פּופּיקליך מיט די העלזליך, וואָס ווערען דאָרט געבראָטען. פּערטרינקען זיי מיט י"ש און — רעדען אָן די טאָכטער צו שמד... קיים בעפּרייט זי...

קיין „געזעלשאַפט" איז דאָס מיליטער נישט...

בלייבען די אָפיציערען...

מיט זיי האָט מען שוין מגע ומשא... זיי טרינקען וויין ביי ק—נ'ען אין וויין-הויז, צוברעכען נאָכ'ן טרינקען די גלעזער, קריצען אויס דיערע נעמען מיט די דימענטענע פינגערליך אויפ'ן גרויסען שפּיגעל אין דער מאַכאָגענער רעם; אויף די שויבען פון פענסטער... זיי באָרגען ק—נ'ס קליינער, בלאָנדער, שטילער טאָכטער רוסישע ביכליך... זיי „ביזוען" זעהר אָפּט, נאָכפרעגענדיג אויף די ווייבער אָדער „גלאַט אַזוי" אין דערמאָנטען מאָדע-מאַגאַזין פון דער אלמנה מיט די צוויי בּוגרת'ן אין (וואָס איך האָב נאָך נישט דערמאָנט) דעם זוהן — יונה'ציע...

איך די טעכטער, ווי געזאָגט, רעדט מען... זיי זענען איך דער יצר-הרע פון נישט איין ישיבה בחור: „ווען אַ גרויסער, קנאַקענדיגער פראָסט, ווען מען פאָהרט מיט איינע פון זיי, אַלין איינס וועלכע, אַליין אין אַ בויד... קאַלט, זי מוז זיך צורוקען... נעגטער, נענטער..." אין יונה'ציע — מוקצה מחמת מאוס... אַ דיקער, איין אַראָבגעזעצטער, אַ חיט פּרצוף, אַ געגאָלטע מאָרדע, האַלט אין איין אויסקראַצען זיך מיט די נעגיל די חיינפערליך פון דער געגאָלטער מאָרדע... „שילאַטען-שמש" ביי די אָפיציערען, טראָגט „בריוועליך" אין חבר'ט זיך מיט דיענסט-מיידען...

— פּוי! אין שטילערהייט — אַ ביסל מקנא...

סיי ווי סיי — אַ פרעמדע וועלט. און דאָך עס הויבט זיך אָן שפּינען אַ שטיקעל בעציהונג... נישט חס ושלום קעגען פּאַלאַקען... פּאָלאַקען זענען מיר הייסע! ווי לאַנג איז, ווי מיר האָבען תהלים געזאָגט פאַר'ן נצחון פון דער צווייטער מרידה?!

קיין פּיליש חיל, קיין בעוואָפענטען פּאָלאַק האָב'מיר פּאַר די איגען נישט געזעהען. פון לעמבערג איז אַ געהיימע דעפּעשע געקומען (דער פּאָסט-קאַסטען איז אַ לאָך אין מויער פון אַ פּאָדציענע-ארקאַדע), אַז זאַמושץ איז גענומען; עס איז אַפילו נישט בעלעגערט געווען. אַפילו פון זייגער-גאַניקעל האָט מען אַרום און אַרום קיין בעוואָפענטען פּאָלק נישט געזעהן... זענען מיר יונגליך, חדר און בית-המדרש-יונגליך, פּויליש היל געווען! און אין גאַנצען איין איינציגען שונא געהאַט: אַ בחור, ערשט פון ביאַליסטאָק צו'ן אַ פעטער געקומען; אַ בלינדען אויף איין אויג. האָב'מיר איהם טאַקי שיער נישט אויסגעקראַצט דאָס צווייטע, אין אַזוי איין מאָל, די ביינער געבראָכען, אַז ער איז חדשים לאַנג געלעגען און קוים זיך אויסגעלעקט... און ווער איז דער פּוילישער נאַציעלניק פּאָוויאַטו? ווער שיקט אַרוים אין וואַלד אַריין ברויט מיט קליידער צוזאַמענגעקליבענע, און אַמאָל אויך אַ ביכל אַמוניציע, פון צעך-הויז גע'גנב'יטע? י. מ.'ס אַ [פּערלאָרענער] זוהן... וואָס האָט איהם טאַקי, דעם פאָטער, אַז מען האָט איהם, צוריק פּאָהרענדיג פון וואַרשוי, אין וואַלד געלאַפּט, אין קעשענע אַ רוסישען פּאַס געפונען, און אין די שטיוועל — אַ קאָנטראַקט צוצושטעלען היי און האָבער פאַר קאָזאַקען — פון דער תליה אַראָבגענומען! גראָד אָנגעקומען....

און פונדעסטוועגען — פּאָדריאַדען! מען טרעפט זיך מיט אָפיציערען אין רייטשוהל... יודישע טעכטער זענען חנו'דיג... אַ ביסעל אַ רוסיש בּאָרגט מען... אַפילו מיך הייבט מען אָן צו לערנען רוסיש... נאָך „פּקד-פּקדתי“, נאָך „אָלענדאָרף“ אויף דייטש, מוז איך ענטלויפען פון גרעטשס גראַמאַטיק, און פון לעהרערס (אַ „שרייבער“ אין פּאָלק) מויל, פון וועלכען עס יאָגט „סיבוכא“...

עס שפּינט זיך עפּיס, און פּלוצלינג — דאָס שפּינוועבס רייסט זיך אָבער איבער!

געקומען אַ בלבול!

— — — — — — —

צווישען אונז און די אָפיציערען שטעלט זיך אַ וואַנד און די וואַקסט...

אין גערטיל פאַר'ן שלאָס, וואו די אָפיציערען וואָהנען, שטעהט, צווישען די קליינע גרינע ביימליך, די קאַסע פון פאָלק. בעוואַכט, פערשטעהט זיך, פון אַ זעלנער, אין שווערד און ביקס בעוואָפענט. קומט ווער אין זיינע ד' אמות — שיעסט ער!

אין איינמאָל, פאַר-טאָג, מען קומט איהם אָבוועקסלען, מיין סאָלדאַט מיט'ן קיווער, מיט'ן גאַנצען געווער ליגט אין אַ זאַק געבונדען. די קאַסע — איפגעבראָכען, דאָס אַייזערנע קעסטיל מיט'ן געלד — פערשוואונדען!

דאָס אַייזערנע קעסטיל געפינט דעם זעלבען טאָג אַ פּייער אונטער דער שטאָדט, איפגעשלאָגען און אין גראָז אַריינגעוואָרפען.

ווייס די גאַנצע שטאָט, וואָס דאָס אַלץ בעטייט:

דער פּאָלקאָווניק — איין אַלטער מאַן, לאַנגע שפּיציגע וואָנסען, אַ געגאָלטער אַלטער קאָפּ, טריפענדיגע אייגאליך, אַ נאָז געשלעפּטער פוס, — דער פּאָלקאָווניק האָט אַ יונג ווייב; מילך און בלוט און אַ „וואהלע״ — רייט אויף פערד, טרינקט שאַמפּאַניער, קלייבט זיך אין לובלין און אין וואַרשוי, ווערט פערשוואונדען אויף גאַנצע מעת לעת'ן אין העלדער אויף פיקניקס... און דריי יונגע אָפיציערען, וואָס דרעהען זיך אַרום אידר — מאַכען חובות... שטעלען אויס וועקסאַליך... צום טערמין טוישט מען די וועקסאַליך... און אַזוי לאַנג ווערט געטוישט, ביז מען מוז אַמאָל צאָהלען...

פאַר זיי האָט זיך דער צאַסאָוואָי, אַ פרישער סאָלדאַט פון קאָסטראָמאַ, אַ פויערן-יונג — געקאָנט דערשרעקען...

די שטאָט ווייסט, אָבער נישט דער שלאָס! בפרט, אַז איינער פון די דריי לעב-יונגען איז דער אודיטאָר אין פּאָלק...

דעם קאָסטראָמער גבּיר וואַרפט מען קודם כל אין קאַסעמאַט אַריין... איבערן וועג פאַלען איפ'ן האַלב דערשטיקטען, פאַר שרעק האַלב טויטען סאָלדאַט קלעפּ ווי האָגעל, מיט די שווערדען, מיט די קאָלבים — פערשוועכט דעם כבוד פון גאַנצען פּאָלק!

פון דער גאַנצער אַרמעע! דער שלאָס קלערט אַליין: וואָס טהוט מען? איז דער סאָלדאַט שוין צוויי טעג איף ברויט און וואַסער, נאָר אָהן ברויט און וואַסער... און ערשט צום דריטען טאָג בע־הייזט זיך אונזער אודיטאָר אין דער בעגלייטונג פון סאָלדאַטען מיט ריטער... מען שמייסט, און דער אודיטאָר פרעגט און פערשרייבט...

דער סאָלדאַט זאָגט: יודישע גנבים... געקומען פלוצלינג... באַרוויסע... דעם זאַק פון הינטען פערוואָרפען... ער האָט זיי קיינמאָל פריהער נישט געזעהען... נור יודען... באָרד און פאות... און — —

פערגעהט איינ'ם בלוט...

אַליין איינס, — אונטערשרייבען סיי ווי סיי נישט געקאָנט. דער אודיטאָר שרייבט אונטער און שיקט צום פאָלקאָווניק דעם פראָטאָקאָל.... כתוב וחתום.

שיקט דער פאָלקאָווניק נאָך די סאָלדאַטען, וואָס זענען דערביי געוועזן.

— איהר האָט געהערט?

— טאַק טאָטשנאָ!

— וואָס?

— ער האָט געשריבען...

— וואָס האָט ער געשריבען?..

— ניע מאָגים זנאַט! (מיר קענען נישט וויסען)

— נישט גוט געהערט?

— טאַק טאָטשנאָ (ריכטיג).

—און דער אודיטאָר האָט געהערט?

— ער איז עפּיס אַנדערש, אוטשאָני!

און שוין בייזליך:

— ער האָט געהערט?

— מן הסתם...

— זאָג בפירוש? שאַרף!!

— טאַק טאָטשנאָ!

— שווערען דערויף?!

— אַז מען וועט הייסען...

— ערליך שווערען?
— טאַק טאָטשנאָ...
בלייבט — „יִדישע גנבֿים"...
געהט באַלד אַ פּאַפּיער צום מאַגיסטראַט: היות די קאַסע, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען, האָבען בעגנבֿעט יודישע גנבֿים, זאָל דאָס מאַגיסטראַט תּיכּף ומיד צושטעלען די אַדרעסען פון אַלע יִדישע גנבֿים אין שטאָט...
ענטפערט דער מאַגיסטראַט: נישטאָ! געווען אַ יונגעל הדר'ל, נעלם געוואָרען. נאָך אַ יונגעל, בע'גנב'ט אַ געווער מיט באַקאַליען, — זיצט ער תּפוס אין שעברשין.... אויסער איך דער ניישטאָט....
— זאָל זיין — ניישטאָט.
מאַכט מען אַ רשימה... שיקט מען נאָך די פּערצייכענטע, ברענגט מען זיי פון דער ניישטאָט אין קייטען, און מען וואַרפט זיי אַריין אין פינסטער-נאַסען קאַסעמאַט אין וואַל...
קומען באַלד ווייבער און קינדער אין שטאָט אַריין מיט אַ געוויין... בעהיגט מען זיי, דער אמת וועט אַרויס, ווי בוימעל איפ'ן וואַסער, נישט אַמאָליגע צייטען!
„זיי זענען דאָך אָבער די נאַכט גאָר אין דער היים נישט געווען"...
„מיינער האָט געהאַט אַ גנבֿה אין"... און פערשלינגט דעם נאָמען פון אָרט.
„מיינער איז געווען אין שליחות אין דאָרף, ביים פּריץ"...
איז דאָך גוט, וועלען זיי דאָס זאָגען, עדות שטעלען... און ווירקליך, גנבֿים זענען זיי דאָך, וועלען זיי זיצען אַ ביסעל... געהט אָבער אַזוי אַוועק אַ וואָך, נאָך אַ וואָך, און עס לאָזט זיך פּלוצלינג אַרויס אַ קול:
— מודה געווען!
נישט מעגליך... קומט אָבער צו די איערן: געטייט! איך הייסע, אייזערנע פּליטעס באָרוויס געלאָזט... אונטער די נעגיל געברענט... נעגיל פון די פיס מיט צווענגליך געריסען... האָר פון די ברעמען געצופּט...
ווייטער אַ יללה פון ווייבער און קינדער...

שווייגט מען שוין נישט. שרייבט מען פּראָשעניעס. ווער שרייבט? אונזער אַדוואָקאַט פּ. ג. . . .

שרייבט ער פּויליש, שיקט מען צוריק... שרייבט ער רוסיש, קען ער ווירקליך קיין רוסיש נישט, שיקט מען ווייטער צוריק: פּאָ ניעגראַמאָטנאָסטי...

חפּט מען מיין לעהרער... ער וויל נישט, ער טאָר נישט... גיסט מען איהם אַריין איין כּוס'ע, אַ צווייטע, אַ דריטע אַ געמישטע, אַ פֿירטע — אַ געמישטע מיט עפּיס צוגעמישט. מיין לעהרער צעוויינט זיך אויף אַ קול. כאַפּט זיך קושען... ער וועט שרייבען, ער האָט אונז ליעב דאָס לעבען, „גאָטאָוו" פֿאַר אַ יוד צו געהן אויף סיביר; און ער שרייבט...

דעם צווייטען טאָג — דער שרייבער נעלם געוואָרען... מען האָט איהם מעהר נישט געזעהען. אָבער די פּראָשעניע האָט געפּועלט. געקומען אַ פּריקאַז פֿון העכער: נאָך אַמאָל איבערפֿרעגען די תּפֿוסים, איבערפֿרעגען אין מאַגיסטראַט, און דערביי זאָל זיין דער רבֿ פֿון שטאָט...

זענען זיי זיך מודה, אין געגענוואַרט פֿון רבֿ, ר' משה וואהל: זיי האָבען דעם זאַק פֿערוואָרפֿען, די קאַסע בערויבט... דאָס קעסטיל אויפֿגעהאַקט, אינטערגעוואָרפֿען...

ר' משה וואהל פֿרעגט:

— און וואו האָט איהר אַהין געטהון דאָס געלד?

מאַכט איהם דער אודיטאר אויפֿמערקזאַם, אַז לויט'ן פּריקאַז דאַרף אַלץ געשעהען: „וו יעוואָ, ראַווינאַ, פּריסוטסטוויע", אָבער קיין דעה האָט ער נישט. איבערפֿרעגען טאָר ער נישט. און לעזט איבער דעם פּראָטאָקאָל און פֿרעגט: וויערנאָ?

די תּפֿוסים ענטפֿערן: וויערנאָ...

און ר' משה וואהל מוז אונטער חתמענען...

און ער קומט אַראָב פֿון מאַגיסטראַט, און מען פֿרעגט איהם:

— וואָס הערט זיך? ווי זעהען זיי אויס?

צעוויינט ער זיך, ווי אַ קליין קינד...

מוז מען שוין עפּיס טהון, זיך נעמען צו דער זאַך. מען מוז דאָך דערגעהען, מיט וואָס מען האָט אויף זיי אַזאַ שרעק געוואָרפֿען... לאָז נור קומען י. מ. פֿון וואַרשוי, ער וועט גע-

חאָדר ווערען... אָבער אסיפות מאַכט מען, קלערען קלערט מען, טהוּן עפּיס מוז מען...

פּלוצלינג אַ נייע מעשה:

אַ קול לאָזט זיך אַרויס אין שטאָט, מען ווייסט נישט פון וואַנען, נור איין זיכער — איינער פון די יודען איז געשטאָרבען אין קאַסעמאַט!

מען דערמאָנט זיך אָן ציאַסאוואי'ס טויט; מן הסתם איך דערשמיסען. און מען ווייסט שוין איין קלאָר, אַז יציאת נשמה איז געווען נאָך פאַר עטליכע טעג... זיי ווילען איהם נישט אַרויסגעבען. אוים מורא, מען זאָל נישט זעהען, וואָס מען האָט איהם געטהון. זיי ווילען, ער זאָל פערפוילט ווערען... און אפשר וועלען זיי איהם ערגיץ אין אַ הייל אַריינוואַרפען, צי אין וואַסער, — דער יוד וועט גאָר צו קבר ישראל נישט קומען! און מען ווייסט שוין, ווער עס איז דער קרבן: משה! אין אין אַלע גאַסען שטעהט איין קול: משה! משה! און נישט אָבגערעד, מיט אַמאָל אַלט און יונג, קינד און קייט, מענער און ווייבער, — אַלאָז זיך געטהון צו די קאַסעמאַט! און איין געשריי, איין יללה:

— גיט אונז אָב דעם בר מנן!..

שטעהט איין אָפיציער ביים קאַסעמאַט: שרייט ער:

— משה לעבט...

און רופט אין קאַסעמאַט אַריין: זאָל ער זיך בעווייזען! און אין שמאָלען קאַסעמאַט פענסטערל אין דער הייך בעווייזט זיך משה'ס קאָפּ, אַ לעבענדיגער —

מען גלויבט זיך קוים, שרייט מען צו איהם אַרויף:

— מאַך מיט'ן מויל, מאַך מיט די איגען!

ער טהוט עס. איז נאָך ווענייג:

— שריי אַרויס אַ וואָרט:

ער מאַכט מיט די ליפּען, הערען הערט מען נישט... קיין כח נישט צו רעדען... אָבער אַבי ער לעבט, מען גייהט אַהיים מיט אַ פריידע: ער לעבט, ער לעבט...

אין דעמזעלבען טאָג געהט אַ דאָקלאַד קיין לובלין:

— יודען אַ בונט געמאַכט, בעפאַלען דאָס קאַסעמאַט, גע-

וואָלט איפּרייסען... געמוזט זיי ווייזען די גנבים... געוואָלט זיי מיט געוואַלט בעפרייען... אַ מעשׂה דער און דער אָפיציער... קריגט דער אָפיציער אַ דאַנק, ווערט פאָרגעשטעלט אויף איין אָרדער: „זאַ כראַבראָסט", און אין שטאָט ווערט אַיינגעפיהרט קריגנסצושטאַנד. נישט מאַכען קיין רעדהליך. מעהר ווי צוויי צוזאַמען נישט געהען... נאָך אונטערגאַנג פון דער זון — די לעדען פערמאַכען, אין גאַס זיך ניט ווייזען... קיין אַסיפות נישט מאַכען, נישט אין בתי מדרשים, נישט אין הייזער... און קאָזאַקען אויף פערד רייטען אַרום אַלס פּאַטרולען מיט נאַגייקעס... ביי נאַכט — טאָפּעלטע פּאַטרולען... בעווייזט זיך ווער — מיט נאַגייקעס אין קאַסעמאַט אַריין... פיעל ווערען אין מיט'ן גאַס בעפאַלען אויך ביי טאָג און בעזוכט. געפינט מען עפּיס אַ צייכען וועגען ענין — מיט נאַגייקעס, אין קאַסעמאַט אַריין... אַ שרעק בעפאַלט...

לויפט מען אין בית־המדרש אַריין תהלים זאָגען, — מען צוטרייבט מיט נאַגייקעס... ווייבער לויפען אַיינרייסען די שוהל — קאָזאַקען רייטען אָן, רייטען אַרויף מיט די פערד... מען רייסט אַראָב די קאָפּקעס; די שאַלען, און ווערען נעלם... פון דער נייער שטאָט לויפט מען אויפ'ן בית עולם אַרויף, זאָלען זיך די טויטע מיהען... אַרויסגעלאָפען שטילערהייט, ביינאַכט, אין אַ פינסטערע נאַכט, צוגעפאַלען צו דער ערד, מיט די מיילער צו די מצבות, פערשטיקטע יללות... „בית פרעה" — דער שלאָס דערהערט, אַרומגערינגעלט דאָס בית עלמין, איינציגווייז אַרויסגעלאָזט פון טויער.

זיי האָבען מורא פאַר טויטע!

איין אויסגעשטאָרבענע שטאָט... און י. מ., די איינציגע, די לעצטע האָפענונג קומט אַלץ נישט... טהייל זאָגען: קראַנק, אַנדערע: מורא צו קומען...

היוצא מזה: אל תבטחו בנדיבים...

און אין דער טויטער שטילקייט דערהערט זיך:

— אַ פעלד־געריכט געקומען...

אַ פּאָר טאָג שפּעטער:

— ווידער מודה געווען...

— געפּסקיט — תליה!

— אַוועקגעשיקט דעם פּסק צום בעשטעטיגען...

דערמאָנט מען זיך:

פערהאַן דאָך ערגיץ ידען, וואָס האָבען אַ דעה; וואָס קענען, וואָס מוזען העלפען!

אָבער ווי קומט מען צו זיי? די בראָמען — טאָפּעלט בעוואַכט, קיין פּעסער גיט מען נישט; קיין אויסלענדישע וועט מען געוויס נישט געבען... קיין דעפּעשען וועט מען נישט אָננעמען, און ווער עס וועט גיהן מיט אַ דעפּעש, וועט אַריינפאַלען אין קאַסעמאַט...

זאָל זיך עמיץ מוסר נפש זיין, אַריבערלאַפען די גרעניץ אין טאָמאַשאָוו, דריי מייל אין גאַנצען, פון דאָרט קיין לעמבערג, פאַרהאַן דאָרט אַ פּרעדיגער לעווינשטיין, פון דאָרט טעלעגראַפירען צו משה מאָנטיפיורע קיין לאָנדאָן, צו קרעמיע קיין פּאַריז...

— ווער וויל זיך קויפען עולם הבא, זוכה זיין אין אייביגען לעבען?

געפינען זיך אַזוינער...

אברהם מאַנים — זיין נאָמען; נאָכען ווייב: אברהם מאַנים דער ראָניאַלים; זיין ווייב הייסט ראָניע...

ווער איז ער?

אַ בעל הבית? אַ דאָזאָר? אַ מתעסק בצרכי צבור? אַ מושלם? אַ משכיל?

גאָר נישט פון דעם אַלעם...

איין אַלטער יוד, קרוב לשמונים, קלייבט זיך שוין לאַנג צו פאָהרען שטאַרבען קיין ארץ ישראל, נור זוגתו ראָניע תחיי וויל נישט. זי וויל נישט און קען נישט איבערלאָזען דאָס זאַמושציער בית עולם, וואו זי האָט איהר גאַנצע משפחה... אין בית המקדש וואָלט זי אָהן די מתים אַ יתומה געווען... און אָהן ראָניען וועט אברהם מאַנים נישט פאָהרען... ווי פאָהרט עס אַ יוד אָהן אַ ווייב?

און שפּעטער מיט אַ צוויי יאָהר, אַז ער האָט זי איבערגעדייבערט, און זי פאָהרט מיט איהם, איז זי איהם פון צפת, וואו זי האָט איהם איבערגעגעבען אין זיכערע הענד אַריין, אונ-

טער די הענד אַוועקגעקומען, אַהיים, צו'ן איהר בית עלמין ענט־לאָפען... אַבי אברהם מאַניס איז בשלום אַריבער דעם ים!.. און צוגעפאַלען איז זי צום בית עלמין מיט אַ פרייד און אַ געוויין, די ערד געקושט און געקושט, קוים מען האָט זי אָבגעריסען...

ווי וועט דאָרט לעבען אָהן איהר אברהם מאַניס? צוגעבונדען איז ער צו'ן איהר געווען... אַ בעל תוקע איז ער געווען, איינמאָל נאָך שחרית אַהיים געגאַנגען זיך איבערדרימלען, און געברענגט, אַ פערהושטער יוד, איפ'ן אָרט פון קיטעל—ראָנים אַ וויים העמד...

— נישט קשה, זאָגט ער, איין אשה צנועה ראָניע, אַ צדקת, מען מעג אין איהר העמד בלאָזען...

וואָס נאָך איז ער געווען?

אַ חסיד — אַ בטלן, פריהער אַ בעהאַלטענער; שוהט געווען: איך דער עלטער, אַז די אויגען זענען איהם אַ ביסעל שוואַך געוואָרען, זיך פון שחיטות אָבגעזאָגט, און ערשט דעמאָלט מודה געווען: ער איז אַ בעלזער חסיד. קיין מושלם אַלזאָ נישט; אַפילו אַ שטיקעל עם הארץ אין תנ"ך... זאָגט אַמאָל, אין בעלזער'ס נאָמען, אַ נוטריקון איף יעקב אבינו'ס לייטער, און ווייסט נישט, אַז „סלם" אין תנ"ך איז אָהן אַ וי"ו...

ביי די זייטען האָב'מיר זיך דעמאָלט געהאַלטען!
און ער, דער אַלטער בטלן, וועט פאָהרען...
און ער איז געפאָהרען...

די „איסאַרבייטונג" וועגען ענין, וואָס מען איהם איבער געגעבען פאַר'ן פרעדיגער לעווינשטיין, און אין וועלכער איך האָב איך אַ חלק געהאַט, האָט מען איהם אין העמד פערנייט... הרך בשלום די בראָם... אַריבער בשלום, אָהן אַ פאַס, די גרעניץ—
אין דריי טאָג אַרום:
בטל דאָס משפט!

די אָפיציערען האָט מען שפעטער געזעהן אין וואַרשוי. אָהן עפּאָלעטען, אַפילו אָהן שטיוועל... אָבגעריסענע...

— אָה, אַ זאַמושציער? שענק אַ פאָר גראָשען...

— — — — — — — —

און מען פערגעסט די צרות... אברהם מאַניס בעגלייט מען

קיין ארץ-ישראל מיט גרויס פּאַראַד און — מיט דער צייט הויבט זיך אָן צו בלעזלען אויפ'ס ניי... השכלה!

צי „בלעזלען", ווייל ביי אונז אין קליין פּאַריז וועט דער פּראָצעס נישט זיין געפעהרליך, גאָר אָהן אַ הויכע טעמפּעראַטור. און אַז איך און מיין חבר יחזקאל וועלען זיך מיט אַמאָל, אין אַ שיינעם העלען פרייטאָגדיגען טאָג, בעווייזען זיך פּלוצלינג אין גאַס, אויף די פּאָדציעניס, אָנגעטהון „דייטש", און מאַריינאַרקים, — און אַז מיין חבר יצחק'ל וועט אַריין אינ'ם ניי-געעפענטען פּראָגימנאַזיום, וועט צו קיין עקצעסען קעגען השכלה נישט קומען...

דער השכלה-פּראָצעס וועט הערגעהן, ווי ווייט מעגליך, שטיל, די געבורט אָהן גרויסע וועהען, — די הימלישע טאָטער וועט נישט אָבגענומען ווערען מיט צוואַנגען, — דאָס קעפּיל איז גאָר נישט אַהי גרויס, און קיין ערשטלינג וועט עס נישט זיין...

דערפון אָבער שפּעטער. —

השכלה. ר׳ משה וואהל. דריי־שוועסטער־ליבע.

צו קיין ועקצעסען וועט נישט קומען.
זאַמושץ — אַ ליטישע שטאָט!
פון אייביג אויף איין „עיר מלאה חכמים וסופרים“, — געווען
אַ שטאָט פון תורה, „און וואו תורה — דאָ חכמה“ —
אַ קונץ היינט צו זיין איין עלוי?
שפּעטער, אַלס „מאַניש“, פערזעץ איך בעסער אין יענע צייטען
אַריין... ווען —
גענלעכט האָבען די אַלטע בעל־בתים,
מעשענע ברילען, זילבערנע בתים,
גאָלדנע עטרות, אַייזערנע מטות...
אַנדערע יאָהרען, אַנדערע כתות...

דאָס בית המדרש איז „פול מיט קאַרפּען קעפּ“, און עס איז ענג: „מען לערנט נאָך אין פּאָליש, מען לערנט נאָך אויף די טרעפּ“... און ווי געזאָגט: „וואו תורה — דאָ חכמה“. איז שטענדיג אַזוי געווען. אַזוי דערצעהלט מען! נישט מיר; איך הער אונטער. „וואו מען ווייזט מיך נישט“, — אויב עס הערט נאָר עפּיס פערצייהלט, „וואַקס איך אויף“, און „זיץ, ווי אַ גולם“ מיט איין אָפען מויל. עלטערע וואונדערן זיך: „איין עלויישער קאָפּ“; חברים: אַ יונג, ווי אַ „קוועקזילבער“ און לעגט אַוועק פאַר מעשה־ליך; אַ בלאַט גמרא — גליטש און טייך! איך אַליין פערשטעה עס איך נישט, נור עס ציהט מיך. איך וואָלט פאַר אַ מעשהלע אַפילו חתן־כלה־שפּיעל אין תורבה אַוועקגעלעגט, — האָט עס אָבער אַליין אויפגעהערט... מיידליך ווערען פריהער רייף; כלה־מיידליך! מיט מיין כלה פון תורבה וואהן איך אויף איין און דיזעלבע טרעפּ און טרעף זי נישט...

— — — — — — — —

אינסטינקטיוו האָב איך ליעב מעשהליך.

דאַווינען אין בית המדרש צוויי גראָהע טויבען, צווילינג־ברידער, זיך ענליכע, ווי צוויי טראָפּען וואַסער. מען פערשטעהט נישט, ווי די ווייבער אונטערשיידען זיי, ווי די קינדער דערקענען...

„מעגליך — שמייכעלט מען, עס טרעפען זיך טעותים!“ האַלטען זיי זיך שטענדיג צו זאַמען, האָבען בשותפות איין אײנפאָדער־הויז אויף דער ברוקאָוואנער גאַס, און זיצען אין בית־המדרש שטאָט־ביי־שטאָט, מיט׳ן רוקען צום שלחן, מיט׳ן פּנים צו ארון קודש. און טרעטען זיך נישט אָב, און וואורקען, אויב זיי בלייבען עטוואָס לענגער נאָכען דאַווינען, ווי די טויבען, וועגען אַלטע צייטען; און איך בין שוין ביים שלחן, האַלט שוין די אויערען צווישען די גראָהע קעפּ.

„אַ שפּאַס אַמאָליג זאַמושץ“, דער „גאון“ — „דער אַייזערנער קאָפּ!“

דאָס מיינט מען אַיין אַמאָליגען רב אין זאַמושץ. און „חי־חי־חי!“ — איין שפּראַך און איין געלעכטעריל. און צוויי פלאַכע הענד — אַ חאַפּ זיך פאַר די ליפּען, מנהג פראַנצויז; ד״ר סקשינסקי טהוט אויך אַזוי: אַ מענש זאָל נישט שפּריצען מיט׳ן מויל. און פערציילען פערציילען זיי זיך איין אַנעקדאָט, ווער ווייסט, צום וויפעלטען מאָל — פון „גאון“:

מאַכט זיך אַ מעשה: אַ זומער טאָג, אָפען די טהיר. קומט אַ דיענסט־מיידעל מיט אַ שאלה, מיט אַ וואַרים גענזיל אויף אַ טעלער... פריש געבראָטען, צושניטען און עפּיס געפונען... געהט דאָס מיידיל באָרוויס, הערט ער נישט איהר קומען; זיצט איבער אַ ספר!.. קומט זי צו צום טיש, שטעלט פאַר איהם די „שאלה“, ער זעהט נישט, אין ספר פערקוקט. רוקט זי זיך אָב צוריק צו דער טהיר און שטעלט זיך וואַרטען, זי וועט דאָך איהם נישט מבטל זיין... האָט ער, דער גאון, אַ חוש הריח, דערפיהלט ער און דערזעהט... מיינט ער, ער זיצט און עסט... קוקט זיך צו — אַ גענזיל. „אַיי, אַ רביצין!“ — ווי זי „קעכילט איהם!“ לערנט ער ווייטער מיט די אויגען, און די הענד חאַפּען און וואַרפען שטיקער „שאלה“, צווישען באָרד און וואָנסען, אין מויל אַריין... די מויד — פערשטיינערט פאַר שרעק. און איידער זי קומט צו זיך, איידער זי גיט אַ געשריי צו

דער רביצין אין קיך אַריין, און איידער די רביצין קומט, — אויס גענזיל!

מאַכט ער —

— שאַ, שאַ, רביצין! אַז איך האָב געגעסן, איז כשר!

פינטעלט די רביצין מיט די אויגען, און ער:

— זאָג איהר, זיי מוחל, — די כלים כשר!

און דער אייגענער גאון איז אַ בקי בשבע חכמות. פיהרט, פערציילען זיי, וכוחים מיט'ן קאַנאַניק, און דער גענט שטענדיג אַוועק אבל וחפוי ראש, „ווי אַ קוימענקעהרער!“

און אַ שוהל-שמש געווען — —

— איין אביון...

— אַ מטופל!

— מען האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז ער איז אַזאַ מזיק...

און דער יוה האָט געפונען „אַ נייעם אופן צו חשבונען“, מען זאָל אויסרעכענען „אויף הונדערטער יאָהרען להבא“ אַלע לקוי חמות און אַלע לקוי לבנות. נאָך דער פטירה געפינט מען די קאָרעספאָנדענציע, וואָס ער האָט געפיהרט דעריבער מיט דער פאַריזער אַקאַדעמיע. ווי ווייט עס איז אמת, און וואו די כתבים זענען אַהינגעקומען, ווייסט מען נישט. צו חצות — זאָגט מען — פלעגט ער, דער שמש, און ר' ישראל זאַמושטש, דער בעל מחבר פון „הטבע“ (אויב איך האָב קיין טעות נישט) צו-זאַמענקומען זיך ביים „אַייזערנעם קאָפ“, און נאָך חצות, פאַר עלות השחר, זיך מתוכה זיין אין חכמה... פון ישראל זאַמושטש ווען די מעשה זאָל אַפילו אמת זיין) רעד מען ווייניג. דעם העסיערס רבי; גלייכער מען שווייגט. נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס.

און גבירים געווען...

— פאָסעסאָרען, גרויסע גיטער געהאַלטען.

— רוי-פוילין, אַרויסגעטריבען.

— נאָך פראָצעסען געמאַכט. תקיפים אין סאָנד, דער עקאָנאָם זאָגט, וואָס דער פריץ הייסט, און מען ליציטירט נאָך אַזאַ יוד, וואָס געהט אַליין נישט אַוועק פאַר'ן טערמין, למשל —

— ר' יוסל;



י. ל. פרץ און יעקבֿ דינעזאָן

— נפטר געוואָרען אין שטאָט, — איין אביון...

— אַ יתומה געלאָזט — אַ בוגרת...

פון דעם ווייס איך אויך עפּיס. די יתומה קען איך. אַ הויכע, אַ מאָגערע, מיט שלעפּעדיגע פיס, וואַסערדיגע אויגען און האָהר — ווייסע, ווי פלאַקס; דאָרפישע האָהר. אָבער מען לויבט זעהר איהר פויליש רעדען. און — די פּאָר פּאָרטרעטען, וואָס הענגען ביי אונז אויף די וואַנד: נאַפּאָלעאָן דער דריטער און זיין קיסרטע אַאוגעניא, מיט וועלכער איך האָב מיין לעצטען רב'ין געפּיינינגט, — די רויטע גרויסע, הויכע און ברייטע שאַפע („אַ שאַפע, ווי אַ הויז"), און וועלכער, זיך בעהאַלטענדיג פאַר'ן ד"ר סקשינסקיס נקמה, איך האָב איבערגעפיהרט אַ פולען טאָפּ מיט אייער, און די צוויי לאַנגע, שוואַרצע שטאַנגען, מיט די מעשענע גאַלקים צו פאָר־האַנגען, וואָס די מאַמע לאָזט נישט קיפּען („משוגע מיינע שונאים!") און וואַלגערן זיך דעריבער אַרום אויפ'ן בוידעם, — די אַלע דריי מציאות (די ליעבשאַפּש צו מציאות, וואָס איך האָב געירשנט!) האָט דער טאַטע אויף דער ליציטאַציע ביי דעם יוסל אין דאָרף געקויפט.

— „רע־פּוילין"... איינציגווייז אין שטאָט אַריין געטריבען.

— ווער איז געבליבען? איין י. מ....

— איז ער דאָך י. מ.!

אָבער די פּאָסעסאָרען זענען געווען „אויסגעמישט" מיט פריצים, געפיהרט זיך פּריציש, געקומען און געברענגט אין שטאָט אַריין פּריצישע מנהגים, ווי די „לייפּסקער סוחרים" פון לייפּציג — אַ ביסעלע דייטש! — (די דייטשקע, וואָס איז אַ גלגול געוואָרען!)

— אַ מהלך קיין לייפּסק!

— גזלנים אויפ'ן וועג!

— מען פלעגט דאָך פאַר'ן פאָהרען שרייבען צוואות, אי־בערגעלאָזען גיטן על תנאי...

— נישט אונזערע צייטען!

— — — — — — — —

— אָבער געהערט האָט מען, פערציילט האָט מען!

און „אונזערע צייטען" זענען אויך נישט אַזוי שלעכט.

ערשט נאָך אייכענבוים, צעדערבוים און אַנדערע. עס קומט קיין זאַמושׂץ צו י. מ. אין הויז אַריין — יעקבֿ רייפֿמאַן, דער גרויסער אפּיקורס" און „חוקר קדמוניות"... מיין פֿעטער, וואָס וועט זאַמלען מיינע כּתבֿים — מיינע חטאת נעורים, טראָגט זיך דייטשמעריש, נישט גאָר קורץ, אָבער נישט איבער די קניען. (צוויי מאָסן געווען: ביז צו קניען — דייטשמעריש. גאָר קורץ, אַ מען זעצט זיך און די מאַרינקע רידהרט קוים אָן מיט די זוימען דאָס געזעם — עכט דייטש). פֿאָהרען דורך בראָדער זינגער, קומען זיי צו איהם, זינגען... ביי איהם איז דאָ אַ סך קליינע ספֿרימלעך אין אַ „גלעזערנער" שאַנק. צווישען אַנדערע: ד"ר עטינגערס „סערקעלע", זיין „קוגעל", וואָס ער האָט איבערגעמאַכט פֿון שילערס „גלאָקע", און די משלים... און דעם אַלטען ר' זלמן'ס הויז? ער אַליין — אַ פֿערצייטישער פֿליישיגער יוד. אין אַ ברייטען טיזליק אין דער האַנד — אַ שטאָק מיט אַ זילבערנע גאַלקע, געהט (צוזאַמענמאַכענדיג נדבֿות) מיט'ן שטאָק פֿאָראויס, דער שמש טראָגט נאָך די זילבערנע פּושקע... זיין ווייב (איהר נאָמען האָב איך פֿערגעסען), אַ יודענע מיט „אַ דריי-גאָרענדיגען-גוידער", נישט קיין געלעכערטע אויערן; די „געהענגען" — לאַנגע ברילאַנטענע אויערינג — באָמבלען זיך אויף זיידענע פֿעדעם פֿון שטערענטיכעל אַראָב, און אין זייער הויז: אַ גערטיל אין מיט'ן הויף, אַ הילצערנער גאַניק, וואָס לויפֿט אַרום שטאָק, פֿאָרהאַנגען אין די פֿענסטער. און אונטער די פֿאָרהאַנגען (איז לינדער דאָס וועטער — אויפ'ן גאַניק, זומער-צייט — איז אין גערטיל, אויף אַ באַנק אַרום דעם איינציגען בוים אין דער מיט, אין מיט'ן קראַנץ פֿון אַלערליי בלומען אַרום), זיצט אַ טאָכטער איין אלמנה, צוויי מיידליך (אַ העלם און אַ שוואַרצ'ס) און לערנען פֿראַנצויזיש פֿון אָלענדאָרף און לעזען דייטש „ווי אַ וואַסער", עפּיס אַ גרויסע ביבליאָטעק דאָרט פֿאַרהאַן, שפּעטער האָב איך פֿון איהר אַרויסבעקומען אַ פּיזיק.

און א.... ל... טראָגט זיך שוין אַליין דייטש, עכט דייטש, וואָהנט אין עק שטאָט, רעכטס (פֿון מאַרק גערעכענט) צום אָפּיציערען-קלוב, אין אַ בעזונדער הייזעל, שוין מיט אַ ג ר ו י ס ע ן גאָרטען, הויך מיט ברעטער אַרומגעצוימט, איז דורך די שפּאַלטען פֿון צווישען די ברעטער, אַז מען געהט זיך באָדען, — עס איז

ביים שמאָלען וועגעל, – זעהט מען, ווי אין גאָרטען דרעהט זיך אַרום זיין איינציגע טאָכטער, אַ הויקעריל, וואָס שעמט זיך אַרויסצוּווייזען אין גאַס אַריין, און רייסט בלומען אָדער קוקט אַריין אין אַ ביכעל.

פֿערהאַן אין גערטיל עפּיל-און באַרען-ביימליך. — מיר קריכען נישט איבערן פּלויט. דרך-ארץ און אָבשיי פֿאַר'ן קליינעם געבילדעטן הויקער און — פֿאַרן סמאָטריטעלס הינטעל....

און ק... דער וואָס האַלט דעם וויינהאַנדעל, וואו די אָפּיצירען טרינקען און פּריצים פֿון אַרום — עסען און קויפֿען אַהיים וויין און באַקאַליע. פֿערהאַן דאָרט אַ פּיין, בלאָנד „פּאָרצעלייען" מיידעל, מיט זיידענע, לאַנגע בלאָנדע צעפּ (זי וועט דערמאָנט ווערען), וואָס לעזט ביכער, געבאָרגטע פֿון פּריצים און אָפּיציערען.

און י. מ.'ס הויז, וואו גרויסע אָפּיציערען שפּיעלען פּרעפֿעראַנץ, וואו אַהין דער גרויסער אַפּיקורס יעקב רייפֿמאַן וועט קומען אַלס לעהרער?! און — אַ היימיש מנין דאָרט פֿערהאַן, מעהר פֿאַר די קינדער; י. מ. אַליין איז דאָס מעהרסט אין וואַרשוי. פֿאַר'ן עמוד אַלס חזן פּראָדוציערט זיך אַ היטעל-מאַכער, דער כאָהר — זיינע ברידער, אויך היטעל-מאַכער. נישט זעהר קיין פֿרומע יודען. אַ ברודער האָבען זיי אַ שטיקעל אַפּקורס — אַ לערער פֿון קאַליגראַפֿיע, וואָס שרייבט יודישע שירים, אַלאַ עטינגער! איינער פֿון די „זינגער" וועט אין קורצען געהען פֿון דער וועלט, וועט מען פֿערציילען, אַז ער האָט זיך, פֿאַר גסיסה, געהייסען געבען אַ ווערמיגע פּלוים צו עסען. אַז מען וועט אויף יענער וועלט שמייסען און אויסרופֿען פֿאַר וואָס, און מען וועט דערמאַנען די ווערמיגע פּלוים, וועט ער וויסען — אַ סוף! און זיי זאָגען אַלע „עברי!", נישט ליטוויש, דאָס וואָלט מען נאָך דעמאָלט נישט פֿערטראָגען. אַ ליטוואַק איז „אַ צלם קאָפּ". אַ ליטוואַק זעצט זיך אין אַ קרעטשמע ביין אַיין ערלית און לערנט. און זאָגט צום פֿערגאַפֿטען אורח: „איהר ווייסט גאָר נישט, אַיין אשה צנועה דאָס איז!" זי איז דאָך איהם מאכיל ומשקה און לאָזט איהם נישט מפסיק זיין פֿון לערנען! (זעה — „דער חלום פֿ'ין ליטווישען מלמד"). אַ ליטוואַק, אַז דער צווייטער רופֿט איהם צו שמד, ענטפֿערט: „וואַרט, איך וועל נור אָבדאַווינען מנחה" — און אַ ליטוואַק איז נאָך אַ יקר המציאות אין דער גאַנצער גע-

גענד. אין זאַמושץ געווען איינער, אַפילו גראָה אַ פײַנער, גאָר אַ פײַנער יונגער מאַן. טאַקי ר׳ זיינוועלס אײדעם, איז ער. געבּיך, אַוועקגעקומען; די אַלמנה וויל פּערזיצען...

זיי זאָגען פּוילישע עבֿרי. שׂמחת תּורה, די גבֿירה אין די גרויסע בּריליאַנטען אין די אויערן, מיט׳ן קעלנעריל, מיט פּעריל אויסגעשטיקט, איבּער׳ן האַלז (אַזוי אין לעבּען, ווי אויפ׳ן פּאָר־טרעט אין סאַליע). — די גבֿירה שמייכעלט ליעבּליך און דערלאַנגט כּבוד: טאָרט (איך מיין, איהר שוועסטער און מיין באָבּע באַקט איהם), ניס, בּיער, צוקער־בּראָנפען; עטוואָס ווײַן אויך. און זיי, דער חזן מיט די משוררים, זינגען ל י ע ד ע ר! „דער תּעודה מיט׳ן האַמער, קלאַפּט שוין אין קאַמער“, און גאָלדפּאַדען — מיט די פּויסטען אין יודישע לעדען אַריין, „שוין טאָג! די אומות העולם וואַרטען אויף אַייך!“ אין זאַמושץ — עטוואָס קאָמיש, ווי דערמאָנט — ווער זענען די אומות העולם? אָבּער עס זינגט זיך!

און דאָס מנין זאָגט קיין פּיוט נישט. צו יזכּור טרעפט זיך דער געמישטער, נ י ש ט פּער־יתומ׳טער עולם, פון מענער שטוב און פון דער ווייבּער־שטוב (די סאַליע) אין הויז — אַיין התחלה פון פּלירט. יום כּפּור איז מען זיך געגענזייטיג מכבּד מיט האַרץ־טראָפּען, אָבּער פריהער מוז מען ווייזען די צונג, צי מען פאַסט...

און דאָרטען דאַווינט קינדערפריינד, אַיין אַלטער בּחור, אַ געגאָלטער, האָט אַ סדור און אַ מחזור מיט דייטשער איבּערזע־צונג. ווייכט פון „פּעדאָן“, רעד פון „יערוזאַלעם“, — פרעגט מיך אַמאָל:

— וואָס איז אַייער פּערלאַנג, ר׳ דער און דער?

איך געדענק הלל׳ן און זאָג: ואָהבֿת לרעך כּמוך. ער זאָגט: ניין, אָנכי, דאָס איז דער יסוד!

אמת, אין דער זעלבּער געזעלשאַפט אַריין, אַז עס איז אַמאָל (איך געדענק שוין נישט, צוליעב וואָס) אַריינגעקומען אַ געוויסער רפאל עסיגמאַכער, אַ שטאַמעלדיגער יוד, וואָס האָט איין עסיג־פאַבּריק, און וואָס איז ערשט געקומען פון ערגיץ, צוליעב איין אָפּעראַציע, פון אויסלאַנד, און האָט פערציילט, בּעיני ראיתי, ער האָט אַליין געזעהען, אַ וואָגען איז געפאָהרען אָהן פערד, — האָט מען זיך אַזוי צעלאַכט, אַזוי לאַנג תּוזק געמאַכט, אַזוי לאַנג

זיך געוויצעלט און אַזוי לאַנג מיט ווערטליך געשטאָכן, ביז דער יוד ר׳ רפאל האָט געמוזט „מודה“ זיין, ער האָט „משטה“ גע-ווען, אויסגעטראַכט... אָבער איין התחלה איז שוין געווען! אַ זאָ-מען פאַר נייע צייטן — שוין געוואָרפן!

און אַפילו אַ פשוטער יוד, דאַכט זיך, נישט זעהר קיין ניכטערנער, פאַלט אַמאָל איין און ער קומט פּלוצלינג אין הדר אַריין, וואו זיין איינציג יצחקל לערנט, און זאָגט:

– רבי! (אַ גרויס-פוילישער, מיט דער ריש) נייע צייטן; מען דאַרף זיין געבילדעט! מיין בן דאַרף אַ חתן ווערען!

– וואָס איז אייער פערלאַנג, ר׳ דער און דער?

קיין פסוק וויל ער נישט. קיין אַפּקורס, וויל ער נישט, ער זאָל ווערען, אָבער —

– אַ פּרק קאָנקאָרדאַנציע מעגט איהר מיט איהם לערנען! יעדען טאָג אַ פּרק!

און עס דרעהט זיך נאָך אַרום אין שטאָט, דאַכט זיך, אַ קאַנדידאַט אויף דער „תוכחה“, עפּיס איין אָרימער, אַלטער, הוי-כער, געלער, ברייט-פּלייציגער יוד. דעם פאַמיליען-נאָמען קיינמאָל נישט געהערט, דער צונאָמען — נישט דרוקפֿעהיג, מיט׳ן נאָמען „יואל“, וואָס האָט גאָר ערגיץ אין רוסלאַנד אַ זוהן, וואָס שיקט איהם געלד מיט דער פּאָסט, אַ „פּאָלנעם יעדנעראַל!“ (רוסיש-פּויליש-פעסטונג-לשון בנוגע צו מיליטער-זאַכען).

קיין שטאָך-אַרבייט וועט פאַר דער השכלה נישט זיין!

ערגיץ אַנדערש פּילדערט, רוישט. חסידים שמייסען די משכּילים אויף קאָנקאָרדאַנציעס, — משכּילים שרייבען מיט איין איין האַנד שירים בשבח ההשכלה און וועגען די פּיער צייטען פון יאָהר, און אָדען – דאַנק-און לויב-געזאַנגען צו דער ממשלה, פאַר איהר חסד צו כנסת ישראל און מיט דער צווייטער האַנד — מסירה-לעך אויף די שוואַרצע... און אַ מלחמה מיט תקיפים און קהל, אַ מלחמה מיט רבּים, אַ מלחמה מיט חסידים, מיט רבנים...

ביי אונז — פון דעם אַלעם קיין צייכען.

איב איך וועל קלאָגען אַמאָל:

אַכט און צוואַנציג גראָשען פלייש אַ פונד...

און צום גראַם:

„אַרויס צו וואַרפֿן פֿאַר די הינט“.

און קרעכצן:

„און אַ פֿונט, אוי, אַ גרויסע קלאָג!
„שטיינער און ביינער און אַ פֿאַלשע וואָג“...

און נאָך שפּעטער, אין „ספּורים בשיר“ (צוזאַמען מיט מיין געוועזענעם שווער ג״י ליכטענפֿעלד געדרוקט) אַ פּאָעמע „חנה“, וואו די העלדין מיט דעם נאָמען ווערט פֿערשוועכט פֿון ראש הקהל׳ס זוהן, און דער ראש הקהל דער תּקיף א. א. וו.... וואָלט עס זיין נישט מעהר ווי אַ נאָכמאַכעניש... ווי איך האָב נאָכגעמאַכט היינען... נור מיט מעהר געשמאַקלאָזיגקייט. געווען ביי אונז אַ פֿאַכט (ענליך צו דער „טאַקסע“), אָבער אָהן שווינדעל און רויבעריי, און — אויך בטל געוואָרען. דער אידעאַל פֿון אַ ראש הקהל אין זאַמושץ איז (ביז אין דער לעצטער צייט כמעט!) אַ יוד, וואָס קען נישט רעדען, און ווערט נישט פּלוידערן אין מאַגיסטראַט, — וואָס קען זיך נישט אונטערשרייבען (און ווערט נישט חתמנען אָהן קהל׳ס וויסען; דער חותם פֿון דאָזאַר ליגט ביי׳ן אַ בעל-הבית!) און בעקומט פּעטש פֿון הייב, פֿאַר וואָס ער מאַכט נישט בעסער תּנוּה די טעכטער... קיין רביים לאָזט מען אין זאַמושץ נישט אַריין. מען וויל נישט קיין מחלוקת. הערט זיך, עמיץ פֿאָהרט, לויפֿט מען צום נאַציעלניק, שטעלט ער וואַכען ביי אַלע בראָמען. דעם עומד על גביהם, אַ יוד, גיט קהל. בעווייזט זיך די בויד:

— קודי? נאַזאַד!

ר׳ גירשון העניך „פֿון תּכלת“ (אַזוי פֿלעגט מען איהם רופֿען) וויל דוקא אַריין קיין זאַמושץ, און אַ בעל נצחון — קויפֿט ער זיך אין שטאָט אַ הויז. מען ווערט דאָך נישט אַרויסטרייבען קיין בעל-הבית? ליתר „תּוקף ועוז“ גנבֿ׳ט ער זיך אַריין ביינאַכט! — אין דער תּריה, עוף השמים... מען ווייסט שוין; אַרויסגעפֿיהרט, נישט מיט גרויס כּבֿוד!

חסידים זענען וועניג אין דער צאָהל און האָבען גאָר קיין דעה נישט. לעקען זיך ערשט אויס פֿון די „וואונדען“, וואָס זיי האָבען בעקומען, אין גאונס צייט, פֿון קהל און זיינע פֿאָרשטעהער. אַ יונגער-מאַן, נאַטירליך פֿון דער פֿרעמד, קריגט בענקשאַפֿט, כאַפּט זיך אַרויס, לויפֿט צו׳ן אַ רבי׳ן. — מען שיקט

נאָך רייטער, מען חאַפּט איהם, מען מאַכט איהם אַ פּעקיל. מען פיהרט איהם אַזוי איבּער דער גאַס, אין דער היים – מקיים פּסק, דערנאָך צום רבֿ. אָבּגעגט און – היידאַ! נאָך אַיין אייגענעם זיצט מען שבֿעה! אַ גאַנץ „מנין" אַז מען חאַפּט, פיהרט מען אין מאַגיסטראַט אַריין, שערט מען אָב מיט גוי'שע הענד די פּאות און מען גאָלט האַלבּע בּערד... מענשען געדענקען עס נאָך.

היינט, דאַנקען גאָט, שטיל! דאָס הייסט – זיי דאַנקען גאָט! אַז דער אישביצער רבּי וועט, מיט יאָהרען שפּעטער, זועלען אי־בּערפּסקענען דעם זאַמושצער רבּ'ס (דוקא שוין נישט קיין שם־דבֿר!) אַ דין תּורה, וועל'מיר זיי לעגען אין חרם אַריין: מיר – דייטשען די אישבּיצער חסידים!

וועל'מיר אפשר מלחמה האַלטען מיט'ן רבֿ?

איז אונזער רבֿ, מיין פערהערער, מיין שפּעטערער ר' זיי־שעלע, – ר' משה וואהל.

אָבּער איהם קומט אַ מדור מיוחד!

— — — — — — — —

ר' משה וואהל – דעם ליסער'ס תלמיד. ער ציטיערט זיין דעה און שרייבּט: ותּלמידי הגאון... געווען אַ גבֿירישער איידעם, געוואָרען סוחר; דאָס געלד פערלוירען – רבֿ אין זאַמושץ. אַ שונא בּצע, זיצט ער שוין אויף דער שטוהל אַ יובֿל, און לאָזט זיך נישט געבּען קיין הוספה. „מאַכט מיר נישט קיין בּייכען האַלז!" רח"ש נעמט ער נישט! דין־תּורה־געלט צעטיילט ער צווישען די בּייזיצער – דיינים אָדער בּוררים. נעמט נישט אין מויל אַריין, וואָס זיין רביצין קאָכט נישט. אויף אַ סעודת מצוה ניפּט ער אַביסל, אַ בּרכה צו מאַכען; עסט אַ טרוקענעם כּזית, צוליעב וואַשען און בּענשען.

און – אַ קליין זיס יודאַלע, אַ וויס זילבּערן בּערדאַלע. אוי־גען – ווירקליך „טויבּען־צוגלייך"! קינדער – דאָס גאַנצע לעבּען! אין גאַס, אין בּיהמ"ד, ער בּעוויזט זיך נור, רינגעלט איהם די יונגע חבֿרה אַרום, זעהט מען איהם אַרוים קים עטוואָס העכער – אַיין עלטערס צווישען הענדליך. און האָבּען האָט דאָס יודאַלע אַ קינ־דיש ציטעריג קול'עכיל – אַ פיין זילבּערן גלעקעלע. און אַז ער דאַווינט, וואָס זיין חזקה איז, כּל נדרי אין שוהל, קלינגט עס, קלינגט עס,

צעגיסט זיך עס און מען הערט עס אין דער גרויסער טיפֿער שטילקייט, אין אַלע ווייטסטע ווינקאַליך, ווי אונטען אַזוי אויבען אין דער ווייבערישער שוהל... און — אַ גאַנץ יאָהר אַ מיקל. אַלץ כּשר און כּשר. אַיין אָרימע כּנסת ישראל, אַלץ איז הפסד מרובה, אַזאַ בּעשטענדיג יקרות... אויסער פּסח; ווי אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט ער פֿאַר כּרת שבּמשהו!

און פּסקינען פּסקיט ער גלייך פֿון דער גמרא אַרויס.

זאָגט מען, און, פֿערשטעהט זיך, נישט אַבּי ווער: דער אין דער פֿון די גדולי הפּוסקים זאָגט אַנדערש, ענטפֿערט ער שמייכלענדיג:

— אין מיין צייט און אין מיין שטאָט בּין איך דער איינציגער פּוסק!

שוין. רעד מען שוין נישט מעהר דערפֿון.

און פֿאַר דעם קליינעם, צושמייכעלטען יודאַלע, ציטערט מען אימת המלכות; פֿון גבּיר בּיז'ן חסיד, בּיז'ן קל שבּקלים... ער איז מעניש! דאָס הייסט: נישט חס ושלום, ער, אָבּער קלאָר ווי דער טאָג: מען נעמט זיך פֿאַר איהם אָן. איהם צוליעב אָדער — זכות אָבות?

דער סוף פֿון שמעי' גבּור, וואָס האָט איהם אונטער די איגען אַקעגען גערעדט, בּעריהמט זיך: ער לויפֿט, איהם אַראָבּרייסען דאָס שטריימעל פֿון קאָפּ, ווייסט איהר אפֿשר, אַנ'ט לעזט די סקיצע אונטער'ן העלד'ס נאָמען.

אַז צוליעב זיין כּבוד איז נענש געוואָרען דער טריסקער!

די טריסקער חסידים לייקענען נישט. די מעשה — אַזוי געווען: קומט אַמאָל קיין זאַמושץ דער טריסקער, (פֿון דעמאָלסט אָן לאָזט מען טאַקי קיין רבּיים נישט אַריין), פֿאַלט איהם איין, זיך נוהג צו זיין, ווי אין אַנדערע, ד י י נ ע שטעטליך, נעמט ער דעם גבּאי און שיקט נאָכען רב. שמייכעלט ר' משה וואהל און ענטפֿערט: „געה, זאָג איהם, אַז דער כּבוד התורה פֿערלאַנגט, מען זאָל פֿריהער קומען צום מרא דאַתרא!" — פֿאָלגט ער נישט, דער טריסקער, פֿאָהרט ער אָב און איז נישט מוציא שנתו...

— געווען — זאָגען די טריסקער פֿון רבּינ'ס צד אַ שגגה היוצאת מפּני השליט...

און צוגעגעבן ווערט, נישט אָהן גדלות:
— און מיט אַזאַ צדיק יסוד עולם ווי אַ טריסקער, איז מען טאַקי מדקדק כחוט השערה!
און אַז יעקב רייפמאַן קומט צו אונז, צו י. מ. אין הויז אַריין, אַלס לעהרער אָדער העכערער מלמד, און עמיץ וואַרפט אונטער קעגען איהם אַ חרם, אַ חסידישע קונץ... און ר׳ משה וואַהל לאָזט אויסרופען, אַז ווער עס איז מחרים אָהן דער ידיעה פון מרא דאַתרא און זיין בית דין צדק, איז אַליין בשמתא...
און דאָס זעלבע יאָהר שטאַרבט אַ חסידישער יונגער מאַן, — ווייסט מען אויף זיכער, איז ברור כשמש, אַז אַזעקגעקומען איז דער חרם־אונטערוואַרפער! אַז דאָס איז זיין עונש געווען.
מען הייבט אָן צו נעמען צום מיליטער. מיין טאַטענס עצה, מען זאָל נישט געהען, „קיין וועלט זעצט מען נישט איין״, געפינט. נאַטירליך, ביי קיינעם קיין אָבקלאַנג נישט. עס גענענט די סוב־רעוויזיע, עס בלייבט, אַז די, וואָס ווען אַוועקגעהען, דאַרפען בעקומען פון שטאָט שטיצונג. אויפ׳ן וועג און פאַר דער פאַמיליע אין דער היים. ר׳ משה וואַהל שטעלט אַ פושקע ביי זיך אין דער צווייטער שטוב, און לאָזט אויסרופען, אַז דער יושר איז, אַז אַלע בעלי־בתים זאָלען אַריינוואַרפען אין פושקע מעשר פון זייערע רוחים... געוואָרפען ווערט, ווי געזאָגט, אין דער צווייטער שטוב, ביחידות, קיינער זעהט נישט, אָבער מען האָט אַזוי מורא עובר צו זיין אויף זיין „גזרה״! אַזוי פיעל פחד פאַר אַ טעות אין חשבון, אַז — מען געפינט „שרפ׳ט״!
גאַפט מען!
און ווי עס פאָלגט דאָס ווייבער־פאָלק!
איהר וואָלט געדאַרפט זעהען, ווי מען ענטלויפט פון די פעסליך און שעפליך פיש אויף שבת, אויב דער פישער וויל טייערער מיט אַ גראָשען, און ר׳ משה וואַהל, מורא האָבענדיג, אַז אָרימע לייט וועלען צו קיין פיש נישט קומען, קיין רעכטען שבת נישט האָבען, שיקט אַרוים דעם שמש: קיינער זאָל נישט קויפען!
ווי פון אַ פייער ענטלויפט מען!
און י. מ. דער גביר אַליין?

ר׳ משה וואַהל לעבט מיט איהם זעהר גוט. „ישיעלע!“... און פון דעמטוועגען, אַז מען רופט „ישיעלען“ צו׳ן אַ דין תורה און ער שיקט נאָך איהם דעם שמש, און יענער האָט געסט: דעם פלאַץ-מאַיאָר, דעם סמאָטריטעל און נאָך... און לאָזט זאָגען... ער האָט צינד קיין צייט נישט, לאָזט ר׳ משה וואַהל איהם אָבּ־ענפערן: אלהים נצב בעדת אל. און ווער עס האָט פאַר גאָט קיין צייט נישט, קען גאָט, חס ושלום, אַמאָל פאַר יענעם קיין צייט נישט האָבען...

לויפט מען שוין!
און דער קל שבקלים?!

איינמאָל, פרייטאָג צו נאַכטס, חאַפּט ער זיך אויף שפּעט אין דער נאַכט. עפּיס אַ שאָרך האָט איהם אויפגעוועקט, קוקט זיך אום, גנבים שטעלען אַרויס די שויבען פון פענסטער. אַ קאָפּ בעוויזט זיך, אַיין אינו ישראל. דאַנקט ער און לויבּט דעם אייבערשטען, וואָס „רוב גנבי ישראל“ האָט נישט מחלל שבת געווען! דער גנב איז דערווייל אַריין, נישטערט און טרעפט צו די שבת׳דיגע לייכטער. ווען די לייכטער שוין אָבּקויפען אַ יוד,— איז ער מפקיר די לייכטער! בענשט די רביצין איין שבת אין מעשענע לייכטערליך. אַ יודענע — לאָזט זי אַביסעל טרערען ביים ליכט בענשען. שוין! דעם צווייטען ערב שבת, מען ברענגט אָב די לייכטער. צווי יודען פאַסערס האָבען זיי געקויפט, איז איינעם אַוועקגעקומען דאָס ווייב, דעם צווייטען — אַוועקגעפאַלען אַ קינד, לא עליכם, אויף אסכרה.

און דער ר׳ משה וואַהל אַליין האָט שוין, ווייסען אַלע, שוין אַ יאָהר דרייסיג קיין ספר אין האַנד אַריין נישט גענומען. געדענקט ש״ס ופוסקים אויסוועניג. וואו מען הייבּט אָן, זאָגט ער, אַז מען דאַרף, ווייטער; ווי לאַנג ער וויל, בעל פה. און לעזען לעזט ער דוקא די קליינע „ביכלעך“. פון וואַנען נעמט ער זיי?

זיצט ביי׳ן איהם אין בית־דין־שטוב אַ דיין אַ תם. קיין בעלי־דינים נישט דאָ, געדט ר׳ משה וואַהל, מיט אַ ספר׳ל אין דער האַנד, אויף און אָב אין קהל־שטוב, און שטעלט זיך אָב פאַר׳ן תם, און גיט אַ פרעג:

— ווי מיינסטו? איז מעגליך אַ מענש זאָל אַרומגעהן בורוויס אויף צובראָכען גלאָז?

געמיינט חרבונה'ן; געלעזען „מסתרי פאַריז"...

— — — — — — — — —

ווי געזאָגט, די בת מלכה השׂכּלה וועט בײַ אונז קײן שטאָך אַרבייט נישט האָבען. עס וועט זײַן, אַ ראָמאַנטישע זאַך. יונגליך וועלען אַרום געהען אין מאַרק און דעקלאַמירען בײַם שײַן פון דער לבנה: „ציון, ציון", „החמלה", „יונה הומיה"...

און דערבײַ וואַרפען פערבענקטע אויגען אין די געוועלבער אַרײַן, וואו כּלה-מיידליך זיצען... אַ משׂכּיל וועט דורכפאָדרען פון ערגיץ. וועט זאָגען:

— דאָס ערשטע — מען עסט נישט; יודען עסען נישט; איהר זאָלט זעהען, ווי מען עסט בײַ די אומות העולם;

און די קליידער וועט מען אונטערהאַקען;

און פון דעסטוועגען בעקום איך שׂכר השׂכּלה;

— — — — — — — — —

דאָ מוז איך אָבער איבערהאַקען אויף אַ ווײַלע און מאַכען אַ קליינעם שפרונג אין דער צייט — צוריק. און דערנאָך אַ גרויסען שפרייז פאָרווערטס. קײן טענה צו מיר קענט איהר נישט האָבען. איך שרייב ניט קיין אויטאָביאָגראַפיע, אַפילו נישט קיין חראָנאָלאָגישע ערינערונגען. איך וויל אײַך נור איבערגעבען אַ בינטעל שליסעליך צו מיינע זאַכען.

און אַ שפרונג צוריק מוז איך געבען, ווייל איך האָב אויפ'ן וועג, אין אײַלעניש, אַ מלמד פערלוירען. און דוקא אַ יוד אַ הויכען, וואָס דאַרף זײַן שווער צו פערליערען, און מיט אײַן (בײַ אונז וועניגסטענס) אונגעוועהנליכע בײַ-פּרנסה, וואָס האָט געדאַרפט בלײַבען אין זכרון — אַ טאַביק-שטויסער געווען; פריהער האָט עס געטהון די רבּי'צין, איז זי קראַנק געוואָרען און קרענקט שוין אַ צייט, — ליגט זי אין קרעכצט. ער שטויסט טאַביק און הערט, ווי מיר לערנען בײַם טיש. איז ער אַ למדן אַ גרויסער, זאָגט אונז פאַר אויסווייניג גאַנצע סוגיא'ס, און — אַ גרויסער פשטן. הייב איך מיך אָן צו פשטלין, — „אַהאַ, קריכט שוין בײַ בויבעריק?" זאָגט ער עס נור, שאַד נישט. איך האָב אָבער מורא,

ער זאָל נישט צוקומען, נישט לעגן די פינגער אויף דער גמרא. דער יוד איז פול טאַביק, קומט ער צו, הייב איך אָן צו ניעסען. און האָט זעקס פינגער אין יעדער האַנד, האָב איך מורא פאַר זיין האַנד! בין איך אַ גאַנצען זמן, אַזוי ווי ער וויל, אַ פשטן...

בעפרייט פון טאַביק און זעקס פינגער, מעג איך שוין טהון דעם שפרונג פאָראויס, און אויף אַ גאָר שפּעטערע מעשה פערציילען. די מעשה, וואָס קומט מיר אויפ'ן זינען, ווען איך גיב נור אַ טראַכט וועגען השכלה...

— — — — — — — — — — —

עס איז שוין לאַנג נאָך דער השכלה-צייט. מען האָט זיך פון איהר שוין אָבגעזאָגט. מען קוקט שוין אויף איהר, ווי אין דער צייט פון שמאָלע קליידער — אויף אַ קרינאָלינע, מען בעשולדיגט זי: נישט צוגעפיהרט וואַסער און זאַלצען צו די וואורצלען, נישט לופט און ליכט — צו די צווייגען, — נור אָבגעריסען צווייגליך און אריינגעזעצט אין פרעמדע שטאַמען. אויף קלאָר, ווי אַנדערש, ווייסט מען נישט... אָבער יענער וועג איז קיין וועג נישט געוועזן...

און איך בין שוין אַיין אַלטער שרייבער. עטאַפען דורכגעמאַכט:

חבר-דינעזאָן האָט אָבגעדרוקט די „בעקאַנטע בילדער"; קיין גראָשען נישט צוריקגעזעהען. איך האָב מיט הילף פון גוטע מענשען אַרויסגעגעבען דריי בענדער „יודישע ביבליאָטעק"; צוגאַנגען ווי האַלץ אין וואַסער — צוזאַמען מיט'ן אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל. שוין נאָך די יום-טוב בלעטליך, וואָס די ראַדיקאַלע יוגענד האָט פערטהיילט, געלד נישט אָבגענומען און, נאַטירליך, נישט אָבגעשיקט. און — שוין נאָכ'ן יובילעאום.

מיין אַדרעסע: וואַרשוי, צעגלאַנא נו' 1. — די „פערציסטען נעסט"... שוין, הייסט עס, אַ שוהלע געמאַכט.

אַ חדר געהאַט און — אַליין געבליבען. נע ונד דאָס פאָלק בפרט זיין באַהעם — יונגע שרייבער. אַוועק און מיט נעמען!

און נעמען, דאָס מוז איך דרך אַגב בעמערקען (דאָס „דרך אַגב" — מיט'ן מאמר המוסגר זענען מיין שוואַכקייט!) נעמען האָבען בעקומען, לייט זענען געוואָרען — די „קונדייסים" פון הדר.

די, וואָס האָבן נישט געלאָזט זיך פֿיהרען! די אַנדערע, וואָס האָבן אַזוי גערן זיך אונטערגעגעבן דער צענזור, געשטופּט דאָס מאַנוסקריפּט צו מיין בלייַשטיפֿט, — זאָל גאָט זיך אויף זיי דערבאַרעמען!

איך האָב זאָמען געשטרייט, איבער זיי שבֿעה נקיים געזעסן, און קוים זיך עפּיס דערוואַרט. בעוויזט זיך אַ קעפּיל, עס שפּאַלט קוים די ערד, איך גיב שוין אַיין אָנהאַלטעניש, אַיין אָנשפּאַרעניש, זאָל עס נישט קריכן אַרום איבער דער ערד. אַרויף, צו דער הייך! דרעַנגליך אונטערגעשפּאַרט!

די דרעַנגליך זענען געבליבן!

בין איך אַליין. מען קומט נור צו מיר נאָך „סמיכות“...

איז שוין אָבער לאַנג נאָכן „עת לטעת“, קליין דאָס גערטיל, אָבער שוין ווילד אָנגעוואַקסן, עת לעקור נטוע... זאָגט מען: איך טרייב די יונגע טאַלענטען. געהט מען מעהר צום גוט־האַרציגען דינעסאָן; ער זאָגט נישט אָב אַזוי געשווינד דאָס לעבן. נור די ביי זיך שטאַרקערע קומען. און מיט אַ חנ׳דיל: אָן אייך ווענד זיך עס! זאָגט איהר: נישט! צערברעך איך די פֿעדער. און אין די אויגען פֿלאַמט די זיכערקייט פֿון געניען אָדער גראַפֿאָמאַנען: דו וועסט נישט קאָנען זאָגען: נישט!

קלינגט מען אַמאָל. מען רייסט מיר אַיין אַרבייט איבער. מילא, פֿיללייכט, בעוויזט דאָך עפּיס! איך עפֿען. אָהן אַ „גוט מאָרגען“ שפּרייזען מיר פֿאַרביי דריי געשטאַלטען. אין פֿאָרצימער איז טונקעל, געווען איז אויך אַ טונקעלער טאָג; דאָך זעה איך: אַ מיידעל, אַ בייניג פּנים, גלאַט פֿערקעמט, אָהן אַ הוט, לאַנגע הענד באָמבלען זיך אַרום קערפּער. הילכיגע, הער איך, אָבצאַסען, הויכע; זי וואַקעלט זיך אויף זיי... נאָך איהר — אַ מאָרנע־לאַנגער בחור אין אַ האַרטען קאַפּעליוש, אַיין אַרומגעבונדענע באַק, שוואַרצע הענד; נאָך דעם — אַ דיקער, אַיין אַראָבגעזעצטער, אין אַ הייכען הוט מיט ברייטע רענדער: איין פֿליגעל ליגט מיט׳ן זוים אויפֿ׳ן אַקסעל, און אחרון, אחרון חבֿיב — אַ מאַנוסקריפּט אונטערן אָרים — דער מחבר אַליין. אַ קליינס, אַ דאַרס, אַ פּיצעלס... און מען שפּרייזט פֿאַרביי אין שטוב אַריין. איך בלייב און פֿערמאַך די טהיר. אַז איך קום אַריין, זיצען שוין די־

בחורים ביים טיש, הער הויכער און דער דיקער מיט די גאָמבים אויף די הענד אָנגעשפּאַרט, גרייט צו הערען. דער „דילטער" מיט'ן מאַנוסקריפּט ביים פּנים: אַזוי קורזיכטיג איז ער און אָהן אַ בריל, און די מויד שפּרייזט איבער דער שטוב, די אָבצאַסען הילכען די לאַנגע הענד באַמבלען זיך, — קוים איך בעוויז זיך, נאָך נישט רעכט געזעצט זיך אויפ'ן שעזלאָנג, ווי-זאַ-ווי דעם טיש, זי קאָמאַנדיערט שוין:

— לעז!

און שיקט אַ הייסען בליק צום דיכטערס אַקסעל. הייבט ער אָן:

„דער צייט-גייסט".

און לעזט און צוהיצט זיך, און צוזינגט זיך אינים לעזען...

די בחורים — איינגעהערט און איבערגעבויגען — שלינגען; דאָס מיידעל גלעט שוין אויף די שפּיץ פינגער, קיין וואָרט נישט צו פערליערען...

און דער „צייט גייסט" וואַקסט...

נאַטירליך, נישט יענער, דער השכלה-שער, די אַלטע קרינאַלינע... נור — דער ראַדיקאַלער!

ערגיץ, צווישען הימעל און ערד שטעהט אָדער הענגט אַ זייגער. דער וועלט-זייגער. דער וועלט-זייגער שלאָגט: שטונדען, האַלבע, פירטעל שטונדען, דאַכט זיך מינוטען אויך...

דער הימעל — שוואַרץ: בעדעקט מיט שוואַרצען. אַ שווערער, בלייערנער וואָלקען פערשטעלט אַ פערהלייטע זון...

גיט דער זייגער אַ קלונג, גיט זיך אַ האַפּ אויף די זון, לאָזט אַראָב אַ שטראַהל, ווי אַ שפּיזעל, לעכערט די חמאַרע, פאַלט אויפ'ן קאָפּ פון צייט-גייסט, און ער גיט אַ ציטער און אַ וואַקס.

אַ שטראַהל — אַ שפּיזעל, אַ ציטער און אַ וואַקס — אויף אַ האַלבען, אויף אַ גאַנצען אַרשין מיט אַמאָל! רוהות — שטיקער שוואַרצע וואָלקען רייסען זיך אַראָב, פליהען מיט גרימצאָרן צו די חייזער, פערציעפען זיי מיט די פליגעל, ווילען אָבשטעלען. עס העלפט נישט! זיי רייסען זיך נור די פליגעל אָב. קרעכצען פון אָהנמעכטיגען צאָרן און פערפליהען זיך ערגיץ פאַר שאַנד. דעם וועלט-זייגער קען מען פערהאַלטען, אָבשטעלען — נישט!

שלאָגט ער, פֿאַלען שפּיזליך, וואַקסט דער צייט־גייסט און וואַקסט...

אויף אַ וויִעזע שטעהט ער, אויף אַ גרינער און וואַקסט! און אָט, שוין איבערגעוואַקסען די בערגליך, די גרויסע בערג – הימאלאיען און קארפאטען! אָט, שוין מיט׳ן קאָפּ אין וואָלקען אַריין! דורכגעלעכערט! שטיקער וואָלקען פֿאַלען אַראָב אין מדבר אַריין... עס איז איהם ווענינ; דער זייגער קלינגט, אַ שפּיזעל שטיכט, ער וואַקסט. שוין אַרויף צום ערשטען הימעל, צום צווייטען הימעל... אַזוי וועט ער דורכלעכערן אַלע זיבען הימעל...

און עס פֿאַלט מיך אָן אַ שרעק פֿאַר׳ן רבונו של עולם... נאָך אַ פּאָר קלינג, נאָך אַ פּאָר שפּיזלען, דערגרייכט ער צום כסא הכבוד... קעהרט איהם איבער!

צום גליק – איין ענדערונג...

אומגערייכט האָט ער, דער צייט־גייסט, דעם קאָפּ אַראָבגע־בויגען און אויף דער גרינער וויזע אַ קליין־חנודיג שמעקענדיג בלאָה־בלימעל דערזעהען... אַ זיסער שמייכעל צוגיעסט זיך איבער זיין שטרענג געזיכט... ער, וואָס דאַרף דעם כסא הכבוד שטירצען, שמייכעלט, בייגט זיך, בייגט זיך איין, שטרעקט אויס די האַנד, רייסט אָב...

און ער וואָלט זיכער דאָס בלימעל צו די ליפּען געהאַפּט, וועניגסטענס צו דער נאָז, ווען עפּיס פֿון מיר אַרויס גיט ניִשט אַ געשריי:

– געוואַלד!

די בחורים שפּרינגען אויף, די מויד, – דאָס בלימעל אויף די דויכע אָבצאַסען! – ווענדט זיך צו מיר, אייזיג־קאַלט־שניידענדיג:

– געוואוסט! אַז דער יונגער פּושקין איז געקומען צום אַלטען זשוקאָווסקי, האָט ער איהם אויך אַזוי אויפגענומען.

און גיפֿטיג:

– אויך אַזוי פֿערשטאַנען...

און – אַרויסגעשפּרייזט, ווי געקומען... די בחורים נאָך איהר!

– – – – – – – –

אָט דאָס איז די מעשׂה, וואָס קומט מיר שטענדיג אויף די געדאַנקען וועגען יענער השׂכּלה צייט... אַלץ מוז זיך בּײַ אונז ענדיגען מיט׳ן „בּלימעל“. אַלץ איינס, אויף נידריגע צי הויכע אָבּצאַסען, און אַזוי וועט זײַ, כּל זמן... אָבער וועגען דעם גאָר צו לעצט, ווען איך וועל מיר אַליין קלאָר ווערען...

און ווירקליך:

איך קריך קוים אַרײַן מיט אַ פֿוס אין דער „בּעוועגונג“. צוליעבּ סכּות, וועגען וועלכע עס וועט קומען אין קינפֿטיגען פּרק, ווער איך אינ׳ם לעפֿיל וואַרים וואַסער נישט דערטרונקען! געוועזען אַ דוד שיפֿמאַן, געוועזענער טאַבּיק־פֿערלעגער, בּײַ וועלכען איך האָבּ צו 6 יאָהר טערקישען טיטין געקויפֿט, פֿאַר 45 גראָשען, וואָס איך האָבּ פּורים־געלד בּעקומען, אַ פֿירטיל, און האָבּ אָנגעהויבּען רייכערן... און וואָס האָט זיך, אַז קראָנענבּערגס טיטין־מאָנאָפּאָל איז קאַסירט געוואָרען, זיך אַליין אַ קראָם געעפֿענט, מיט שרײַבּגעצייג און השׂכּלה־ספֿרים אַלס צולאָג, און איז דאַצו לעהרער געוואָרען פֿון לשון הקודש, — פֿון דעם דוד שיפֿמאַנ׳ס „פּקוד פּקדתּי“ ענטלויף איך, ווי פֿאַר פֿייער; לאַנגווייליג! בּײַם קלײנעם היקעריל שטערן, דעם גרויסען שטערינס אַ זוהן, וואָס איז געקומען לערנען דײַטש פֿון אַלענדאָרף אַרויס: „גוט מאָרגען, הער!“ „ווי זינד זי געשלאַפֿען?“ „גוט“ — לערן איך — פּראָפֿעראַנץ־שפּיעל. „אַ מענש איז ניט מחויבֿ צו וויסען, ווי אַ שטיוועל הייסט אויף כּמה לשונות“... דעם ערגסטען אײַנדרוק מאַכט אויף מיר יעקבֿ רייפֿמאַן. אַ מענש געפֿינט גרייזען אין תּנ״ך, מעהר ראשי תּיבֿות ווי אין „פּרי מגדים“, און וואַשט זיך ניט מיט אַ קוואָרט, וואָס האָט אַ געשפּרונגענע ראַנד און טראָגט אַ טלית־קטן...

איז נאָך וועניג, קום איך אַמאָל צו איהם, ער איז נישט דאָ, און אויפֿ׳ן טיש וואַלגערן זיך פּאַפּיערליך אַרום... מאַטעריאַל צו זײַן אויטאָבּיאָגראַפֿיע... לעז איך, ווײַזט זיך אויס, אַז ער איז צוויימאָל געבּוירען געוואָרען, און בּיידע מאָל אונגליקליך: איין מאָל — יום כּפּור, ווען אַ פֿיש אין וואַסער ציטערט און די כּנסת ישׂראל צוגעהט אין טרערען און איז פֿול תּשובֿה און חרטה, און דאָס צווייטע מאָל נאָך ערגער — תּשעה בּאבֿ! ווען די כּנסת ישׂראל איז אָנגעטהון שוואַרץ, אַרומגעהילט שוואַרץ און בּרומט ווי אַ טויבּ.



י. ל. פרץ אין די 90=גער יאָרן



י. ל. פרץ אַלס יונגערמאַן

און דאַרויף קומט ער אַריין, דער הויכער, שוואַרץ-בעוואַקסענער יוד און שמייכעלט:

— אַהאַ? שוין געשריבען?

איז נאָך וועניג... מוז ער אונז נאָך פאָרלעזען אַ שיר. ער, דער ביכער-וואָרים, וואָס לאָזט ביי זיך אין שטוב קיין לופּציג נישט עפענען און עטעמט שאָטען מיט ביכער-שטויב, דערזעהט פלוצלינג אין חלום — אַ וויינגאָרטען, אין וויינגאָרטען — אַלערליי פירות און וועגען שענע, און „בלומען מיט רויזען" (פרחים עם שושנים", — דער פערז איז אַ — דריי-ווערטערדיגער!) און אויף די וועגען — אָה, גליקליכע צייטען! — שפּאַצירען געאַרמט (שלובי זרוע) דאַכט זיך, די בלוטיגסטע שונאים! דהיינו: איינער וואָס ציילט יסודות פיער און אַ צווייטער, וואָס שווערט אויף זיעבען און זיבציג...

מיין רוסישער לעהרער, מיט די קליינע בלאַסע אייגעליך און מיט'ן בראַנפען-מויל האָט מיך געוויס נישט צוגעצויגען, זיין גרעטש-גראַמאַטיק האָט מיך נישט גענומען... אָבער קוים האָט דער צייט-גייסט זיינע פליגעל צושפּרייט, דער וועלט-זייגער האָט געקלונגען, בעקום איך שכר-השכלה אויף די טונקעלע טרעפּ. — אַלע טרעפּ אין זאַמושץ זענען טונקעלע; אויס ענגשאַפט. און איך בין אויף די טרעפּ איין יונגעל, מיט ברענענדיגע אויגען, אויף דריי שוועסטער מיידליך!

און איינמאָל, איך עלוי „מאָניש", וואָס קלער פון גאָר נישט, ווייס פון גאָר נישט, לויף, אייגענטליך — פליה אַראָב פון די טרעפּ, מיט דריי אָנגעשמירטע בייגעל אין קעשענע פאַר'ן אָרים-בחור, אין בית-המדרש אַריין. איך הער טריט אַקעגען. טריט אַרויף, לייכטע, פלינקע! און באַלד גיט מיר אַ שימער פאַר די אויגען אַ פּאָר ווייסע, נאַקיטע אָרעמס, גיט אַ בליץ פון אַ פּאָר פלאַמיגע אויגען, — נאַקיט ווייסע הענד וואַרפען זיך מיר אַרום האַלז, אַ הייסער אָטעם יאָגט אין פנים אַריין... און אַ האַרציג געבעט:

— לאָמיר זיך ליעב האָבען, ליבושיל...

און אַז איך, — דאָס ערשטע מאָל! — שפּרינג אָב, צוטומעלט.

צושראָקען, מאַכט מיין קליינע לילית, די מיטעלע צווישען די דריי שוועסטער, טיעף געקרענקט, שווער בעליידיגט און שאַרף-וואָרע-גענדיג:

– אַ-זוי?! גײה איך צו יונה'ציען... אין רייט-שוהל אַריין!

זי ווייסט, וואו יונה'ציע איז... און ליעב האָבען מוז זי.

בעפאַלט מיך אַ שרעק פאַר איהר, שריי איך אויס:

– חס ושלום! ווילדע ציעג, זאָלסט דיך נישט דערוועגען!

אַ... אַ פאַסקודניאַק!

– האָב זשע דו מיך ליעב!

מוז איך בעשטעהען...

קושי מיר' זיך נאַריש-קינדיש מיט געמאַכטער היץ... איהרע אויגען אַפילו – לעשען זיך, די אַרומגעוואָרפענע הענד – קיהלער, שלאַבעריגער געוואָרען. פיללייכט דאַרף זי ליעבען, אָבער נישט מיך...

און דאָך, מען טרעפט זיך, מען קושט זיך... אַז אָבגערעדט! און לילית פערלאַנגט, און מאַניש שווערט... נישט אַזוי הויך! עס קומט נישט אַזוי ווייט, עס ענדיגט זיך דעריבער נישט מיט'ן „בעזים אין דער הייך". און די בעגעגענישען ווערען האָס אַמאָל זעלטענער... וייל –

ווייל עס געהט נישט אַוועק אַ וואָך, און איך טרעף מיך מיט דער עלטערער, מיט מיין כלה פון דער חורבה. מיר בלייבעןביידע שטעהען, ביידע עפּיס גערירהט, אונשולדיג-ליעב בעוועגט. קוקען זיך, געגענזייטיג, קינדיש שטיל און ליעב, אין די אויגען אַריין. פּויזע. רייסט זי איבער די ערשטע:

– ווייסט וואָס, ליבושיל, דאַרפסט לערנען...

און שטאָקט אַ ביסעל און ענדיגט:

– פּויליש!

ענטפער איך, עפּיס מאָדנע שטיל, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס:

– לעזען קען איך!

און ווירקליך – אויסגעלערנט זיך אין בית המדרש, אויף טוגענדהאָלדס: „וואָלנאָ דרוקאָוואַץ" פון די שערים אַראָב, ווי שפּע-

טער עטוואָס דייטש און רוסיש... פרעגט זי, צי איך וועל פער־שטעהען?

— „אוודאי!" פּאַסט אַנדערש, אַז אַ מיידעל פרעגט? וועט זי מיר אַ ביסעל באַרגען. זי וועט מיר געבען קאַרזשעניאָווסקים „קאָליקאציע". אויב איך וועל עפּיס פּאַרט נישט פערשטעהן, זאָל איך אַריין קומען, זי פרעגען. ווערט מיר עפּיס וואַרים אַרום האַרץ:

— אדרבא! אוודאי וועל איך נישט אַלץ פערשטעהען!

און גיב צו מיט פרייד:

— און איך וועל דיך לערנען לשון־קודש.

— גוט! און רייטעלט זיך און ווייטער אַ פויזע. איך רייס אי־בער, און פרעג, און עפּיס נישט מיט מיין קול, נאָך שטילער חי פריהער:

— ביזט אויך מיר בייז?

זי פרעגט, מכלומרשט פערוואונדערט:

— פאַר וואָס?

— פון חתן־כלה שפּיעל... פאַרן שטיינדיל.

זי איז עס מבטל:

— אי־י־י!

האָט שוין לאַנג פערגעסען... אָבער אַ צייכען האָט זי נאָך. געגענט מיר די באַק:

— זעהסט?

טונקעל, שווער צו זעהען, לעג איך צו אַ ציטעריגען פינגער און בעריהר, קוים, קוים... זי רייטעלט זיך.

— ווילסט — מאַכט זיך ליעב קינדיש — מעגסטו אויף דעם אָרט אַ קוש טהון!

לעג איך די ליפּען צו, ציטערן זיי מעהר פאַרן פינגער! זי נעמט דעם קאָפּ צוריק, און גערידהרט:

— ווייסט, אַ האָהר ווען דו טרעפסט העכער, וואָלט מיר איסגערונען אַיין אויג.

— חס ושלום!

— יאָ, יאָ! דער טאַטע זאָגט און די מאַמע זאָגט. און, עטוואָס טרויעריגער שמייכלענדיג:

— און ווער וואָלט מיך גענומען מיט איין אויג?

שריי איך אויס:

— איך! איך!

זי פֿרעגט, עטוואָס נאָכטראַכטענדיג:

— און וואָלסט מיך ליעב געהאַט מיט איין אויג?

שריי איך אויס:

— אייביג, ווי איך בין אַ יוד!

און נעם זי אַרום און דריק זי אַזוי האַרציג צו צום האַרץ.

און וואונדער מיך: וואָס טהו איך? און ווי קומען צו מיר די ווערטער, און דאָס צערטליכקייט? און די שטימע, — וואָס ציטערט זי אַזוי, די שטימע? און דאָס מיידעל, וואָס ציטערט אַזוי? און וואָס לייכטען איהר אַזוי די אויגען אין דער פֿינסטער?

— — — — — — — — — —

די דריטע שוועסטער; די יונגסטע. אַ „יונגע ציעג“, ווי מען זאָגט אין זאַמושץ. דייטש: באַקפֿיש! און אַ ברוסט ליידענדע, פֿון וואָס איך ווער ערשט שפּעטער געוואָהר. און שלאַנק, עטוואָס איבערגעבויגען. און עפּיס אַזוינע ליעבהאַרציגע אויגען גרויסע; גאָר גרויסע שוואַרץ-אַפּעל, עפּיס ליכט-דורשטיגע, ליכט-זויגענדיגע, שטענדיג פֿערוואונדערטע, עפּיס פֿרעגענדיגע, אָדער — (ווי איך פֿיהל יעצט), זיך בעשטענדיג געזעגענענדיגע...

זי, אַז זי טרעפֿט מיך אויף די טרעפּ, בלייבט שטעהען, רוקט זיך מיט'ן רוקען האַרט צו דער וואַנד, בלייבט שטעהן אָנגעשפּאַרט מיט די הענד הינטער זיך אָן געלענדער, איך, נישט ווילענדיג, הייב אָן געהן לאַנגזאַמער, זי קוקט אויף מיר, ביז איך געה פֿאַרביי, מיט די גרויסע אויגען און קוקט מיר נאָך אַ לאַנגע ווײַלע, ביז איך קום אַראָב.

און קום איך אַריין צו זיי, אָדער זי צו אונז, זעצט זי זיך ערגיץ אין אַ פֿערשאָטענט ווינקעלע און קוקט שטיל אויף מיר פֿון דאָרט... זיס-שמערצליך בעריהרען זיי מיך, די גרויסע, וואָס אַמאָל גרעסער ווערענדיגע אויגען.

אָבער וואָס מיינט זי דערמיט?

די עלטסטע שוועסטער, מיין חורבה-כלה, רוימט מיר אַמאָל ציין:

נעביך אַ קראַנקע...

זאָגט אויך וואָס, ווערט מיך נאָך שמערצליכער...

ווערט זי ערנסט קראַנק... איך קום אַמאָל אַריין – אַלץ דאָס זעלבע קוקען, און מיין זעלבער זיסער שמערץ...

פאַר גסיסה, איך בין גראָד הערביי, וויל זי פלוצלינג, אַלע זאָלען אַרויסגעהן, אויסער מיר. זי האָט מיר עפּיס צו זאָגען, אונטער פיער אויגען. מען טהוט איהר צוליעב. איך בלייב מיט איהר אַליין און ציטער אינערליך... זי ווינקט מיר: נענטער, נאָך נענטער... איך בין שוין ביים בעט... „נאָך נענטער" איך בויג מיר איבערן בעט...

– ווייסט, – מאַכט זי זעהר, זעהר שטיל, מיר דאַכט: בלעטליך ווישען: מיין האַרץ הערט, נישט דאָס אויער – ווייסט, איך ליעב דעם טאַטען, די מאַמען... דעם ברודער... די שוועסטער... און דיך – מעהר פאַר אַלע! – –

און בעט נאָך שטילער:

– גיב מיר אַ קוש אין שטערן אַרייך.

און, איידער איך פערשטעה:

– אין מויל אַריין נישט, מיין לייבעץ איז געפעהרליך!...

איך קוש זי אויף די ליפּען...

– – – – – – – –
– – – – – – – –
– – – – – – – –

איך וויל, איבערהיפּענדיג אַ שטיק צייט, צו וועלכער איך וועל צוריק קומען, פערענדיגען די „דריי-שוועסטער-ליעבע"...

די יונגסטע – געשטאָרבען...

די מיטעלע האָב איך, צוליעב דער עלטערער, פערגעסען... ווי זי זאָגט און וואַרפט מיר פאָר: פערדראָטען... די שבועות געבראָכען...

איז זי בייז, זיהעלט מיך... אין בריעף.

מייד איך זי אויס, שיקט זי מיר מיט׳ן דיענסטמיידעל געהיימע בריוולין: ווי הייסט? וואס טייטש?

אין א שטיפערישען מאמענט, ווען די שטיפערישע מוזע, פון וועלכער איך הייב נאך, אייגענטליך, נישט אן צו וויסען, בעפאלט מיך, ענטפער איך איהר אין גראמען:

„האסט צו מיר א טענה, איך האב דיך געקושט,
„גלייב ס׳איז געווען א שגעון...
„זיכער א דבוק פון זמרי בן סלוא,
„איך וואלט מיך בעגאנגען דעראהן...

גאנץ זיכער א דבוק פון זמרי בן סלוא...
גלייב. נישט דיין איז דער כשוף,
ווארט, אפשר קומט ער צוריק, דער שגעון,
דערווייל אבער בין איך מיושב...

א חטאת נעורים, וואס איך האב שפעטער ביי מיין פעטער געפונען, שטארק פערדילט און, לײדער, אין יובילעאום־אויסגאבע „פערעפענטליכט“...

אבער — זי האט זיך אין קורצען געטרייסט.

די עלטסטע, דאס „ריינגקייט“ איז, נאך איידער זי האט זיך אויסגעלערנט לשון קודש, — א כלה געווארען, נישט מיט מיר: פון „רוסלאנד“.

די תנאים זענען געווען אין מיט וועג אין אוסטילע... ביי איהר אפפאהרען בין איך אין דער היים נישט געווען. דער טאטע האט מיך פלוצלינג (איך וויים נישט, איב צופעליג) מיטגענומען אין וואלד אריין, וואו ער האט בוימער געהאקט, נישט וויים פון אוסטילע.

ער רעדט מיר איין: (צו וואס? איך וויל דען נישט פאהרען?) „וועסט זעהען א וואלד, וועסט וועלען און טויגען צום געשעפט, וועסט דו בלייבען!“ — צום געשעפט האב איך, זעהט אויס, נישט געטויגט. אבער געמאלט די ערשטע בעקאנטשאפט מיט וואלד און מיט׳ן טייך בוג.

אָנפאַנגס – אַ לאַנגווייליגער וועג. בערגלעך און טאָלען...

„יִעָלו הרים ירדו בקָעות" טראַכט איך: גאָר נישט אַזוי אַנגענעדהם! און פון ביידע זייטען וועג פלאַכע, אָבגעשניטענע פעל-דער, דאָס שוואַרץ-שטעכענדיגע שטרוי אויפ'ן פעלד, דערמאָנט מיך אָן יונה-ציִעס און דיעדים שלעכט געגאָלטער „מאָרדע"...

פאַמעליך הייבט אָבער אָן אָנצוקומען, און אַלץ נענטער און נענטער, אַ גערויש, וואָס שטאַרקט זיך, האַפט אַרום... מוין איך און פרעג איבער:

– אַ וואַסער?

– ניין – זאָגט דער טאַטע – דער וואַלד, וואָס קומט אונז אַקעגען... (זיין אויסדרוק).

איך שטוין:

– ווי אַזוי רוישט עס אַ וואַלד?

– מיט די צווייגען, מיט די בלעטער, וואָס דער ווינד בעווענט. (געזאָגט האָט ער: ריהרט).

– אַהאַ!

און באַלד קומט אָן דער וואַלד. מיר פאָהרען אַריין, איך בלייב פערכשופט; אַזוינע גבורים, אַזוינע ריעזען! איך פאַל ביי מיר אָב...

– ווי אַלט איז אַזאַ בוים?

דער טאַטע אַליין ווייסט נישט:

– זעהר אַלט...

– וואָס פאַר אַ בוימער זענען עס?

– סאָסנעס... פון אַזוינע הויכע סאָסנעס מאַכט מען מאַטשטען (זעגעל-ביימער) צו שיפען... דאָס געהט אַוועק ווייט, ווייט...

– ווי אַזוי?

– שווימט איבערן וואַסער. פון בוג, וואָס וועסט זעהען, צו דער ווייכסעל, פון דער ווייכסעל צום ים אין דאַנציג, פון דאָרט – אויף אַנדערע ימים...

– דאָס שטיק וואַלד אָבער איז נאָך נישט פערקויפט... איך האַק ווייטער אַ ביסעל דעמבים...

און אַז איך קום צו די חעמבים און דערזעה, ווי אַ קליי־
נער פויער האַפּט אַ האַק און גיט אַ זעץ אַריין אין אַ דעמב, רייסט זיך מיר עפּיס אָב אין האַרץ. געקומען אויפ'ן אָרט, לויף איך
צושראָקען און צורודערט, און מיט אַ געוויין אין האַרץ אין „שריי־
בערס" שטיבעל אַריין, וואַרף מיך אויף זיין בעט און גראָב אַיין
דאָס פלאַמענדיגע פנים אין קישען און ציטער, ביז דאָס מיעד־
קייט איז גובר, און שלאָף איין, און שלאָף ביז צו מאָרגענס... צו
מאָרגענס, איך כאַפּ מיך אויף:

– וואו איז דער טאַטע?

דער שרייבער שמייכעלט עפּיס אונטער די וואָנסען:

– אַריינגעפאָהרען קיין אוסטילע... פאַרנאַכט צוריק קומען.
ווילסט אפשר אין וואַלד אַריין?

איך שאָקעל מיך אָב:

– ניין...

אַז דער ווינד יאָגט אָן פון וואַלד אַ זעץ פון אַ האַק אָן
אַ בוים, ציטער איך.

פאַרנאַכט קומט דער טאַטע צוריק:

– מזל טוב! קוקט אויף מיר פריילעכדיג.

מיין כלה פון חורבה איז אַ ווירקליכע כלה געוואָרען; ווי
געזאָגט, נישט מיט מיר...

— — — — — — — — —

קיין טראַגעדיע איז עס נישט געווען. נישט קיין שטאָלערנע
שטאַבע האָט זיך איבערגעבראָכען, – אַ בינטעל לבנה־שטראַהלען!
צום וואַלד האָב איך מיך צוגעוועהנט. שפּעטער צום בוג צוגעפאָהרען.
פון בוג און דער ווייכסעל, וואָס איך האָב שפּעטער געזעהען ביי
ראַחוו, איז געוואָרען „דער דבוק"...

די סבות, וואָס האָבען מיך אָבגעהאַלטען פון השכלה, קו־
מען אין קומענדיגען פרק. דאָ מוז איך נאָך מאַכען אַ פּאָסט־סקריפּ־
טום וועגען אַ פאַל מיט ר' משה וואהל, וואָס איך האָב פערזענליך
געזעהן; אַ פאַל, וואָס איך האָב ביי זיין פאַרטרעטערען פאַר
איהם קיין פלאַץ נישט געהאַט, און קען איהם דאָן נישט פאַרפעהלען.

אַ גאַנץ געהענדיג יאָהר דאַווינט ר' משה וואהל ביי זיך אין
מנין, אין בית־דין־שטוב. אין שוהל אַריין קומט ער נור צו „כל

נדרי" און יעדען ערבֿ־ראש־חודש צו יום־כּפּור־קטן.

איינמאָל, אַ פּנים צו פּריה געקומען, די שוהל נאָך פֿאַר־מאַכט. דאָס שוהל־ און בית המדרש־הויז — ווי בעשריבען „אין פּאָליש אויף דער קייט". געזעהט ער איך אַ ווייליע אַריין אין בית המדרש אַריין, שטעלט זיך אַריינקוקען אין אַ ספֿר, ביי דער לינקער מזרח־וואַנד אין אָרון־קודש־ווינקעל. שטענדיג שטעהט דאָ אונזער תּם, דער אַזוי גערופענער „יהושע בהמה", וואָס גליסט און האָפּט אַלץ צו'ן אַ כּתבֿ הרבנות, און מיר, חבֿרה, שיקען איהם פֿון צייט צו צייט אונטער — געפֿעלשטע, און ער, ווי שוין דערמאָנט, לויפֿט צום חייבֿ פֿרעגען, צי ער זאָל פּאַהרען, צי עס לוינט?... טראָגט ער אויך אַזאַ כּפּאָדיקיל און איין אַטלעסען קאַפּאָטקעלע... קום איך אַריין, אַהאַ דער תּם! שלייך מיר צו אויף די נעגיל — מעסט איהם אויס פֿון הינטען אַ מתּנת־יד, ניִשט ווען צו טהון, צום שפּאַס, — דרעהט זיך אום — ר' משה וואהל, און איך בלייב — פֿערשטיי־נערט.

און ער ווענד זיך אום צושמייכעלט:

— ווּעמען האָסט עס געמיינט, קונדאַס?

שפּריצען מיר שוין טרערען פֿון די אויגען.

— האָסט חרטה?

אַ שאלה! רעדען אָבער קען איך ניִשט; דאָס לשון אָפּ־גענומען.

— ווילסט, איך זאָל דיר מוחל זיין? ווילסט אַ תּשובֿה?

נאָך אַלץ אָהן לשון, שאָקעל איך, קום צו מיט'ן קאָפּ.

— זאָג זשע מיר צו, אַז דו וועסט שוין קיינמאָל אויף קיינעם קיין האַנד ניִשט אויפֿהייבען...

איך וויל געבען די האַנד; „ניין, תּקיעת כּף — ניִשט..."

— — — — — — — — —

און וואָרט האָב איך געהאַלטען... און אויסער איין מאָל, איין־איינציג מאָל, ווען בעהערשען זיך וואָלט שוין געווען איבער־מענשליך, האָב איך נאָך ביז היינט אויף קיינעם קיין האַנד ניִשט אויפֿגעהויבען, ניִשט אָבצוגעבען און אַפֿילו ניִשט זיך צו פֿערטיי־דיגען.

— — — — — — — — —

## „דריי טפחים“ איבערן השכלה־וואַסערל. — לײדענשאַפטליכע ליעבע צום לעבען; — פּראָבּ־ לעמען וועגען טויט. — דער ביבליאָטעק־שליסעל.

ראַש וואַקסען יודישע קינדער; הלואי אַזוי אייסערליך, ווי־ אינערליך!

וועסט איך געהאַט אין דער האַנד, אָנשטאָט אַ פּעדער צום בעשרייבען, אַ בלײישטיפט צום צייכענען, וואָלט איך פֿון מיר, פֿון דעמאָלדיגען, פֿון יונגלישען — אַ קאַריקאַטור געמאַכט:

קליין, מאָגער. הענד און פֿיס, ווי די שטעקלאַך; אַ קאָפּ — אַ גרויסער; אַ שטערען אין קאָפּ — איין אײַנגעשרומפּענער; אונ־ טער איהם — אויגען, גרויסע, זוכענדיגע, שמערצליך־פֿרעגענ־ דיגע...

און איך זיץ אין אַ שיפֿעל, אַ קליינס; דאָס שיפֿעל איז צוגעבונדען צו'ן אַ שפּאָריוודיגען לופֿט־באַלאָן, וואָס טראָגט עס... טראָגט עס דריי טפחים הויך, איבער'ן השכלה־וואַסער'ל... דאָס שיפֿעל איז איבערגעלאָזט איפ'ן ווינדס בעראָט. — איך, אין דער האַנד — האָב אַ שמעטערלינג־נעציל, מיט וועלכען איך בעי־ וועג האַסטיג אין דער לופֿט און כאַפּ פּראָבלעמען... און זעגעל אַזוי אַריין, פּראָבלעמען כאַפּענדיג, אָהן מיין ווילען און וויסען, אין ערוואַכענדיגען געשלעכטס־פּראָצעס...

„דריי טפחים“ איבערן השכלה־וואַסערל.

השכלה איז „בילדונג“ — קענטעניש פון שפּראַכן, „ווי אַ שטיוועל הייסט אויף כמה לשונות“... און — אַ ביסעל ליעדער אויף אַלע „פיער צייטען פון יאָהר“... דאָס איז געווען: שיפמאַנס „פקדי־פקדתי“; שטערנס — „מאָיען, ווי האַבען זי געשלאַפען?“ דעם פעלדוועבעלס פּריציאַסטיע און דיעיעפּריציאַסטיע על פּי גרעטש... האַצו די דעקלאַמאַציע, ביי דער שיין פון דער לבנה: לו ארע, כּי יהרוס קולי בכּת... פון מיינע חברים איין חבר־יצחק׳ל, וואָס האָט געענדיגט דאָס פּראָגימנאַזיום אין דער היים און איז ערגיץ אַוועק לערנען... ווערען אַ „דאָקטאָר!“...

מיך אָבער בעשעפטיגען „דברים העומדים ברומו של עולם“... „הויה“ און „יצירה“!

נאָך וואָס האָט גאָט די וועלט בעשאַפען?

אַז, להבעים אַריסטו׳ן וכל חכמי יון, איז די וועלט נישט קיין קדמון, קען איך בעווייזען „שוואַרץ אויף ווייס“... און — חזקא אַ „יש מאין“! העכסטענס — פון „חומר היולי“... און נור, כּביכול, מיט׳ן וואָרט: „יהי אור!“...

גוט, אָבער נאָך וואָס?

דער מענש (ציעל און צוועק!) זאָל איהם דיענען?! האָט דאַרף עס אַ גאָט? ער זאָל קענען געבען שכר, נישט פערשעמען מיט מתנת־חנם? (דער רבינו תם) דאָס איז אָבער שייך ביי׳ן אַ בשר ודם קעגען אַ בשר ודם... וועלכען איך קען דיענען. נעם איך ביי איהם דאָס נישט פערדיענטע, ווערט איהם ווייניגער... („אין הדר אַריין, שקצים!“) געשווינדער לעגט זיך אויפ׳ן שכל דאָס אויסשטראַהלען אין ספירות... עפּיס ווערט אָבער, אַזוי דאַכט מיך, געשמעהלט דער געטליכער ווילען... אַ שאָד! און אין איין העגס שרעקן די גרעניצען פון כל־יכולים אַלמעכטיגקייט... אונענדליך און דאָך בעגרעניצט: ער קען פון קיין דריי־עק קיין פיער־עק נישט מאַכען... און די שפּעטערדיגע שרעק פון זינדיגען פון „אין פּאָליש אויף דער קייט“: פון איין מאָל געשעהענעם וועט ער קיין קוצי של יוד נישט ענדערן...

אין, וואָס איז לעבען אויף דער וועלט? און וואָס איז געהען פון דער וועלט — טויט?

און, ווי אָנגעוויזען, די פּראָבלעמען, וועלכע איך בין איבערגעגעבען, וואַקסען ווי ווילד־שוואָמען איבער׳ן אונרוהיגען, פאָר־

געפּיהל-פֿולען, ציטעריגען תּהו ובֿהו פֿון אונטער דער „בעוואוסטזיניגער שוועל", וואו עס ערוואַכט דאָס געשלעכט, וואו עס פּיקט זיך אַרויס, אָהן מיין ווייסען און ווילען, די חיה-מאַנספּערשוין, וואָס וועט ערשט קומען און איבערפֿאַרבען אַלץ, וואָס איז דערווייל שוואַרץ און ווייס, אויף רעגענבויגען-פֿאַרבען, ס׳מעהרסט בלוטיג-רויט, מיט פּורפּור...

זינק איך אין מרה שחורה... און דער טאַטע, פֿאַר מרה שחורה, פֿרייטאָג צונאַכטס צום קדוש — דערלאַנגט... די מאַמע ברומט שטיל; גלייך אַ קינד האָט נישט זיינע עגמת נפֿש׳ן... און פֿעראיינזאַמט בין איך (מיט וועמען רעדט מען פֿון אַזוינע זאַכען?) און בעוועג מיך פֿעראיינזאַמט אין אַ נעפּעלדיגער שאָטען-נעץ פֿון מענשען און זאַכען, גאַנץ לויז (פֿאַר מיר!) איינגעפּאַסטע אין אָרט און צייט, רידהריוודיג-שווינדעלדיגע, אין גראָהעם געהילט... אָדער ציטערדיגע אין ווייִלען פֿון זונען-שטויב; טרוים און וואָהר געמישט...

און שרייב איך זכרונות, נעמט מיך נאָך אַמאָל דער געפֿיל מיט די מענשען און זאַכען, וואָס האָבען אַ טהייל, פֿון וועלכע מיין נשמה האָט יניקה געהאַט — אַרום... זעלטען וואָס און וועמען איך זעה גאַנץ... דאָס מעהרסט פֿערשוואומען, אָהן קענצייכען און פֿעסטע קאָנטורען... אויגען קוקען אַרויס. עפּיס ליפּען פֿליסטערן מיר צו...

אין גאַנצען ערקלערען מיך וועל איך נישט, אַלע שאָטען און שטראַהלען, פֿון וועלכע מיין אינערליכקייט האָט זיך אויסגעוועבט לויט אייגענער פֿאָרם, וועל איך נישט אויפֿזאַמלען...

נישט פֿאַר אַלע האָט מיין זכרון, מיין געדאַנקען-פּראָבלעמען- און קאָנטראַסטען-זכרון די ריכטיגע אַנגעל, פֿון פֿערגעסעניש-וואַסעריל אַרויסצופֿישען; נישט פֿאַר אַלע דעם פּאַסיגען רעפֿלעקטאָר, אין נעפּיל גאַנץ צו בעלייכטען...

שווימט אַייך ווייטער, ליעבע, אונבעקאַנט געוואָרענע אויגען און ליפּען-פּאָרען... אין לעצטען מאָמענט — זאָגט מען — דערמאָנט מען זיך אַלץ מיט אַמאָל... קיין פֿעדער אין האַנד וועל איך אָבער דעמאָלט נישט האָבען; ווער ווייסט, צי די צונג וועט זיך דעמאָלט פֿריי בעוועגען...

— — — — — — — — — — —

פֿאַר וואָס האָב איך אויפֿ׳ן וועג, וואָס איך גיה נאָכאַמאָל איבער אין געדאַנק, אויפֿ׳ן וועג פֿון קינד ביז שריפֿטשטעלער, אפֿשר עטוואָס ווייטער... מיין מלמד, דעם פּשטן פֿערלוירען? דער „געדאַנק“, וואָס האָט מיך, אינ׳ם „מלמדים-פּרק“ געפֿיהרט, האָט איהם אינ׳ם נעפּיל געלאָזט, אויף איהם קיין שטראַהל נישט געוואָרפֿען...

ערשט שפּעטער האָב איך מיך אָן איהם דערמאָנט און אייסערליך — גאַנץ צופֿעליג...

איך בלעטער איבסענס „פּער-גינט“, קום צום הספד פֿון גייסטליכען איבער אַ בר מנן, וואָס פֿלעגט בעשטענדיג האַלטען די רעכטע האַנד אין טאַש... ער האָט זי פֿאַר מענשליכע אויגען פֿערבאָרגען, ער האָט זיך אַמאָל, ווילענדיג זיך בעפֿרייען פֿון מיליטער, פֿון דער רעכטער האַנד אַ פֿינגער אָבגעשניטען, און מיט דער האַנד, וואָס האָט נור פֿיער פֿינגער געהאַט, זיך געשעמט...

איינענבליקליך שווימט מיר אַרויס זיין קאָנטראַסט. מיין מלמד, דער טאַביק-שטויסער מיט׳ן איבריגען פֿינגער, וואָס האָט מיך מיט זיינע זעקס פֿינגער געשראָקען...

פּראָבלעמען און קאָנטראַסטען — דאָס זענען די צוויי וואַלצען, אויף וועלכע עס וועלען זיך וויקלען אַלע מיינע שריפֿטשטעלערישע יריעות... עטישע קאָנטראַסטען-בילדער, — טרויעריגע דעקאַדאַנסען פֿון חסידיזמוס, חורבות פֿון וועלט-אָנשויאונגען... דראַמען און טראַגעדיען מעהר אין ברענענדיגע אָדער זיך לעשענדיגע געהירן...

אַ קליין, קליין ביסעל נאַטור...

איך האָב זי אין אוצר אַזוי וועניג; איך האָב זי אין דער יוגענד, וואָס שפּייזט די שפּעטערע יאָהרען, אַזוי וועניג געהאַט — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אַ קינד, אַ יודישס, אין אַ פֿעסטונג געבוירען! פֿון וואַלד און פֿעלד מיט מויערען און וואָלען אָבגעגרעניצט, אויף טויערען פֿערמאַכט... שוין היבש דורכגעפֿיהלט „ברכי נפשי“ און אַנדערע ביבליש-פּאָעטישע נאַטור בעשרייבונגען און האָב נאָך קיין וואַקסענדיג גרעזיל נישט געזעהען... איך וויים, פֿערהאַן אַזוינס... מלאכים שטעהען דעריבער מיט ריטליך און שמייסען: שפּראָץ! שפּראָץ! און

דאָס יונגע „לעבען“, דאָס שוואַכע, מוז שפאַלטען די האַרטע ערד און אַרויסשפראָצען...

איך וועל שוין האָבען דורכגעפיהלט דעם גאַנצען סוד, מיט זיין גאַנצער שיעפקייט און ערהאַבענקייט, פון סנה אין מדבר, — און חיים נישט, וואָס כמעט איז, און האָב נאָך קיין דאָרן, קיין שטענגעל פון עפּים, וואָס וואַקסט — נישט געזעהען, איסער אַמאָל אין אַ פייכטען קעלער, וואו איך בין אין אַ הייסען זומער-טאָג אַראָב, זיך אָבצוקיהלען — איבערוואוקסען פון קאַרטאָפעל...

איך רעכען, אַז איך, היינטיגע, וועט נישט לייכט זיך פאָרשטעלען אַזאַ קינד — זאָל זיין אַ יונגעל, זאָל זיין אַ תתן-בחור; די גאַנצע ליניע וועט אייך אויסזעהען משונה-ווילד! — אַ בעשעפעניש, וואָס געהט אַרום מיט אַ געהירן, אין וועלכען עס טראָגען זיך די שמעקענדיגסטע ריחות פון „השדה, אַשר ברכו ה׳“. פון „דודאים“, פון באַרג לבנון, פון „חבצלת השרון“, „שושנת העמקים“ און האָט נאָך צו די קערפערליכע נאָז-לעכער קיין איינציג לעבענדיג בלומעל נישט צו געפיהרט... יונה׳ציעס שוועסטער, דער פאָלקאָוואָי-גלח׳ס טעכטער, מאַנכע אָפיציערישע ווייבער טראָגען „אויפ׳ן האַרץ“ — בוקעטען; אינזשעניער-פרויען, פון אָבגעשלאָסענעם גאָרטען אונטער דער שטאָט, קומען אַמאָל אין שטאָט אַריין, אין ווייסע קליידער מיט קליינע, בלימאַליך בעלעגט, און שפּאַציערען אין שלאָס, — קריך אַהין מיט דיין קינדישער אָדער יונגלישער נאָז...

און נאָך וואָס? עולם הזה דאַרף איך?

איך בין דאָך דאָך ציכטיגע, וויך-האַרציגע חובת-הלבבות-קינד, וואָס האָט נחת פון אָבזאָגען זיך, פון צוטהיילען דאָס אָנבייסען... צוויי פערלאַנגען האָט עס נור פאַר זיך: פון פאָטער אויף דער ערד: נאָך אַ גרין-ציבעלקאַלע, און פון פאָטער אין הימעל, ער זאָל ממלא זיין די פגימת הלבנה...

אויף מיין ריין-קינדיש האַרץ הענגט נאָך אַ שלעסיל מיט צוואָרפענע אותיות... ווער ווייסט, ווען און וועמעס האַנד עס וועט די אותיות „גלייך שטעלען“, עפענען און מאַכען פייער, היילגס צי פרעמדס, אויפ׳ן קליינעם מזבח... איך בין נאָך אַ מיידעל, מיין כלה פון חורבה — אַ יונגעל! און מיין גרויס-אויפגעשוואָלענער קאָפּ האָט שוין דורכגעלעבט דעם גאַנצען עקאָנאָמישען, יורי-

דישען און געשלעכטליכען פלאָנטער פון בעציהונג צווישען „אדם והוה", פון מאָן ביז יבום...

און איך ליד שוין אויף גלות השכינה: פאַר וואָס איז גובר דער שקר, הערשט דער טעות און דער אויסדערוועהלטער „האַלט אַש אין מויל און שווייגט"... און גלאַט — גלות...

אין גאַלאַ מונדיערען, מיט שטיקען, וואָס בלאַנקען און בלי־צען אויף דער ליכטיגען זון, מאַרשיערט, אין גאַלאַ־טאָג, איין אָבטהיילונג מיליטער, פון שלאָס, וואו די אָפיציערען וואָהנען, ביז דער קאַזאַרמע ביי דער שעבערשינער בראָם, איבער דער גאַנ־צער לענג פון דער ברוקירטער גאַס... מיט מוזיק... ווייסע חברה פּאַראַוים... אויסערן אָפּאַטייקער און זיינע דריי שוואַרצע נעכט, לויפט מען פון שטובען צו די פענסטער, פון געוועלבער צו די טהירען... די מוזיק שמעטערט אַ נצחונדיג־לוסטיגען מאַרש, און מיין יונג האַרץ קלעמט:

— וואו איז מיין מיליטער? מיין מוזיק?

און די אויגען נעצען זיך...

באַ, איך האָב דאָך שוין אין קאָפּ אַ גאַנץ גרויס שטיק וועלט געהאַט — גאַנץ ארץ ישראל... דאָס אַמאָליגע, דאָס „מלך און האָניג פליסענדיגע"... מיט „איש תחת גפנו ותחת תאנתו"....

אמת — אַ גרייזיגע טאָפּאָגראַפיע; אַ דאַנק דעם „גירסא דינקותא" (שפשתא כיון דעל, על!) האָב איך דאָך ערשט נישט לאַנג, אין „מסירת נפש", געהייסען דעם ים כנרת, ער זאָל פאַר־ביי פליסען דעם „הייליגען" צפת... אָבער — אַ שטיק וועלט! אַ לאַנה מיט שטעט (צווישען זיי — ירושלים!) דערפער, טייכען, ימים (דער ים המלח אין מיטען!) בערג... ווייגבערג! און אַ בע־גריף פון מדינות: מצרים, אשור, בבל, צור, צדון... און מיט מיינע אויגען, אויסערן פעסטונג האָב איך געזעהען — סטאַב־ראָוו, דאָס דערמאָנטע דאָרף!

און ווערט מיט דער יונגער צייט, איך געדענק שוין ניט ווען און ווי אַזוי, ערפילט מיין היים קינדיש־פערלאַנג צום גאַניקיל אין זיי־גער־טהורם... און איך, דאָס יונגעל פון „דריי מאָל געררופען", פער־לאָז מיין „טאַטע־מאַמעס הויז אין בגדר" און געה אַרויס אין קלע־טער אויף די גליטשיגע, שמאָל־שווינדעלדיגע טרעפּליך אַרויף אין טהורם און קום אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין, און געה אויפ'ן גאַני־

קיל אַרום, און זעה מיט אַמאָל אַ צוויי, דריי וויערכטיג אויסגעשפּרייט אָרים פּלאַכלאַנד אַרום־שטאָדט, „מיט הייזליך ווי קאָרטען־שטיבליך, מענשען, ווי הײשעריקען“ און עטליכע צעוואָרפענע קאַרליקים ביימליך, בעמערק איך דאָך באַלד צו מיין האַרציגען פערדרוס, אַז וואָס העכער, זעהט מען ווייטער, מעהר אָבער גישט בעסער...

פונקט ווי אין „דריי מאָל געראָפּען“...

— — — — — — — — — — — —

אָבער אָט, מיין וועלטיל ווערט אַ ביסעל רייכער... עס צידט זיך פון שטאָדט אַרויס, און אַנעקסיערט דעם אינזשינערנעם גאָרטען, פון וועלכען עס פלעגען קומען אין שטאָט אַריין די ווייס געקליידטע דאַמען מיט די קווייטען און שפּאַציערען אין שלאָס...

אַ מעשה מיט דעם גאָרטען:

שוין יאָהרען, אַז דאָס פעסטונג איז אויס פעסטונג. די שרעק איז פערשוואונדען פון די וואָלען... די אַרמאַטען מיט דער פּאָרראַט קוילען זענען אַראָבגענומען. דאָס וואַסער צווישען די פאָסען — אויסגעטריקענט, די פרעש — אַוועק צום זומפּ אויף דער לאָנקע ביי דער „אוציעצקא“. דער גאַרניזאָן איז אַוועק; אולאַנען אין קאַזאַרמע, קאָזאַקען! די פּלאַצמאַיאָר מיט די בעזימדיגע וואָנסען האָט זיך שיין אָבגעזעגענט מיט דער שטאָט, געטרונקען לחיים, אַ מתנה גענומען און ערגיץ אַוועק. פון די בריקען אונטער די דריי בראָמען — קיין זכר. די אָבגרונדען פערשיט, גלייכע, ברייטע אַרויסגענג און אַרויספאָהרען צום שאָסע, און דער „סמאָטריטעל“, ווי דערמאָנט, איז געבליבען, ער זאָל נישט לאָזען יודישע קינדערליך זיך באָדען, און די אינזשעניערען, וואָס וואָהנען אין גאָרטען אונטער דער שטאָדט, האָט מען פערגעסען... נאָך נישט געענדיגט, זאָגט מען, די חשבונות פון איינלעגען און צורייסען דאָס פעסטונג, און דער „אינזשענערנע גאָרטען“, וואו זיי וואָהנען אינ׳ם גרויסען ווייסען הויז, וואָס בלאַנקט דורך פון צווישען די ביימער, איז נאָך אַ „גויש פערשלאָסענער גן עדן“...

שפּאַציערט מען אַמאָל איבער׳ן שאָסע, לאָזט מען זיך, ביים אינזשעניערנע גאָרטען, אַראָב אין ראָוו אַריין און מען קוקט אין גאָרטען אַריין מיט גרויס גליסטינג... מען שטעקט די קעפּ, מיט די ברענענדיגע איגען, צווישען די שטאַכייטען אַריין וואָס טיעפער.—זעהט



י. ל. פרץ אויפן טויטן־בעט

מען בײמער און בײמער, און אַלעען... און דאָס חײסע הויז, וואָס בלאַנקט פֿון די גרינע בײמער אַרויס... און דאָס דורכפֿלאַטערן פֿון ווײסע קלײדער, וואָס די דאַמען, וואָס קומען אַמאָל אין שטאָט אַרײַן, אין שלאָס אַרײַן, און שפּאַצירען בעלעגט מיט קווײטען.. אין אַ זײטיגער אַלעע, ווײגט זיך אַמאָל אַ קלײן-גויש, מײדשיל-מלאַכיל אויף אַ „הוידא“... דאָס געלעכטעריל קלינגט. די גאָלדענע לאָקען — צופֿליגען אין דער לופֿט, — דער פֿאָטער דער גענעראַל ווײגט זי מיט די „אײגענע“ הענד... אין אָבענדען פֿון גאַלאַ-טעג חיענען זיך, הענגענדיג צווישען די גרינע בלעטער אויף די צווײגען, איבער דער לענג פֿון דער מיטעלער אַלעע פֿאַר'ן הויז, בליצענדיגע פֿערשידען-פֿאַרביגע פּאַפּירענע לאַמטערנדליך... אונטען, איבער דער אַלעע, לײגען זיך שמאָלע, געמישטע פּאַסען פֿון רעגענבויגען-ליכט. די פּאָלקאָוואָי מוזיק קומט און שפּילט פֿאַר'ן הויז... איבערוועניג אין הויז ווערט געטאַנצט... וואָס אַ רגע קומען אָן נײַע מיליטערישע געסט פֿון „שלאָס“... געטאַנצט ווערט און געטרונקען... הילעכט אויף וואָס אַמאָל אַ „לחיים“ און ווערט באַלד פֿערטרונקען אין אַ נאָך הילעכדיגערן טוש פֿון דער בלעכענער מוזיק...

מאַנכמאָל, אין שטילע אָבענדען, הערט מען פֿון הויז אַרויס פּיאַנאָ-שפּיעל... מיכל, אונזער קאַפּעלמײסטער פֿון די קלעזמער, מײַן שפּעטערדיגער יואל פֿון „וואָס אין פּידעלע שטעקט“, שטאַלפּערט שוין (זעלטען גאָר אין גאַנצען ניכטער...) איבער'ן ראָוו מיט דורשטיגע אויגען און פֿאַנגט מיט'ן געשפּיצטען אויער די מוזיק... פֿון דער מוזיק, זאָגט מען, מאַכט ער מאָראַלישע שטײגערס צום בעדעקענס, מאַרשען צו חופּות און פֿרײלעכצער צו דער „וויעציערע“... מוזיקאַלישע יונגליך, משוררים'ליך און גלאַט חברה — מיט די קעפּליך צווישען די שטאַכעטען, שטעהען פֿערגאַפֿט... בעמערקט מען און מען הויבט אָן פֿון אינערווײניג צו יאָגען (יודישע קינדער זאָלען נחת האָבען?), די הינטישע כרובים פֿון דער פֿורטקע ווערען אָבגעלאָזט פֿון דער קײט — רײסט מען, צום ענטלויפֿען, די קעפּליך פֿון צווישען די שטאַכעטען אַרויס, איבערלאָזענדיג שטיקער הויט... און פּלוצלינג — דערמאָנט זיך און אָבגערופֿען די אינזשעניערען... דער גן עדן אָפֿען, ער פֿערברײטערט מײַן קינדישע וועלט. שפּעטער וועל איך צו איהם צונעמען אַ שטיק זאַקסישען גאָרטען פֿון וואַרשוי און די רבי'ישע גערטליך פֿון כטרוקאָוו און ביאַלע

און מאַכען אַ רעזידענץ פֿאַר אַ יודישען גביר אין צפֿת... דעמאָלט קום איך אָבער אין גאָרטען מיט האַרץ קלאַפּען ווי אין „פּרדס“ אַריין... איך בין, איך פֿיהל שוין, אַ האַלבער מקצץ בנטיעות... אַ נכנס בשלום בין איך, צי וועל איך זיין אַ יוצא בשלום אויך?

און איך געה אַרום איבער דער לאַנגער טונקעלער אַלעע און טראַכט — —

וועגען טויט!

נאָך וואָס האָט גאָט בעשאַפֿען טויט און — וואָס ווערט נאָכ'ן טויט?

די נשמה פֿליהט אין הימעל אַריין... אין גן עדן אָדער גיהנם אַריין. דער רמב״ם מיינט — עס בלייבט ערגיץ־וואו אַ שטיק שכל, וואָס עקזיסטירט ווייטער, און אויף דער זעלבער מדרגה, צו וועלכער דער מענש האָט דערצויגען זיין נשמה אויף דער וועלט... און מיין ברודערל, וואָס איז געשטאָרבען אַזוי יונג, נאָך גאָר אָהן שכל? און קינדער פֿון די וויעגען, און מפּיל־קינדער? דער בעל־שם הייסט ווייטער פֿיהרען דאָס אייגענע לעבען, וואָס מען האָט דאָ געפֿיהרט, נור מיט נחת אָדער צער, לויט פֿערדיענסט. גביר און פּאַסעסאָר בלייבט גביר און פּאַסעסאָר; בעל עגלה בלייבט בעל עגלה — אַ מין שכר ועונש אין דמיון“. עפּיס אַיין אָבנאַרעכטס, אַיין אַיינרעדעניש פֿון זיין ליעבען נאָמען... געווען אין שטאָט אַ משוגענע מיטעל־יעהריגע פֿרוי, געגט צי אַרויסגעטריבען פֿון מאַן, מיט די זאַכען, קליידער און צירונג... טראָגט זי זיך אַרום מיט'ן פּעקיל איבער די גאַסען גאַנצע טעג. וואו זי נעכטיגט, ווייס איך נישט... גאַנץ אָפֿט שטעלט זי זיך אָב אין מאַרק, עפֿענט דאָס פּעקיל, שפּרייט אויס אידרע זאַכען... בעקוקט און שמייכעלט צו די קליידער, מעסט אָן דאָס צירונג און מעסט איבער... טהוט אויס די פּאַריק און זעצט אַרויף אַיין אַנדערע... וויל זיך אויך איבערטהון אין מיט'ן מאַרק... עס איז אפֿשר ביי'ן אידר אַ יום־טוב אין מיטען דער וואָך... און דאָס אויסגעדונגערטע פּנים שמייכעלט פֿאַר נחת, דער שטערען שמייכעלט, די אויגען שטראַהלען... וועט דאָרט אויך זיין אַזאַ מין גן עדן... אמת, אין מיט'ן מאַרק קומט די שטאָט־פּאָליציי און שלעפּט זי אין אַרעסט־שטוב אַריין... און דאָרט, אין פֿרייען עולם הדמיון, אָהן פּאָליציי, קען זי זיך איבערטהון צעהן מאָל אין טאָג...

און דער גוף!

עפֿר ואפֿר... געקומען פֿון דער ערד, צוריק געגאַנגען צו דער ערד. „שתּי רוחות מספּרות“ — דאָס איז אַגדה... אַ משל, אַ „סים־כּאָל“, איך האָב שוין אין מיין גייסטיגען שמעטערלינגנעץ פֿון ערגיץ דאָס וואָרט געכאַפּט... „והמתים אינם יודעים מאומה“ זאָל זיין דער אמת. אָבער איך קען מיר באין אופֿן ניט פֿאָרשטעלען, אַ מענש זאָל ליגען אין קבֿר, און עס זאָל איהם נישט זיין ענג, נישט פֿייכט, נישט פֿינסטער, און דאָל נישט פֿיהלען, ווי די ווערם שפּייזען זיך מיט זיין לייב... און אפֿשר? טאָמיר, חלילה — בלייבט עטוואָס ווי סען, בלייבט אַ לחלוחית פֿון פֿיהלען... עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע גליעדער...

און פֿאַר וואָס שטאַרבען, וואָס איז דער יושר? ווייל אָדם הראשון האָט געזינדיגט... פֿערזוכט פֿון עץ־הדעת, איז ווירקליך עץ הדעת — זינד? גאָט האָט נישט געהייסען; פֿאַר וואָס האָט ער נישט געהייסען? און ווען זינד — קומט אַיין אייביגע שטראָף, אויף אייביגע דורות? „פּוקד אבֿות על בנים, על שלשים ועל רבעים“... אָבער נישט אייביג! פֿאַר וואָס פֿערווערט די פֿרוכט פֿון עץ החיים? „ער וועט לעבען אייביג?“ פֿאַר וואָס נישט? „זיי וועלען זיין גלייך מיט מיר“ — פֿאַר וואָס נישט? שפּעטער האָט ער דאָך עס פֿערלאַנגט: מה אני קדוש, — זייט דו אויך הייליג... איך בין אַ חנון, זייט איך באַרמהערציג... געוואָלט, מען זאָל איהם גלייך זיין!

און ווי שרעקליך, ווי האַרב די שטראָף איז... דער טויט און זיינע יסורים!

קומט ווידער דער רמב״ם... דער קלוגער, דער טיעפֿער, וואָס האָט די וועלט צוטהיילט: פֿון דער ערד ביז צו די גלגלים — הלכה באַריסטו, פֿון די גלגלים און העכער — משה אמת ותורתו אמת...

קומט ער און זאָגט: אַ טעות הדפוס! נישט דאָ קיין פּיין און קיין לייד, און קיין יסורים און קיין טויט; דאָס אַלץ עקזיסטירט נישט, האָט קיין ממשות נישט, אַזוי ווי עס עקזיסטירט נישט קיין פֿינסטערניש; עקזיסטירען עקזיסטירט נאָר ליכט... „יוצר אור ובורא חושך“ איז נור אַ מליצה אין דאַווינען... גאָט האָט בעשאַפֿען — ליכט! פֿינסטערניש איז נור דער פֿעהל פֿון ליכט, דער העדר פֿון ליכט! אַז גאָט נעמט צו די ליכט—איז פֿינסטער! און צונעמען האָט ער רעכט, ער האָט דאָך

נעקאַנט ניט געבען! אַזוי איז נישט פֿערהאַן קיין קרענק; פֿע־
האַן נור געזונדהייט, — געזונדהייט האָט אַ ממשות, פֿון גאָט
אַ מתנה! דער העדר דערפֿון האָט אַ נאָמען קרענק, דער נאָמען
אָבער האָט אונטער זיך קיין זאַך, קיין ממשות נישט... און
אַזוי? „אלהים חיים“ — גאָט בעשאַפֿט לעבען, נעמט ער איהם צו,
הייסט עס טויט. קיין טענה קען נישט זיין ער האָט נישט געגעבען קיין
טויט, נור צוגענומען זיינס... ברוריה ר׳ מאיר׳ס האָט רעכט. „וויין
נישט, מאיר, נישט צוויי זיהן זענען דיר געשטאָרבען, זיין ליעבער
נאָמען האָט נור זיין פקדון אָבגענומען“... „ה׳ נתן וה׳ לקח“ —
ווייסט נאָך איזב... אַזוי קלאָר! און איך האָב דאָס פֿאַרגעפֿיהל פֿון
לאה׳ס ווערטער אין דער „גאָלדענער קייט“ — קלאָר איז שניי, קלאָר
איז אייז, אַלץ, נור נישט לעבען!

און דאָס יונגע האַרץ עמפּערט זיך קעגען דער ריינער,
ראַציאָנעלער לאָגיק! טרייבט הייס־עמפּערט בלוט אין די אָדערן
אַריין... און עס קלאַפּט אין די שלעף אַלץ אין איינעם:

— וואָס איז טויט? פֿאַר וואָס קומט טויט?...

— — — — — — — — — — — —

אינטערעסאַנט וועלען זיין מיין בעקאַנטשאַפֿטס־מאָמענ־
טען מיט׳ן טויט...

שוין לאַנג, נאָך גאָר קינדווייז האָב איך מיך שיער נישט
מיט׳ן מלאך המות געטראָפֿען פנים אל פנים... איינמאָל, איך גיה
צו דער באָבען אין געוועלב אַריין נאָך וואַכען־געלד (זעקס גראָ־
שען אַ וואָך!). איך קום אין געוועלב אַריין, ווערט מיר עפּיס
שוואָך אַרום האַרץ, עס פֿערדרעהט זיך דער קאָפּ, איך שפּאַר מיך
אָן אָן וואַנד און קען זיך ניט דערהאַלטען. איך פֿאַל און פֿיהל, אַז איך
פֿאַל עפּיס אין אַ טיעפֿען, טיעפֿען אָבגרונד אַריין...

איינגעלאַפּט האָב איך מיך אין דער באָבעס גרויסער שטוב,
אין אַ גרוים בעט, פֿאַר טאָג... איך האָב אַ שטילען, פֿרום־
האַרציגען לערן־נגון דערהערט. איך עפֿען פּאַמעליך די אויגען
אויף — ווייט פֿון בעט, אין ווינקעל פֿון שטוב, ביי׳ן אַ ליכט,
פֿאַר מיר מיט אַ ספר פֿערשטעלט, זיצט מיין פֿעטער שמואל
ליבוש און לערנט... איך הער נור דעם נגון, קיין ווערטער — נישט.
כדי בעסער צו הערען, וויל איך מיך צורוקען צום ראַנד פֿון
בעט — דאָס לייב פֿאָלגט נישט, די ביינדליך ברעכען; איך

דערשרעק מיך, איך מוז זיין קראַנק. פֿריִען וויל איך נישט, איך וויל נישט מפֿסיק זיין... און בין איך קראַנק, לערנט מיין פֿעטער שמואל־ליבוש דעריבער אַזוי האַרציג, איך זאָל אין דעם זכות גיך אין באַלד געזונט ווערן. בלייב איך ליגן אומבאַוועגליך. דער קאָפּ איז מיר שווער, רירט איך מיט אַ האַנט און טאַפּ אָן אַ גאַנץ טוך, מיט וועלכן דער קאָפּ איז אַרומגעבונדן. איך דערשפּיער דורך די נאָז־לעכער אַ וויניקייט — דאָס טוך איז גענעצט אין עסיג...

איך גיב אַ בליק צום פֿענסטער — אַ ווייסע נאַכט קוקט אין שטוב אַריין... און אויפֿ'ן פֿענסטער שטייען פֿלעשעליך מיט מעדיצין... וואָס איז מיר? ווען בין איך קראַנק געוואָרען, און פֿאַר וואָס ליג איך דאָ?... איך מאַטער מיין שוואַכען קאָפּ און דערמאַן זיך אָן מיין גאַנג צו דער באָבען אין געוועלב אַריין, מיין פֿאַלען אין געוועלב... „איך מוז זיין אַ חולה מסוכן"... „דעריבער לערנט ער אַזוי"... אין מאַרק, צו וועלכן די פֿענסטער גייען אַרויס, פֿאָהרט דורך אַ פֿוהר, עס ווערט אַ געבילעריי פֿון הינד... „כלבים נובחים — מלאך המות בא לעיר"... שלעכט... ניין, עס איז צוליעב דער פֿוהר... און דערווייל ווערט מיר היים. און היים. דאָס לייב באַדעקט זיך מיט שוויים און איך הייב אָן אין גאַנצען פֿלאַמען...

איך האָב מיך (דאַכט זיך, דעם זעלבען טאָג) נאָך אַמאָל אויפֿגעכאַפּט, און איידער איך עפֿען די אויגען הער איך שטימען אַרום בעט:

— ער איז אונזער! — די באָבע.

— דאָס געלט פֿלעשעלע — די מומע יענטע...

— און איך זאָג די באַנקים — די מומע טעמע... די מאַמע לעגט מיר נור די האַנד אויפֿ'ן שטערן...

— פֿון יענער זייט, טאַקי פֿון יענער זייט! הער איך נאָך איין אומבעקאַנטע שטימע פֿון אַ יוד און הער זיינע טריט, ווי ער געהט אַהים, און הער, ווי ער פֿערמאַכט הינטער זיך די טהיר...

„שיער, שיער"... טראַכט איך...

אָבער הײַנט אמת'ען טויט־שרעק האָב איך אַרויסבעקומען פֿון ברונען... איהר האָט פֿיליכט געלעזען און געדענקט די „פֿערשאָלטענע ברונע"?!

אין מיטען פון איין מאַרק-פּערטל שטעהט אַ ברונען, אונ-
טער אַ הילצערנעם דאַך אויף פיער שווערע זיילען... אַרום ברונען
אַ צעמברינע פון באַלקען ביז דער ברוסט פון אַ דערוואַקסענעם
מענש... וואַסער ציהט מען מיט שעפען אויף אייזערנע קייטען, געווי-
קעלט אַרום אַ וואַל, וואָס בעוועגט זיך דורך אַ'ן „אונגעהייער גרויס"
ראָד מיט שפּיצען...

דאַכט זיך, אַ'ין איינפאַך ענין פון אַ שטאָט-ברונען? איז
אָבער דער ברונען „זעדר, זעדר" טיף, און אַז מען שפּאַרט זיך
אָן מיט דער ברוסט אָן זוים פ'ון צעמברינע (יונגליך מוזען זיך דער-
צו אויפהייבען אויף די שפּיץ נעגיל) און מען קוקט אַריין, גלאַנצט
עפּיס אַ רעדיל פון ליכטיגקייט איבער שוואַרצליכען וואַסער — עפּיס
אַ „וואַסער-שמייכעל", וואָלט איך היינט געזאָגט. און אַז מען קוקט
לענגער אַראָב, הייבט זיך אָן צו דרעהען דער קאָפּ און עס כאַפּט
אָן אַ וואונדערליך גליסטונג אַראָב, צום וואַסער-שמייכעל, וואָס ציהט
אַראָב, ווי אַ מאַגנעט; מען מוז זיך גוט איינהאַלטען און אָנהאַל-
טען, נישט אַראָבצושפּרינגען... אַזאַ כשוף שטעקט אין דעם שוואַרצ-
ליכען ברונען-וואַסער, מיט'ן ציטעריגען שמייכעל פון אויבען...

איז נאָך ווייניג, דערציילען זיך יונגליך מיט מיידליך, אַז
אויב עס איז נור אַ פינסטערע נאַכט און אַלע ליכט אַרום אין
די פענסטער לעשען זיך אויס, די שטאָט איז איינגעשלאָפען,
זאַמלען זיך קעץ, ווייסע און שוואַרצע קעץ, ביים ברונען,
קומען און זעצען זיך אויף די שפּיצען פון גרויסען ראָד, געמישט:
אַ שוואַרצע קאַץ, אַ ווייסע קאַץ און הייבען אָן יאָמערן... און יאָ-
מערנדיג רידרען זיי זיך אַלע אויף איין זייט און רידרען דאָס ראָד,
און דאָס ראָד הייבט זיך אָן דרעהען און די שעפען געהען אַרויף,
אַראָב... וואָס אַמאָל געשווינדער... און דער נאַכט-היטער, וואָס געהט
אַרום אין מאַרק (איין אַלטער גוי, מען זאָגט: אַ נייינציגער), הערט,
ווי די קעץ יאָמערן, ווי דאָס ראָד סקריפּעט, ווי די שעפּ, וואָס
קומט אַראָב, שלאָגט זיך אָן אין וואַסער, און דאָס וואַסער שפּריצט
אידער אַקעגען מיט אַ געלעכטערל, און די שעפּ, וואָס קומט אַרויף,
קעהרט זיך אַליין איבער — פּליוסק — פּליוסק דאָס וואַסער אין
ברונען אַריין... און ער ציטערט און צלמ'ט זיך, ציטערט און צלמ'ט
זיך... און אַלטע ווייבער זאָגען: די קעץ זענען קיין קעץ נישט, נאָר

נשמות פערוואָגעלטע, וואָס זוכן תיקון ביים וואַסער; די שוואַרצע זענען מענער, וואָס האָבן נישט געהאַלטן פון מקוה, די ווייסע — זענען ווייבער, וואָס האָבן נישט עהרליך געהאַלטן די דריטע מצוה...

ווי עס זאָל נישט זיין, נישט קיין פראָסטער ברונען...

און אין אַ געוויסען פרייטאָג, לויפענדיג איבער'ן מאַרק, זעה זיך, ווי מען לעגט איין די צעמברינע (מיט דער צייט פיל געוואָרען), ווי מען פערלעגט דעם צוגאַנג מיט ברעטער, איך הער מיט די אייגענע אויערן, ווי מענשען, וואָס שטעהען ביי דער אַרבייט — צייט פעהלט נישט — זאָגען: „צו דער נייער צעמברי־נע וועט מען זיך ערשט שטעלען מאָנטיג“... און פערגעס אָן דעם אַלעם, און כאַפּ פרייטאָג צו נאַכטס נאָך דער וויעציערע די קו־פּערנע קוואָרט, לויף צום ברונען נאָך פריש וואַסער. — אַ הייסער זומער אָבענד, און לויף גלייך צו, וויל זיך. אין איין וועגס אָנשפּאַרען אָן ראַנד פון צעמברינאַ, צי מען זעהט ביינאַכט דעם וואַסער־שמייכעל, און — —

און ווי דערמאָנט, אַיין אַלטע יודענע גיט מיך אַ כאַפּ אָן, אַ שלעפּ צוריק... „פריידעל די האָלאָדריגעכע“, די סמאָלע־הענד־לערין פון „שלום בית“ האָט מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט — אויף ביי טאָג!

ביי־נאַכט בין איך איבערגעענפערט דעם טויט און זיינע שרעקען. ווערענד אַ לאַנגע, לאַנגע צייט פאַל איך נאַכט אויף נאַכט אין טיעפען ברונען אַריין... דער קאָנטראַסט צו דער ליע־בע צום לעבען ביי טאָג... עס קומט דאַצו, אַז נישט נור דער ווירקליכער טויט שרעקט, נור אויך זיין ברודער, דער צייט־ווייליגער טויט — דער שלאָף. איך ליג גאַנצע נעכט און האַלט איבער־געוואַלט די אויגען אָפען, נישט אַריינצופאַלען אין יענעם אָבגרונד, ווי ביי דער באָבען אין געוועלב, נישט צו פערזינקען אינ'ם פער־געסעניש; נישט אָבצורייסען זיך פון לעבען...

און וואָס שווערער, בלייערנער עס ווערען מיר די ברעמען, אַלץ געוואַלדיגער וואַקסט די שרעק, און אַלץ הייסער ווערט דער פערלאַנג — צום לעבען, צום האַלטען זיך, בעהעפטען זיך אָן לעבען...

און איך שפּרינג צום פֿענסטער צו, רייס עס אויף צום מאַרק אָדער לויף אַראָפּ אין מאַרק אַריין... אָבער אויך דער מאַרק שלאָפֿט, איינגעהילט אין נאַכטיגער בלאָהליכקייט... פֿערגליווערטע מויערן, פֿערשוואַרצטע פֿענסטער... אָבער הינטער זיי עטעמט מען, לעבט מען, איך ווייס נישט ווי אַזוי, איך פֿיהל. יענץ לעבען נישט — פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס שטעהען מויערן צווישען מיר און זיי? צווישען מיין און זייער לעבען?

נאָטאַבענע, דאָס זעלבע געפֿיהל האָט זיך אין מיר ערשט נישט לאַנג דערוועקט דורכפֿאָהרענדיג ביי נאַכט איבער אַיין אויסלענדיש שטיל שווייצעריש שטעדטיל, האָט מיך פֿלוצלונג אָנגעכאַפּט אַ ווייטאָג פֿון מיין אָבגעריסענקייט פֿונ'ם לעבען פֿון הינטער די זשאַליוזען... דאָרט עטעמט מען, בענקט מען, מען טרויערט, פּלאָגט זיך, אָדער מען פֿרייט זיך, מען איז גליקליך אין דער שטילער פֿינסטערניש, און איך ווייס נישט, פֿיהל נישט, האָב אין דעם קיין חלק נישט... און דאָס לעבען דאָך דאָרט מענשען, און איך בין אויך אַ מענש... און עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ ליידענשאַפֿטליך פֿערלאַנג, זיך אויפֿצושטעלען, אַ געוואַלדיגען געשריי צו טהון, דאָס שטעדטיל אויף צו וועקען, זאָלען זיך פֿלוצלינג די זשאַליוזען הייבען, אויפֿרייסען די פֿענסטער, זאָלען זיי אַרויסשטעקען די מענשען-קעפּ...

אַ „חזר ונעור" פֿון די יונגע יאָהרען געווען...

— — — — — — — — — — —

„אָבער ווי איינגענאַרטיג מענשען שטאַרבען, ווי פֿערשיעדען זיי „געהען פֿון דער וועלט"...

די „פֿאָרמען" האָבען מיך שוין דעמאָלט בעשעפֿטיגט...

דער סטרוזש פֿון פֿעסטונג איז פֿלוצלינג אַמאָל אַוועקגעקומען... צי האָב איך עס געהערט צי דערביי געווען, ווייס איך שוין נישט...

געווען אין פֿעסטונג אַ דאַרער, אַלטער, אויסגעדיענטער סאָלדאַט — וואָס האָט די גאַסען געקעהרט. איך (פֿאַר לאַפּיי'ס צייטען) שבת-גוי געווען... אַ בייזער גוי, אַ בלינדליכער און אַיין אמת'ע שונא פֿון יודישע קינדער, — דעם סמאָטריטעלס מענש! זיין אָנבייסען אין מיט'ן גאַס — אַ שטיק שוואַרץ-ברויט פֿון שוואַרצען בוזעם אַרויס, געשמירט מיט חלב פֿון אַ גראָשענדיג ליכטעל פֿון קעשענע אַרויס... מען האָט מורא פֿאַר איהם, אַ ליאַדע וואָס.

װאַרפֿט ער דעם בעזים, מען װײלט איהם אױף פֿאַר עקעל, און איך פֿאַר עקעל פֿאַר זײנע קללות... עלט רוסישע... און זעלטען ניכ־טערן... און אײנמאָל בלײבט ער שטעהן אין מיט׳ן קעהרען, גיט זיך אַ װאַקעל, װיל זיך דערהאַלטען און גיט זיך אַ שפּאַר־אָן אָן בעזים, און קעהרט זיך מיט איהם צוזאַמען איבער, און גיט אַ גע־שריי: שמע ישראל! פֿאַלט און — טויט... װײזט זיך אױס — אַ קאַנטאָ־ניסט געװען... בעהאַלטען האָט מען איהם, ביז תחית המתים, אױפ׳ן פּראַװאָסלאַװנע פֿעלד... איהם װעט מען נישט אַרױסגנב׳ענען, נישט די צײטען...

דער טויט מאַכט אױף מיר אַ קלײנע װירקונג; גע־דױערט אַ רגע כמימרא... װאָס האָט ער געקאָנט לײדען?.. געװען, נישט געװאָרען...

געװען אין שטאָדט אַן אַלטער זײגער־מאַכער, ר׳ הירשל, איב איך האָב קײן טעות נישט, איך אַ שטאָדט־דיענער... זײן עבֿדא: אין דער פֿריה און פֿאַרנאַכט אַרױף צו קלעטערן צום שטאָט־זײגער, װאָס געהט אױף אַ הילצערן געװערק, מיט שטײ־נער אױף שטריק, און אָנדרעהען צװײ מאָל אין מעת לעת... אַ ידעל אַ גראָהס, אין אַ שינעטען קאַפּאָטיל, אין עפּיס אַ קאָפּ־בעדעקונג מיט לאַפּען, אין אַ פֿאָרם, װאָס מען האָט שױן דעמאָלט לאַנג נישט געטראָגען... אַ שטיל, טריט־בײ־טריט ידעל; איך האָב איהם קײנמאָל נישט געהערט רעדען... קײנער האָט איהם נישט געזעהען נישט לאַכען, נישט װײנען... קומט אײנמאָל דער ר׳ הירשעל אַראָב פֿון זײגער און שטרעקט יעדען די האַנד, און געזעגענט זיך מיט אַלע, װאָס ער בעגעגענט אין מאַרק...

— װאָס איז, ר׳ הערשיל?

— די נאַכט שטאַרב איך!

„װאָס אַ יוד פֿאַלט אַיין“... „מײנע שונאים“... מען קומט אַהים צו מאָרגענס אין דער פֿריה — דער זײגער שטעהט, דער זײגער־מאַכער — נישט אױפגעשטאַנען!

אַזוי דאַרף זײן!

מאָדנע שטאַרבט דער שױן דערמאָנטער שמעון היטעל־מאַכער, דער אונטערהעלפֿער בײם משכילישען מנין... אַ צװײט װײב געהאַט (צופֿעליג געדענק איך און פֿערצײלען עס)... פֿאַר

גסיסה הייסט ער, זי זאָל אַרויסגעהן אין מאַרק אַריין, קויפֿען איהם אַ האַלבּ-פֿונטיגען קאַרפּ, אָבּקאָכען און דערלאַנגען אין בּעט אַריין... ער וויל זיך געזעגענען מיט זיין „עולם הזה“; — אַזוי ליעבּ האָט ער קאַרפּ... און ער וויל זיך געזעגענען און פֿערגלייכען אויף יענער וועלט מיט'ן טעם פֿון לויתן... און צום צו בּייסען (אויסצופֿיהרען דעם אַלטען, וועלט-בּעקאַנטען וויץ) הייסט ער זיך דערנאָך געבּען אַ ווערמיגע פֿלוים, ער זאָל וויסען, ווען עס וועלען זיין די לעצטע שמיץ פֿאַר'ן לויתן...

נישט היימליך, אָבּער וויציג!

שטאַרבּט מיר. אָבּער דער פֿעטער ליפּא; דערטרונקען געוואָרען...

און אַ פֿעטער — אַ דימענט... אַ זיידענער מענש, אַ גאָלדען הארץ... גיט אַלץ אַוועק, גיט אַלץ פֿון זיך אַראָבּ... די מוהמע יענטע מוז איהם היטען, אַזוי אין געוועלבּ מיט שניט, ווי אין שטוּבּ, ערגער ווי אַ גנבֿ... איינמאָל פֿאַר פּסח, זי געהט אַראָבּ אין קעלער אַריין צום אינדיג, וואָס זי פּאַשעט לכּבוד יום-טובֿ — אַ נעכטיגער טאָג... זי ווייסט, ווער דער גנבֿ איז... טרעפֿט אַמאָל און עס קומט אין געוועלבּ אַריין אַיין אָרימאַן, יענטיל איז נישטאָ, זי גיט פּרוטות, כאַפּט ער זיך צום שופֿלאָד — פֿערמאַכט; צום שלאָס — ער גיט נישט נאָך, — ציהט ער עפּיס זיך פֿון לייבּ אַראָבּ... איינמאָל די פּלודערן אַוועקגעגעבּען... איז צווישען פּאָר פֿאָלק אַ לעבּען, דאַכט זיך, נישט ווי אונטער דער זון... די מוהמע יענטע איז אַ מלומדת, זי ווייסט, וויפֿיל אַ יוד מעג אַוועקגעבּען צדקה, צום רבֿ געהט זי איהם שלעפּען... און אַ צינגעל האָט זי אַ געשליפֿענם — די גאַנצע פּאָדציענע הערט איהרע קללות צום מאַנס קאָפּ... און שטעלט אַ האַנד מיט נעגיל אַיס, וואָלט זי נור נישט מורא געהאַט פֿאַר גאָט...

געהט דער פֿעטער ליפּא איינמאָל פֿאַר'ן דאַווינען זיך בּאָדען צום טייך, זעצט זיך אונטער'ן שטראָם... און מען נעמט איהם פֿון דאָרט אַרויס אַ טויטען... פֿון אַ שטיין, זאָגט מען, וואָס איז מיט'ן וואַסער געלאָפֿען, אַ קלאַפּ בּעקומען, בּעטייבּט געוואָרען, דאָס מויל געעפֿענט, וואַסער געטרונקען...

על פּי „מורה הנבוכים“ מאַכט עס אויף מיר קיין גרויסען

אײנדרוק נישט. נישט מעהר: אַ שאָד אַזאַ גוטער פֿעטער... און דערטרונקענע שוין געזעהען... אַ יונגען מאַן אַמאָל אַרויסגענומען פֿון טײך. (ער דאַרף אַ מענש, די אַרײנגעװאָרפֿענע קאַץ האָט נישט געהאָלפֿען), אַרויסגעצויגען האָט מען אײן אָנגעדראָלענעם. מען האָט איהם מיט קניהען דעם בויך געדריקט און דאָס װאַסער דורכ׳ן מויל אַרויסגעזעצט... הערבײ געװען, געזעהען בעשײנפּערליך: דער טויטער פֿיהלט נישט...

איך בין דעריבער צום טײך, צום פֿעטער ליפּאַ נישט גע־לאָפֿען...

אָבער, אַז די לויה איז געװען... די מוהמע יענ־טע געהט נאָך דער מטה, נײן, זי געהט נישט, זי שװימט אין דער לופֿט... אויפֿ׳ן פּנים אַ פֿערגליװערט שמײכעל, די אויגען בלאָנזשען אַרום און גיבען אָפּט אַ בעהאַלטענעם בליץ נאָך אַ בליץ, אָט בעװעגט זי זיך, װי בײ כלה־טאַנץ — בנעימות׳דיג אויף די שפּיץ נעגיל... איך געה האַרט בײ׳ן איהר זײט... די װײבער אַרום, הער איך, שרײען צו גאָט, די הענד ברעכענדיג: רבונו של עולם, זאָל זי װײנען! כאָטש אַ טרער לאָזען! און זי געהט, און מורמעלט, און איך הער (װאָס איך האָב אין „נאָך קבורה“ בענוצט): „עס, ליפּעלע, עס, זאָל דיר זײן צו געזונד!“ און גיט פּלוצלונג אַ ריס אַראָב פֿון זיך דאָס שײטעל און מיט׳ן מויל — אַ פֿײף... —

— — — — — — — — — — — —

שטאַרבט נאָך ק., דער װײנהענדלער פֿון דער ברוקירטער גאַס... מיך ציהט אַהין, איך מוז זעהען, װי מענשען שטאַרבען... ליגט ער און גוסעט אין דער גרויסער שטוב, אין שרעקליכע שמערצען... די טאָכטער זײנע, די פּאָרצעלאַענע שעהנהײט, ליגט אויף אײן אַנדער בעט — די קלײנע הײסע שרעק! די מוטער — אַ הױכע פֿרוי — אײנגעקילט אין אַ פֿאָטעל, מען זעהט קײן פּנים נישט... איך חק מיך, צװישען חברה־לײט, צום בעט צו... שרעק־ליכע העזיות, װילדע אויסגעשרײען אין מיט׳ן װדוי... און פּלוצ־לינג, מיט אַ גאַנץ געענדערטער שטימע —

— זאָגט מײן װײב, דער שליסעל פֿון צװײטען קעלער ליגט...

איך הער נישט הײנט; איך ענטלויף... ענטלויף אין אינזי־

שענערנע גאָרטען אַריין, טיעף פון אַ שטאַרבענדיגען בעלײדיגט, פון אַ גוסס... פוי, פוי! דער מענש איז ווערט דעם טויט, ער וועט זיך אַנדערש ניט אָבּרייסען פון שליסעל צום צווייטען קעלער...

און עס פאַלט צו די נאַכט... איך געה אַרויס אויפ'ן שאָסעע, געה עטוואָס ווייטער אָב פון שטאָט און דערזעה (גלייך צום ערשטען מאָל!) — ווי די זון לאָזט זיך אַראָב אונטערן גאָרטען — די פורפור־פלאַם פון צווישען די צווייגען... און קעגען איבער שיינט איף אַ בלאַס־געצייכענטע לבנה; קומט העכער, העכער, ווערט בולטער...

איך שטעה אַנגעשפאַרט אָן עפּיס אַ צוים און קוק, און וואונדער מיך, פאַר וואָס זעה איך עס אַזוי צום ערשטען מאָל... יעדען טאָג געהט דאָך אונטער די זון, יעדען אָבענד געהט אויף די לבנה...

און זי ציהט זיך אַרויף, אַרויף...

אַ צינערנער הקדש־טעלער? אַ זילבערנע־טאַץ אויף דרשה געשאַנק? יהושע'ס פּנים?

אפשר פרעגען ביי יהושע'ן: פאַר וואָס שטאַרבט מען, נאָך וואָס? —

ריהרט מיך פלוצלינג עמיץ ביי'ם אַקסעל אָן...

מיכל פידלער — שוין דערמאָנט — ביי'ם פלויט פון זיין התבודדות־הייזעל בין איך עס געשטאַנען. ער איז צו מיר אַרויסגעקומען, אַ שטילער, שטיל־שלייכענדיגער, מיט טרויעריגע וואַסער־איגען, אין איין האַנד — אַ ספר־ל, אין צווייטער — אַ לאַמטערל...

— „מען זאָגט, דו ביסט איין עלוי, קענסט דאָ פשט?“

און ער ווייזט מיר איין אָרט אין קבלה־ספר־ל (דעם נאָמען — פערגעסען), עס רעדט זיך וועגען גלגול... איך לעז דורך, פערשטעה און פערטייטש...

— „ביסטו דאָך טאַקי איין עלוי... נו, וואַרט“, און ער פערשווינד צוריק אין הייזעל אַריין...

עס הייבט זיך אין מיר אָן אויסצו־וויקלען אַ געדאַנק: אפשר איז דאָס דער ריכטיגסטער ענטפער אויף אַלע מיינע פראַגען...

דער געדאַנק דערוויקעלט זיך אָבער נישט, ער קומט צוריק אַרויס מיט'ן לאַמטערן, נור אין דער אַנדערער האַנד, אויפ'ן אָרט פון ספּר'ל — אַ גרויסער, שווערער פערראָסטער שליסעל — —

דער שליסעל צו זיין פערמאַכטער ביבליאָטעק אין שטאָט...

— דו ביסט עס ווערט...

מיט דער האַנד, וואָס ציטערט שלאַבעריג, דערלאַנגט ער מיר דעם שליסעל. די שטימע — הויל, אָהן טאָן, היינט וואָלט איך געזאָגט — אָהן פאַרב. איך הויב צו איהם די אויגען אויף, וויל עפּיס זאָגען, דאָס מויל איז מיר צוגעשניערט; ביי'ם שיין פון לאַמטערל זעה איך אַ פּנים פון אַ בר־מנן... געל, וואַקסען־געל, אָבגעלאָזט...

„אַ בר מנן דערלאַנגט מיר דעם שליסעל" —

איך נעם איהם און געה מיט איהם אָב שווייגענדיג. דער שליסעל וועט עפענען — מיר אַ נייע ביכער וועלט, איך — אַ נייעם פּרק...

ווען און ווי אַזוי מיכל פידלער איז געשטאָרבען — געדענק איך נישט!

## „זייער“ בית־מדרש.—חורבות אין געהירן.—איך וויל אוועק. — די מאמע.—איך ווער א חתן.

נישט מיט אַמאָל לויפט מען פון יודישען אין גוישען בית המדרש אַריין. מען האָט דאָך אַ יודיש האַרץ, קלאַפּט עס. איך פיהל, אויבוואָהל נישט קלאָר, אַז איך רייס מיך פון עפּיס און עמיץ אָב, פון עמיץ היימישים, פון עפּיס טהייערס... נעכט שלאָף איך נישט, און בלאָנזשע אַרום טעג אונטער די בראָמען. איך בין טאַקי שוין אַ „פורץ גדר“, אין אַ סך זאַכען האָב איך אויפגעהערט צו גלייבען. פיעל פון הייליגען איז מיר אומהייליג געוואָרען, אָבער אַלץ אין דער היים, אין בית המדרש, וואָס איז לעבען דער שוהל...

און איך זעה מיך, ווי איך געה צו לעצטען מאָל, דרייקענדיג מיט דער פויסט דעם דיקען פערראָסטען שליסעל אין טאַש, אונטער דער לעמבערגער בראָם. אויפן שאָסעענעם דריי־עק, צווישען „אונזער“ און „זייער“ בית עלמין, און האָב התבודדות, און הער אויס אַ וויכוח צווישען „יצר טוב“ און „יצר הרע“, אַזוי ווי איך האָב איהם איבערגעגעבען, נור צוגערייסט מיט „וויץ“ אַלאַ היינע, אין „מאָניש“... אָבער מאָנישען אין תורבה אַריין רופט „מאַריע“, זי ווינקט צו איהם פון די פענסטער, רופט איהם מיט געזאַנג. מיין „מאַריע“ שפּאַציערט אַרום מיט יונה׳ציען, אָבענד ביי אָבענד, צווישען מנחה ומעריב, אין דער רייטשוהל, און מיין „כלה פון תורבה“ איז פערנומען מיט איהר אויסשטייער. נייעטאָרען־מיידליך זיצען ביי זיי אין שטוב און נייען וועש, און זי לויפט אַרום צווישען די שניידער און מעסט מלבושים... מיך רופט „קענטעניש“... אָבער דער יצר הרע איז גובר; אַזוי ווי ביי מאָנישען.

זעה איך מיך, ווי איך געה, אין אַ שוואַרץ היטעל, אין אַ ביסמאַרק־פּאַלטאָ און וויס־פּערליימיגטע שטיוועל (צופעליג הייב איך דעמאָלט אָן צו זעהען פאַרבען!) איבער דער ברוקירטער גאַס, און די הויטע קאָשאַרען צום גרינעם שלאָס (עס איז פריהלינגצייט) און בלייב שטעהען ביים קווער־געסיל פאַרן שלאָס, און

חינקעל, וואו דאָס הויז שטעהט; דאָס הויז מיט דער פֿערמאַכטער ביבליאָטעק אויפֿ'ן בוידעם. איך טרעט אַריבער די שוועל איבער געוואַלט. עטליכע טראָפּען שוויס פּערלען זיך איבערן שטערן: דאָס הויז איז מיר פֿרעמד; דאָ וואָהנען נישט קיין יודען. צופֿעליג. און פּלוצלינג פֿיליכט צוליעב דער נאָהנטקייט מיט'ן שלאָס! דאָס הויז איז אַ נייעס, דעמאָלט דאָס נייעסטע, און האָט ליכטיגע טרעפּ, דעמאָלט די איינציגע ליכטיגע טרעפּ אין שטאָדט. איך שטייג בעהאַרצט; אַ גוטער סימן — אַ ליכטיגער וועג! און איך שטייג אין ליכט. איין שטאָק, אַ צווייטער — די פּלאַטפֿאָרם צום בוידעם; דאָ לעשט זיך מיר דער טאָג אויס... איך ווער עטוואָס אונרוהיג. אָבער „כל באיה לא ישובון“, נישט פֿאַרהאַן: צוריק! די האַנד ציטערט אַ ביסל, דאָך דערטאַפּט זי די טהיר; אין טהיר — דעם שליסעל־לאָך. „פֿריהער אַריינקוקען!“ איך נייג צו איין אויג: אַ חשך. קעגענאיבער אַ פֿערלאָדענט פֿענסטער פֿון אינערוויניג. אָבער דורכ'ן לאָדען־שפּאַלט רייסט זיך אַריין אַ זייל פֿון ציטעריגען זונען־שטויב און שפּאַרט צו ביז צו'ן אַ הויפֿען ביכער אויף דער פּאָדלאָגע.

„דער עמוד ענן!“

„דער עמוד אש!“

„ביידע פֿיהרען אין מדבר!“

און איך דרעה איבער דעם שליסעל! אַ קריץ אין אַלטען שלאָס, דאָס האַרץ — אַ ציטער, דאָך — די טהיר — שוין אָפֿען, דער לאָדען — האַסטיג אויפֿגעריסען — איך בין אין „זייער בית המדרש“...

אַז מיר האָבען אַ חלק אין אַלע בתי מדרשים, „ביודעים ובלא יודעים“ — פֿאַלט מיר דעמאָלט נישט איין. אָבער אַזוי פֿיעל ביכער! אַרום אויף אַלע פֿיער וועגד, צעוואָרפֿענע אונטער די פֿיס אויף דער פּאָדלאָגע.

— איך וועל אַלץ לייענען אין כסדר!

— — — — — — — — — —

„אַלץ“ האָב איך נישט געלעזען; דריי שפּראַכען געווען: דאָס מעהרסט פּויליש (אויבוואָהל דאָס מעהרסט איבערזעצונגען...) דערנאָך אַ ביסל דייטש; געווען אַ קליין ביסל פֿראַנצעזיש אויך.

פֿראַנצעזיש קען איך גאָר נישט. לעזען אַפֿילו נישט. איך וועל מיך דאָך, צוליעב דער ביבליאָטעק, אין אַ צייט אַרום, אויסלערנען בעל פּה, פֿון טאָוועל צו טאָוועל איין אלענדאָרף, — אַ ברכה לבטלה: איך וועל איהם, ווי אויסגעלערנט, פֿערגעסען... מיט'ן הוילען אָלענדאָרף־קענטעניש וועל איך פֿון דער היים אַוועק. דייטש, ביי וועלכען, ווי איך רעכען, עס וועט מיר ביישטעהען דער זכות פֿון עטליכע לעקציעס ביי'ם לעהרער שטערן, לעג איך דאָך אָב אויף שפּעטער. צו גרויס איז מיין דורשט צו „קענטעניש", איך זאָל מיך זעצען סילאַביזירען! איך הייב אָן ביי פּויליש, און האַלט וואָרט. און לעז כּסדר; „לב חכם לימינו" — פֿון דער רעכטער האַנד ביי'ם אַריינגאַנג. און די ביכער זענען אויסגעשטעלט אָהן אַ סדר, אַ תּהו ובֹהו פֿון ביכער. ראָמאַנען און וויסענשאַפֿטליכע זאַכען. אויסגעמישט, און צעוואָרפֿען — די פֿיעלבענדיגע ראָמאַנען; איבערהויפּט די איבערזעצונג פֿון פֿראַנצויזיש: דיומא, סי, וויקטאָר הוגאָ א. ד. ג. פֿאַלט אין דער האַנד אַריין אַ צעהנט באַנד סי, דערנאָך אַ ניינטער דיומא, באַלד אַ דריט באַנד — הוגאָ... אָבער איך לעז! איך זוך קיין ספּור המעשה נישט. איך לעז אויך קיין נאַטור־בעשרייבונגען נישט, זיי דערמאָנען מיך אָן גאָר נישט, וועקען אין מיר קיין בילדער נישט! איך האָב אַזוי ווייניג בעקאַנטשאַפֿט מיט נאַטור. איין אויסנאַהם — די בעשרייבונג פֿון גרינע וויזען ביי וויקטאָר הוגאָ אין „די אַרבייטער ביי'ם מעער" — פֿערהאַן וויזען אַרום שטאָט; אויך אַ שליט־וועגס פֿון אַ פּוילישען אויטאָר, דאַכט זיך קאָרזשעניאַווסקי — שניי שוין געזעהען! דער עיקר ציהען מיך און נעמען מיך די דיאַלאָגען — די „שטיקלעך מיט די פּאַסיקלעך", ווי עס האָט דעמאָלט ביי מיר געהייסען; וואו מענשען רעדען. יעדעס פּאַסיקיל האָט מיר אויסגעזעהן, ווי אַ שפּעלטיל אין אַ מענשליכער נשמה אַריין. די ליעבע צום דיאַלאָג, צום מאָלען מיט דער שפּראַך איז מיר געבליבען... רעכט אַ מעשה פֿערציילען האָב איך מיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט. העכסטענס, ווי איינער פֿון מיינע קריטיקער האָט בעמערקט — אַ „מעשה בתוך מעשה"; שלעכט געבויט איז דעריבער פֿיללייכט מיין בעסטע זאַך: די דריי תּוספֿות... איך האָב אַזוי געלעזען. לעזענדיג, פֿלעכטען זיך אין מיר אַלערליי מעשיות; איך קען מיך, און

וויל מיך נישט אַרויספּלאָנטערן. אין דער ביבליאָטעק איז אַ יריד! פֿול מענשען אין מאַרק; אַ געווימעל פֿון מענשען! פֿון אַלערליי שטאַנדען, אַלערליי געשעפֿטען! אין גרופּען שטעהען זיי, און רעדען צווישען זיך, יעדע גרופּע האָט איהר עסק... און איך שפּאַציער אַרום איבער'ן מאַרק, געה פֿון גרופּע צו גרופּע, הער אונטער, כאַפּ אָבגעריסענע שטיקער פֿון געשפּרעכען און שטוים מיך, ווע־גען וואָס עס געהט...

פֿאַלט מיר אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום אין דער האַנד אַריין נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס אין זאַוואַדסקי'ס איבערזעצונג. איך לעז און — פֿערשטעה, אַ פֿרייד; נישט טיעף, פּילפּולים נישט ריכ־טיג און — גאַנץ! דינים, אָהן ראובן ושמעון, סאַמע כּללים!.. דער רמב"ם אין „יד החזקה" האָט עס נישט דערגרייכט! נאָך אין אַ צייט אַרום — באָקל'ס געשיכטע פֿון דער ענגלישער ציוויליזאַציע! איידער איך פֿערשטעה, דערמאָנט מיך (אַזוי מיין איך) דער סטיל אָן בעל עקדה!.. אויך עפּיס אַ מין דרש! איך קום אויך צו פֿיזיק. רבונו של עולם! נישט די קאָלדערע וואַרימט מיך, נור מיין לייב די קאָלדערע! מען קען מאַכען שנייז! דונערן! אָהן מאַטעמאַטישער פֿאָרבערייטונג, היפּער איך איבער ציפֿערן אין אַל־געבראַאישע צייכען, ווי אַ פּוילישער מלמד איבער שטיקליך דקדוק אין רש"י, און פֿאַל ווייטער אַריין אין אַ ים פֿון ראָמאַנישע און ראָמאַנטישע דיאַלאָגען, און שווים ווידער אַרויס אין אַ „נאַטור־וויסענשאַפֿט"... די בעשרייבונגען פֿון קערפּער און גליעדער, אַזוי פֿון געוויקסען ווי פֿון טהירע נעמען מיך נישט, זענען פֿאַר מיר טויט! ווידער דאָס זעלבע: זיי דערמאָנען מיך אָן גאָר נישט, וועקען אין מיר גאָר נישט! געזעהען: הינד, פֿערד און עטליכע קעץ. זומער־צייט פֿליהען פֿייגאַליך אונטערן הימעל, אונטערשייד איינ־צעלנע אין דער מחנה! לאָזען זיך מאַנכע מאַנכמאָל אַראָב, אין שטויב און בלאָטע אַריין, נאָך אַ פֿערלאָרען קערנדטיל פֿון אַ פּוי־ערישער פֿוהר, אַ ברעקעלע פֿון אַ יונגעלס אָנבייסען אין חדר אַריין און פֿליהען אַזוי ראַש אַוועק... אויפֿ'ן שפּיץ פֿון זייגער שטעלט זיך אַמאָל אַ קראָה — ווער ווייסט זיי!

פֿאַר דאָס די בעשרייבונג פֿון לעבענסאַרטען, פֿון געוויקס און טהיר, יעדע ענטפּלעקונג פֿון אינסטינקט און פֿערשטאַנד, גע־

פאָהגהייטען, דאָס צופּאַסען זיך מיט ל ניע און פאַרב צום מיליע... נעס-טעך-בויען, קינדער ערציהען, זאַמלען שפּייז אויף ווינטער, פערזאַמלונגען פון געפּלינגעלטע אינטערן בלאָהען הימעל, די סעימען; די סע-רענאַדען פון דער מענליכער זייט, דאָס אויסשטעלען פון פאַרביגע פעדערן, דער קריעג וועגן דער „זיי" — דער קאַמף פאַר לעבען אין ליעבע, — דאָס אַליך נעמט און כשופ׳ט...

גאָט, ווי גרויס די וועלט איז, ווי פערשיעדענאַרטיג, אין היפיל שכל, וויפיל גייסט...

און פּלוצלינג:

— אַליך מאַטעריע! (האַרטמאַן).

— קיין פרייער ווילען! (צענדליגער בראָשורען). און קאַרל פאָגט:

— דער געהירן אַרבייט אויס געדאַנקען, ווי אַיין אַנדער גליעד — שטוהגנען...

— — — — — — — — —

עפּיס ווערט אין מיר פערשטאַרט, פערגליווערט. עפּיס שטאַרבט אָפּ. אויס מעשה בראשית, אויס מעשה מרכבה. קיין הימעל נישט דאָ. דאָס בלאָהע, וואָס מיר זעהען, איז די גרעניץ פאַר אונזער אויג. אויס שכר ועונש, אַז דער מענש האָט קיין ברירה נישט...

מיט וועמען רעד מען דערפון? פאַר וועמען גיעסט מען זיך אויס דאָס האַרץ? אין וועמעס אויערען אַריין גיסען די קלאָגען איף די תורבות אין געהירן און אויף די פגרים אין האַרץ? מיט די אַרומיגע? איך בין קעגען זיי אָהן לשון אַפילו. פון דעם, וואָס איך האָב געלעזען, קאָן איך אויף יודיש נישט רעדען, פאַר דעם האָב איך אין יודישען קיין ווערטער נישט. איך פרוב רעדען מיט מיר אַליין און קען נישט...

רעטען קען מיך איין ש. ח.

פריהער זיין פאָרטרעט. איגענטליך נישט זיין פאָרטרעט; איך קען איהם נישט. אין אַ מענש אַריין קוקט מען דורך די אויגען, און ער פינטעלט מיט די אויגען. זיינע שוואַרצאַפּעל האַלטען אין איין לויפען אַהין און צוריק איבערן ווייסעל, ווי פאַר פחד, מען זאָל זיי נישט דערטאַפּען. איך וועל נור בעשרייבען זיין ליניע:

שטאַמט פֿון אַ יין אָרימער, דערשלאָגענער פֿאַמיליע אין דער ליטא. נישט אײַנגעלערנט זיך קוקן מענטשן אין די אויגן אַרײַן... געענדיגט די ראַבינער־שוהל אין זשיטאָמיר. געקומען צו אונז אַלס רעליגיאָנס־לעהרער... לערנט פֿון אַ רוסיש ביכל אַרום די „ביבלישע געשיכטע". האַלט זיך ווײַט פֿון קהל; רעד נור רוסיש. פֿון דערסטוועגן, אַז דאָס מאַגיסטראַט וויל אָפּברײנגען דעם מאַרק פֿון פֿריערישע פֿודרען, וואָס זאָלען זיך נור שטעלען אויפֿ'ן טאַרג, און בעשטימט, אײַנצוטהיילען דעם מאַרק אויף פֿיר, דורך נאַסען דורכגעשניטענע רעגעל־מעסיגע סקווערען, וואו ער וועט פֿערזייען בלומען און פֿלאַנצען בוימער... און די סוחרים, וואָס האָבען געוועלבער אין מאַרק, פֿאַר פּחד, זיי זאָלען דאָס פֿריערישע לייזונג נישט פֿערליערען, ווילען מבטל זײַן די גזרה, און מען ווענדט זיך צו איהם, ווי צו'ן אַ קרוב למלכות, — שרײַבט ער זיי אַ פּראָשעניע אויף „קיזורליך" פּאַפּיער, מיט עכט שוואַרצער טינט און קאַליגראַפֿיש, לאמור, אַזוי צו זאָגען: היות, אײב עס וועלען זײַן גערטליך (סקווערען) און אײב עס וועלען געפֿלאַנצט ווערען ביימליך, וועלען די ביימליך מיט דער צײַט וואַקסען און צעוואַקסען זיך און ווערען גרויסע ביימער, מיט געדיכטע צווייגען און בלעטער... און אַזוי ווי די שטאָט איז שלעכט בעלייכט און נעכט זענען פֿערהאַן פֿינסטערע, וועלען זיך אין די פֿינסטערע נעכט, און די געדיכטע שוואַרצע שאָטען פֿון די ביימער בעהאַלטען גנבים, גזלנים און רוצחים, וואָס וועלען זײַן אַ סכנה פֿאַר דער שטאָט... אויך וועט מען, אין די זומער אָבענדען, ווען די נאַטור (דאָ געדהט אַ נאַטור בעשרייבונג) וועקט צו ליעבע — אין שאָטען פֿון די ביימער זינדיגען, וואָס עס וועט שאַטען דער מאָראַל פֿון שטאָט און פֿערדאַרבען די שוהל־יוגענד, וואָס וועט ווײַטער פֿון איהר זײַט, נישט פֿאַר אײַך און נישט פֿאַר קיין שום יוד נעדאַכט, קראַנק מאַכען אַ האַלבע, אײב נישט די גאַנצע שטאָט...

איז אײַך וועניג, געדהט די ליניע ווײַטער:

ער פֿערליערט די שטעלע אַלס רעליגיאָנס־לעהרער. איך ווייס נישט, אָדער געדענק נישט, פֿאַר וואָס, און פֿועלט ביים גובערנאַטאָר און ווערט אָהן דער שטאָטס וויסען — ראַבינער. און בעקומענדיג די נאָמינאַציע, ענדערט ער פּלוצלינג זײַן פֿיהרונג: מיט אַ מאָל אין שטאָב אַ יאַרמולקע, העט אויך צו רייכערן אום שבת און

הייבט אָן צו גײן אין שוהל אַרײַן דאַווענען פֿריה און אָבענד.

האָבען די חסידים אײַן אַסיפֿה געמאַכט און געשיקט איהם זאָגען:

ווילט איהר, אַזוינער און אַזוינער, נעמען בײַ דער שטאָט דרײַ הונדערט רובעל א יאָהר אומזיסט, איז מה טוב. איהר זײַט ניש ערגער ווי אײַן אַנדערער, אײַן אינו ישראל, וואָס נעמט אומזיסט יודיש געלד.

ווילט איהר אָבער ווירקליך עפּיס טהון, וועט מען אײַך עוקר מן השורש זײַן...

על כן, זאָגט מען איהם אָן, זאָל ער תיכף ומיד צוריק ווערען גוי, אויסטהון די יאַרמולקע, אויפֿהערען צו קומען דאַווענען, און צוריק רײַכערן בריש גליה און שבת...

— פֿאָלגט ער און ווערט אין אַ צײַט אַרום אויס ראַבינער, פֿאַר דאָס צענזאָר אין וואַרשוי. — — — — — — —

— — — — — — — — — —

דעמאָלט איז אָבער געווען ערשט דער אָנהויב פֿון דער ליניע. דער ערשטער עטאַפּ פֿון דער קאַריערע. נעמט ער מיך אויף, הערט מיך אויס, פֿינטעלנדיג מיט די אויגען, הערט מײַנע ספֿקות און פּײַן, און ענטפֿערט:

— ניציעוואָ!

איך מוז ווערען אַ לײַט, אַהעק שטודירען! קײַן זשיטאָמיר, קײַן ווילנא... אַלע ספֿקות וועלען אָבפֿאַלען, אַלץ וועט ווערען קלאָר, אַלץ וועט ווערען גלײַך...

ער וועט מיר העלפֿען!

אפֿשר! לאָקער איך אויף מײַן כלה פֿון חורבה אויף די טרעפּ, צו האָבען מיט איהר אַ ישוב. צום אַלעם ערשטען דערשרעקט זי זיך צום טויט. איך האָב זי אַזוי לאַנג שוין אויף די טרעפּ נישט פֿערהאַלטען. און זי גרייט זיך דאָך צו'ן אַ חתונה... דערהערט זי אָבער, וועגען וואָס עס געהט, בערוהיגט זי זיך, נעמט זי שוועכטערליך מיך אָן בײַ דער האַנד, פֿיהרט מיך אַראָב אין הויף אַרײַן, פֿון דאָרט הורכען הינטער-טהירעל אין רײַט-שוהל אַרײַן, וואו מיר זעצען זיך אויף אַ באַנק און רעדען... און רעדען מיט געפֿלאַטענע הענד אַזוי האַרציג-שטיל.

— יאָ, פֿאָטער — זאָגט זי, און די שׂשׂים איז פֿייכט, און די אייגען גלאַנצען פֿייכט... פֿאָטער! זײַ מיר מוחל, ווען, ווען איך אַראָפּקומען...

נעמט ש. ח. און פֿאַרזעצט אויף הוצאות זײַן גאָלדען קיטעל. ווערט בעשטימט אַ פֿאַרטאָג צום שטילען אַוועקפֿאָרן. עס ווערט בעשטעלט אַ פֿוהר, איך פּאַק מיך בסוד סודות. לעג מיך פֿריה מכלומרשט שלאָפֿען, מיט'ן פּעקיל אונטערן קישען, איך וועל קיין אייג נישט צוטהון. אַ פֿייף פֿון גאַס וועט זײַן דער צייכען... איך לעש אויס דאָס לעמפּיל, געזעגען מיך מיט אַלע און אַלעס אין דער פֿינסטערער שטוב; אויפ'ן האַרץ נישט אַזוי לייכט... אָבער איך מוז... ליג איך און דערהער אַ שטילען שאָרך פֿון צווייטען צימער. איך האָרך. שטיל עפֿענט זיך די טהיר. שטיל, באָרוועס קומט אַרײַן די מאַמע, איך זעה זי קוים בײַם שוואַכען שײַן פֿון דער לבֿנה אין פֿענסטער. זי שוועבט שטיל צו צום בעט, זעצט זיך קעגען איבער, קוקט מיר מיט ווייטאָג אין פּנים אַרײַן... איך קען די אייגען נישט שליסען, איך מוז זי זעהען, און זעהען, ווי פֿון די אויגען איהרע רינען שטיל, שטיל די טרערען... זי געזעגענט זיך מיט מיר... האָט איך אויסגעזאָגט מײַן סוד?

אָבער די וואַכט בײַ מיר, איהרע טרערען וואַכען; איך פֿאָהר נישט...

דער טאַטע איז אין דער היים נישט געווען. געקומען איז ער אין עטליכע טעג אַרום מיט דער ידיעה:

— געטהון מיט דיר אַ שדוך... מיט גבֿריאל יהודה ליכ־טענפֿעלד.

איך גיב מיך אונטער; איך זעה קיין אַנדערן אויסוועג. אַ קרבן פֿאַר דער מאַמעס טרערען!... ש. ח.'ס גאָלדען קיטעל איז פֿאַרפֿאַלען געוואָרען בײַ'ם מלוה... די פֿוהר איז צוריק אָבגעפֿאָהרען אין פֿאַר־שטאָט אַרײַן... מײַן „כלה פֿון תורה“, וואָס איז אומזיסט אַראָבגעקו־מען האַלב־נאַקיט אין פֿאַרטאָג, מיך צו בעגלייטען, האָט אויף אַ צײַט אַ קאַטער בעקומען... און אין אַ קורצער צייט אַרום פֿאָהר איך התונה האָבען...

פֿאַסטען וועל איך נישט... די חופּה שטעלט מען אין דרויסען, אין דאָרף... און הייבט אין מיטען אָן צו רעגענען, ענטלויף איך

פֿין אונטער דער חופּה אין שטוב אַריַין. די חופּה גערט נאָך. גבֿריאל יהודה ליכטענפעלד לאַכט... די טאָלטער זיינע חיינט...

איך קען מיר קיין רעכענונג נישט אָפּגעבן פֿון מיין פֿירען זיך...

. . . . . . . . . . . .

און מיט דעם ענדיגט זיך דאָס ערשטע באַנד פֿון מיַינע ערינערונגען... עס הייבט זיך אָן צו צעשטרייען דער נעפּיל פֿון קינדער- און יונגעל-יאָהרען, און פֿערשווינדט מיט דער צייַט. עס שליעסט זיך איך דער היימישער אוצר פֿאַר סקיצען און בילדער. אַלץ, וואָס איך זעה אין דער פֿרעמד, אַלץ, וואָס איך בעגעגען אין שטעט און שטעטליך, אויף וועג און שטעג, זעה איך און פּאָרש! אָבער איך פֿיהל עס נישט אונמיטעלבאַר. איז מיַין נשמה האַרטער געוואָרען און קען אין אַנדערער נישט אַריינפֿליסען, צוריק-צוקומען רייכער, פֿאַרביגער און פֿערשטענדיגער? אָדער האָט מען, איסער דער פֿערמיטלונג פֿון די חושים, צום נישט-היימישען, צו דער נישט-קינדישער וועלט קיין צוטריט איבערהויפּט?

אַלץ איינס.

אוים גירסא דינקותא...

דער נעפּיל מיט קעפּ, העלפטענס ביזסטען: מיט אויגען, וואָס שווימען מיר פֿאַרביי, ווען איך מאַך מיר די אויגען צו — צערינט און פֿערשווינדט. —

# איך האָב חתונה געהאַט *).

וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מעהר טהוט זיך פֿון מיר אָפּ דער וואָלקען — די מרה שחורה; אַלץ וועניגער טראַגיש ווער איך. אַ חתן געוואָרען, ווערט מיר נאָך לייכטער. איך וועל מיך צוזאַמענקומען מיט גבריאל יהודה ליכטנפעלד, מיין כלה׳ס פֿאָטער — אַ מאַטעמאַטיקער, פֿילאָזאָף און אַ מענטש, ווי עס האָט זיך געהערט, מיט גרויסע „קענטעניסען״, — ער וועט מיר שוין אויסטייטשען אַלע מיינע בייזע חלומות; אַלע פֿראַגען וועגען גאָט און וועלט פֿאַרענטפֿערען. און איך לעג זיי אַלע אָפּ אין זכרון ביז צום ערשטען באַגעגענען זיך מיט איהם... פֿון דער כלה טראַכט איך נִיט... צי זענען געווען ראשי פּרקים אין תנאים — הויב איך ניט אָהן צו געדענקען, אָבער אויפ׳ן חופּה־טאָג וואַרט איך ווי אויף משיח׳ן; דער אויסלעזער פֿון ספקות וועט קומען! דערווייל שפּיל איך מיר מיט׳ן באַקומענעם גאָלדענעם קייט און זייגערעל; דערויף בין איך נאָך גענוג יונגעל, און אַז מיינס אַ בית־המדרש חבר, אַ חסידישער בחור אין מיינע יאָהרען, באַרימט זיך פֿאַר מיר, אַז אויסער אַ זייגער, האָט ער נאָך באַקומען אַ אויסגעשטיקט סאַמעטען תפֿילין־ביטעלע, שמייכל איך קליגעריש; ווער ווייסט, צי גבריאל יהודה ליכטנפֿעלד לעגט גאָר תפֿילין... בינדט זיך דער בחור צו:

— און אַ טלית וועט ער געבען? און אַ קיטעל?

— איך וועל זעהן!

און איך לעב דערווייל אַ טאָפּעלט לעבען. אויסערליך — די פֿאָרעם פֿון אַלע בעל־הבית׳ישע חתן־בחורים; איך עס געלאַ־

*) דאָס קאַפּיטעל איז געדרוקט אין וואַרשעווער „דאָס לעבען״, 1914, נומ. 51, 63, 69.

סענער, געה, געלאַסענער שפּאַציערען, לאָז מיך אַמאָל אַריין אין אַ שמועס מיט יונגעלייט מכּח ערענסטערע זאַכען; בּאַלה זיין זייערס=גלייכען... שבּת פאַרנאַכט געה איך מיט, מיט'ן טאַטען אין פּעטער'ס, אַלס געסט אויף אַ מילכיג שלוש=סעודות צום „גביר" אין נאָהענטען פּאָלוואַרעק אַריין, מעהר פאַר אַ תּחום שבּת; אַ עירוב געלעגט. אויפ'ן וועג רעד איך גלייך מיט אַלע וועגען וויכטיגע ענינים: צי קען מען שרייבּען, ווי פּאַפּירנאָ האָט געטהאָן: „הדראַמא", — צי די פרעמדע „דראַמע" מיט דער העבּרעאישער ה"א הידיעה איז אַ כּשר'ער זיווג פאַר'ן יידישען אויער. מען זאָגט—יאָ, מען זאָגט—ניין; איך פּראָפּאָניר, מען זאָל שרייבּען „ה'דראַמע" און „רעדען ווי אַזוי זאָל מען?" פרעגט עמיץ, אַ פּוריסט, און מיר זעט אויס די פראַגע ווילד; נאָך וואָס לעזן הייך? פון רעדען לשון=הקודש איז נאָך קיין רעד ניט געווען און מיר געהען, פון דקדוק אין אַנדערע זאַכען רעדענדיג. אין קופּקעלעך אויפ'ן פוס=וועג צווישען פעלדער ווייץ און קאָרען, און צווישען וועלכע עס ציהט מיר דער בּלויער האָבער פון צווישען די גאָלדיגע זאַנגען, עמיץ—אַ יונגער—רייסט אויס אַ האָבּער, נעמט צו דער נאָז, עס שמעקט ניט; שטעקט זיך איהם אַריין אין פּעטליע. אַ עלטערער שרייט אָהן: „שבּת"! מען וויצעלט זיך: „ער האָט פאַרגעסען, אַז מען טאָר ניט", „פאַרגעסען אַז עס איז שבּת", „פאַרגעסען, אַז ער איז אַ איד"... איך וויל לשם=פּראָטעסט אויך אויסרייסען אַ בּלאָה בּלימעל און די האַנט פאָלגט ניט; ניט געוועהנט. איך פאַרענטפער מיר פאַר זיך אַליין: אַ צער בּעלי=חיים; אַ מאַן דאמר (אַ ניט אידישער!), אַז אַליץ לעבּט... און דער און אַנדערע ניט אידישע מאַן דאמר'ס, מיינונגען, אידעען, געפילען, אידעאַלען און וועלט=אָנשויאונגען פון פרעמדע ביכער אַרויס, — דער מישמאַש קאָכט זיך ערגיץ אינטערען האַרץ=דעקעל אין אַ קעסעל; עס שוימען און שמעלצען זיך שטימונגען און בּילדער פון בּיבּליאָטהעק=ביכער אַרויס, ניי=געבּאָרען ווערענדיגע פאַרלאַנגונגען פון פאַרשיידענער נאַטור און טעמפּעראַמענט. און מיט אַמאָל, דער קעסעל גיט אַ שטאַרקען קאָך און תּיכּיג=פלאַמיגע צונגען רייסן זיך דורכ'ן האַרץ דעקעל אין פרייען אַרויס, און בּאַ=

ווייזען זיך אויף דער ליכטיגער שיין אין געשטאַלט פון אומבאַרעכענטע, אימפּולסיווע באַוועגונגען, ווילדע בליקען פון פּלוצלונג אויפגעפלאַמטע אויגען, און ווילדע ווערטער, וואָס רייסען זיך גאָר פּלוצלונג פון דער צונג אַראָפּ...

אַלע שטוינען; איך אויך...

גלייך איך איצט מיין דעמאָלטיקען איך צו אַ גאַפּט-פעלד, פון איבען טרוקען, נאָר וואו דו וואַרפסט אַן אָנגעצונדענע זאַפּאַלקע — הייך אין פלעמלעך... און איך מאַך אָפּט ווילדע זאַכען, איך נעם אַמאָל פאַר'ן גאַנצען עולם אין בית-המדרש פון דער שאַנק אַראָפּ פון מזרח-וואַנט אַ באַקאַנטע, גרויס-געהאַלטענע שאלת-תשובה, און מעק אויס בפרהסיא מיט אַ בלויער בליישטיפט (וואָס נאָר איך איינער פאַרמאָג) צווי, צו דריי שורות, וואו דער מחבר איז ניט צופרידען מיט'ן מורה-נבוכים. דער עולם גיט זיך צו מיר אַ לאָז, — איך שפּרינג אַרויף אויפ'ן אָרון-קודש, שטעל מיך פאַר'ן פּרוכת אין אַ פּאָזע פון אַ העלד, וואָס איז גרייט, לכל הפּחות, אויף קדוש-השם, קרייציג די הענט אַלאַ נאַפּאָלעאָן און מאַך, גראָד אין שטאָהלער'ן, קוקענדיג אויפ'ן עולם, אַ איינדרוק און ער רוקט זיך פאַמעלעך צוריק, שטיל מורמלענדיג: משוגע...

עמיצען פאַלט איין: — שרייבען דעם מחות'ן...

אַ אַנדערער: — געטראָפען דאָס אָרט! ער וועט איהם נאָך אַ שענע מתנה שיקען! און מיין שטאָלץ וואַקסט, בשעת ווען אינערוועגען בין איך לאַנג אַריבער איבער'ן מורה נבוכים, וואָס איז צוזאַמען מיט אַריסטון אַראָפּ פון דער „טאַגעס אָרדענונג“... —

— — — — — — — — — — — — — —

וואָס נעהענטער אָבער צום חופּה-טאָג, וואָס דאַרף זיין אין אַ דאָרף ערגיץ אין מיטן וועג, צווישען אָפּט און זאַמאָשץ (דעם נאָמען פון דאָרף געדענק איך ניט; קיין דאָקומענט פון דאָרט האָב איך ניט; דעם „אַקט“ האָט מען ערשט שפּעטער, אין שעבערשין, געמאַכט), אַלץ אומרואיקער שלאָף איך ביינאַכט, אַלץ בייזערע חלומות וועקן זיך אונטערען האַרץ דעקל און שווימען אַרויף: — און אויב די כלה איז אַ בלינדע אויף איין אויג?

— און אויב זי לאָמט? — און אַ „כלה“, ניט קיין געליבטע:

ניט קיין געקליבענע, ניט קיין אויסגעוועהלטע... און — וואָס וועט זיין, אַז איך וועל בשעת באַדעקענס דערזעהן אַ פאַרזעהעניש? און עס וועקט מיר פון שלאָף און איך ליג שטונדען לאַנג און קלער: פאַרוואָס גראָד אַ כלה פון אַפּט? פאַרוואָס האָב איך מיר אַליין ניט אויסגעקליבען אַ כלה פון זאַמושץ? אמת, מיר האָבען דאָ קיין גבריאל יהודה ליכטנפעלדס ניט. און קיין אַנדערער, עטוואָס חשוב׳ער בעל-הבית, מיט וועלכען מיין טאַטע קאָן אַ שדוך טהון, וועט מיר פאַר קיין איידעם ניט נעמען... מען ווייסט דען ניט?.... אָבער פאַרוואָס ניט, ווי אין די „ביכער“ איז באַשריבען: פאַרליבען זיך, אַרויס׳גנב׳ענען אין דער וועלט אַריין... ערגיץ אין אַ הייזעל אין וואַלד. ד׳ על ד׳...

„רוים איזט אין דער קליינסטען היטע“... שילער, און אַנדערע.

און וועמען וואָלט איך אייגענטליך, געוואָלט פון דער היים?

און איך זיס הורך אין געדאַנק אַלע באַקאַנטע מיידלעך פון שטאָדט: שטעלען זיי זיך פאָר מיר, איינע נאָך דער אַנדערער, אַלע שוואַרץ חנ׳ודיגע, לעבעדיג-גערויטעלטע, צוייבערהאַפט-בלאַסע זאַמושצער טעכטער, וואָס שפּאַצירען אַרום אין רייטשול. און אויף אַלע זאָג איך מיר: ניין... די איינע, וואָס אויף איר וואָלט איך „יאָ“ געזאָגט, איז שוין אַ פרעמדענס... עסט שוין ערגיץ קעסט.... אַ שאָד: עפּיס ווערט מיר אַזוי אומעטיג, און איך שלאָף ערשט שפּעט פאַרטאָג איין, אין שטילן האַריץ-ווייטאָג, און איינשלאָפענדיג, באַשטים איך מיר: ווי עס איז, אין חופה-טאָג פאַסטען וועל איך ניט! די כלה מעג אַריבערטרעטען איבער דער שוועל פריער פאַר מיר, נאַרישקייטען... און אָפּשערען די כלה די האָר, פון וואָס פאַר אַ פאַרב זיי זאָלען ניט זיין, וועל איך ניט לאָזען, בשום אופן וצד! און זי וועט קיין האָר-באַנד און קיין שייטעל ניט טראָגען, נאָר די אייגענע האָר... לאַנגע, צו קורצע צעפּ, צו „וויקעלעך“. און איך שמייכעל, האַלב שוין דרימלענדיג, און קישען, צו אין דער פינסטערניש אַריין: גבריאל יהודה ליכטנפעלד וועט פון מיר הנאה האָבען.... אַפילו זיין געגען צד — היים זעליג בלאָנימסקי — אַ קענער איז ער דאָך! וועט אויך מודה זיין, צושאָקלען מיט׳ן קאָפּ...

און איך שלאָף אַזוי פאַרטאָג, און מיין האַרץ, דאָס אַלט־קינדישע, איז וואַך, און אונטען, פאַר די פענסטער, צווי פורען פאַרפאָרען, צווי פויערים גיבען מיט צווי בייטשען אַ קנאַק אין דער לופט, איינעם און דעם צווייטען, אַזויערנאָך צו וויסען געבענדיג, אַז זיי זענען געקומען, אַז עס איז צייט צו פאָהרען אויף מיין חתונה. איך כאַפּ מיך אויף, באַשטעטיג, נאָך פאַר'ן אָפּגיסען די נעגעל: ניט פאַסטען, ניט לאָזען שערען, אַפילו ניט צעבּרעכען דאָס גלעזעל אונטער דער חופּה, און—יעבור עלי מה! און אפשר נאָך זיך איינשפּאַרען און ניט לאָזען אַרומדרעהען די כלה אַרום מיר זיבען מאָל! פאָרוואָס—זיבען? מן הסתם, אַ מנהג עכו"ם...

איך גיס מיר די נעגעל אָפּ און דערפיהל אין האַרץ עפּיס אַ שטיק שווער בליי:

— אָבער פאָרט ווי זעהט זי אויס...

און דערווייל כאַפּט מיר אָן פון הינטערווייטעלעכץ אַ מומע, די נאָהענטסטע שכנה, דאַכט זיך — די מומע יענטע, מיט אַ גרין שטיק זייף אין דער האַנט, די דינסט שטעלט מיר גלייכצייטיג פון פאָרענט אַ שיסעל וואַרם וואַסער... און — רבונו של עולם! — שרייט די מומע אויס — אַ האַלז דאָס האָט! — און בויגט מיר מיט געוואַלד צום וואַסער צו, און שייערט דעם האַלז, און שייערט....

די מאַמע גיט אַרויס וועש... איך באַמערק ערשט: איבער דער פאָרלאָגע אַרום און אַרום—פעקלעך קליידער, עסענוואַרג, איך באַמערק אויך דעם הויפּ'ן פוטער־קיכלעך, וואָס מען פאַקט ערשט אין אַ פרישען זאַק אַריין... אַי, אַי! — שרייט אויס אַ צווייטע מומע וואָס העלפט פאַקען — ווי אָן טויט, אָן זאַליך פאַרגעסען!

לעג — ענטפערט די מאַמע — אין דעם זעקעל פון די פוטער־קיכלעך אַריין, פאַרבינד אין אַ טיכעל און לעג אַריין....

— דאַווענען, דאַווענען!—קאָמאַנדירט דערווייל דער טאַטע...

נאָך אַ ווײַלע און — מען פאָהרט.... מען פאָהרט פלאַך־לאַנד, צווישען פעלדער, וואָס ציען זיך רעכטס און לינקס, עפּיס מידע, גאָל אָפּגעשניטענע, אין אַ מרה שחורה פאַרזונקענע... כאָטש איבער זיי אַזאַ בלאָה יום־טוב'דיגער הימעל!

— רעגענען — באַמערקט עמיץ — וועט שוין זיכער ניט...

— דער חתן איז דאָך קיין נאַשער ניט...

— די כלה מוז אויך ניט זיין!

איך הער און פאַרזינק באַלד אין מיינע געדאַנקען. איך זיץ אויף דער ווייבערישער פור, מיט דער מאַמען און מיט די עטליכע מומעס, איך געדענק שוין ניט וועלכע, צוזאַמען אין שטרוי געפּאַקט. אויף דער ערשטער פור, וואָס גייט פאָראויס — דער טאַטע מיט פעטער'ס... איך האָב מיט די ווייבער ניט וואָס צו רעדען, מיט'ן הימעל האָב איך מיר באַלד אָנגעזעטיגט, אַלץ בלאָה און בלאָה... און אַרום אויף די פעלדער אויך ניטאָ, וואָס צו זעהן. עס ציהט זיך און ציהט אַלץ די זעלבע פלאַכע געגענט. מאַנכע פעלדער טראָגן נאָך צו ביסלעך גרינס צווישען גרינעם (פרעגט מיר בחרם, וואָס עס איז אַזוינס) פוישען אַרום גרויע און ווייסע פלעקען־פויערים און פויערטעס אין דער היימישער לייוועגט; אַזוינע, וואָס איך זע יעדען זונטאָג אין שטאָדט אויפ'ן טאַרג... און איך דערמאַהן מיך פּלוצ־לונג, אַז איך פאַסט, ווער ביין, צי אַרויס דאָס זעקעל פוטער־געבעקס, די מומעס קוקען מיט ווילד אומצופרידענע אויגען, די מאַמע מאַכט זיך ניט זעענדיג; איך נעם אַרויס אַ „ויקעלע", ביים אַריין — לויטער זאַלץ! דאָס זאַלץ זעקעל האָט זיך אין פאָרן איפגעבונדען, דאָס זאַלץ פאַרשאָטען... ניט צום עסען, אָבער יוצא געווען האָב איך: ודאי זאָגען ביים מנחה. וועל איך אַודאי ניט!

און עפּיס הויבט מיר אָן דערויף באַנג צו טהון. פאַרוואָס? איך הויב אָן קלערען פאַרוואָס, און קאָן ניט דערקלערען... דער־וויל הויבט זיך פּלוצלונג אָן באַרג אויף. דער באַרג אויף מאַכט אויף מיר אַן אומגעהייערען איינדרוק, מעהר ווי שפּעטער די שווייץ... די כאָמאַנט'ס הויב'ן זיך איבער די קעפּ פון די פערד, דער פויער שפּרינגט אַראָפּ איך—נאָך, און מיר געהען, ער מיט לייצען אין דער האַנט, איך — קלויבענדיג קיילעכיגע און פלאַכע גאָלדיג און אָראַנזש־פאַרביקע שטיינדלעך פון די פעלזען ווענט. צווישען וועל־כע מיר שניידען זיך אין האַרץ פון „באַרג" אַריין.

— פון דעם באַרג האַקט מען מעטאַלען, יאָ, טאַטע?

דער טאַטע איז פאַרנומען אין אַ געשפּרעך וועגען אַ געשעפּט פאַר מיר... אַ יאָהר קעסט וועט ער מיר געבען, זעקס הויבעל אַ

וואָך פון נדן וועל איך האָבן אין אַ געשעפט — פאַלט ער אַריין אין גדלות — וועט זיך שוין געפינען, אַ מענטש וועט ער שוין ווערן!

באַהאַלט איך די אָנגעקליבענע שטיינדלעך פאַר גבריאל-יהודה ליכטנפעלדס-וועגן; ער וועט וויסן!

דערוויל צוריק באַרג אַראָפּ — די פעלזען-ווענט צעגעהען זיך רעכטס און לינקס און פאַלן אַליין אויך טיפער און טיפער, און פאַרשווינדן, — אַ נייע געגענט. מעהר געבליבן גרינס אויף די פעלדער. און אונטער'ן, מיר דאַכט זיך עפּיס, נאָך בלויערן הימעל, צווישען די פאַליעס, גרינס אין פעלד, און אַרום אַלערליי פאַרביקע שאָך-ברעטער, ציקצאַקען און בייטען — פּיישען אַרום גאָר אַנדערש געקליידעטע פויערן, לעבעדיגע פאַרבען: רויט, גרין און נאָך עפּיס, וואָס איך קען ניט אָנרופען. זיי קריכען אויך אַרום געבויגענע און טוהען עפּיס, און איך וויים ניט וואָס, און עס טהוט מיר וועה:

— פאַרוואָס ווייסט ניט איין מענטש, וואָס דער צווייטער טהוט?

און דערוויל שטעלט זיך אויף אַ פויער אויפ'ן פעלד, קוקט זיך אום: וזשידי יאַדאָן! און הויבט אונז אָהן צו ציילען, מיר שווייגען און פאָכען שווייגעדיק אַריין אין אַ געדיכטען וואָלקען פון שטויב; שניידען זיך באַלד אַריין אין אַ סטאַדע קי און —

— געלויבט איז גאָט! — זאָגט דער טאַטע — אָנגעקומען!

— זאָל זיין מיט מזל! — זאָגט די מאַמע.

מיר פאָרען אין דאָרף אַריין. עס לויפט שוין אַנטקעגען דער איד, ביי וועלכען מיר וועלען איינשטעהן, שבתדיק געקליידעט, אַזוי ער, אַזוי זיין ווייב, אַ ברייט-פּלייציקע אידענע, וואָס אַ קליין באָר-וועס מיידעלע, אַ צעשראָקענס פאַר די פרעמדע לייט, האַלט ביים פאַרטוך, און קרימט דאָס איינגעריכטע פּנימ'ל, ניט וויסענדיג: ווייי-נען, צי לאַכען...

מיר קריכען אַראָפּ, מיר וועלען צוגעהן צו פוס... מען פרעגט פון אונזער זייט:

— די מחותנים געקומען?

— נאָך ניט, — ענטפערט מען — מיט גאָט זיין אַ הילף-קומען...

— באַלד — זאָגט דער טאַטע, — אַזוי ווי זיי וועלען קומען, זאָל חיים (דער צווייטער איד, וואָס די מחותּנים וועלען קומען און איינשטעהן) מודיע זיין, באַלד באַדעקענס און באַלד—אַ חופּה.

— אַ מענטש האָט קיינמאָל קיין צייט ניט! — מורמלט די מאַמע, ניט צופרידן פון אַלע איילענישען. און די מוהמע יענטע פּראָטעסטירט:

— און ווען זיך אָפּוואַשען, אָנטהאָן...

איך כאַפּ אַ ציטער פאַר מיין האַלז, ער פלאַמט מיר נאָך... מען גייט אין שטוב אַריין. מיר פאַרגעסט מען דערווייל אין דרהייסען, און איך האָב שוין אָפּגעריסען פון דער מוטער׳ס פאַרטוך דאָס קליין פאַרמיזרעט מיידעלע, מיט די וויים־פלאַקסענע הערעלעך. בלויע, צע־שראָקענע און אין איין וועג׳ס צעשמייכעלטע אויגעלעך, כאַפּ עס אויף די הענט, וואַרף אין דער הויך און כאַפּ עס צוריק פון דער לופט, און דאָס מיידעלע לאַכט, לאַכט, און דאָס געלעכטער׳ל קלינגט אַזוי לעבעדיג־לוסטיג און פריי — —

און „חיים״ קומט אָן פון אַן אַנדער זייט אַ פאַרסאַפּעטער, נאָך פון וויטען׳ס חופּענדיג:

— געקומען! געקומען — זאָל זיין מיט מזל!

— — — — — — — — — — — — —

אַז איך בין פון אונטער דער חופּה, צוליב אַ קליין רעגענד׳ל, אַנטלאָפען אויפ׳ן גאַניק אַרויף פאַר דער שטוב, און די כּלה, מיט די כּלי־זמר, מיט די ברענענדיגע הבדלות, מיט דער חופּה, מיט׳ן קליי־נעם, ליב צעשמייכעלטען גבריאל יהודה ליכטענפעלד זענען מיר נאָכגעקומען — האָב איך זיך שוין דערמאַהנט.

צומאַרטערנס, אַ שטאַרקע הערבסט־זון רייסט זיך מיט געוואַלד אין קליין האָרפּישען פענסטער׳ל אַריין, צווישען פאַרפלאָנטערטע בלעטער, וואָס שפּאַרן פון געלע טעפּלעך אַרוס און קריכען איבער די שייבלעך. זי וועקט מיר אָן אַ גרוי קריכענדיקען געדאַנק אין געהירען:

— און שוין? דאָס איז עס אינגאַנצען?

מיין צווייטע, ערשט באַקומענע העלפט, ליגט, איבער׳ן קאָפּ באַדעקט. שלאָפט. און אפשר ניט, און טראַכט דאָס זעלבע, וואָס איך. פילייכט שעמעוודיקער, מיט מער האַרצווייטאָג... פילייכט וויינט

זי גאָר אין דער שטיל, און עס כאַפּט מיר אָן פלוצלונג אַ ניט קלאָר רחמנות אויף אונז ביידען, ווי עפּיס אויף צוויי פישלעך, וואָס וועלן זיך צאַפּלען אין איין נעץ...

און שוין? און דאָס איז עס אינגאַנצען?

און דער „כאלו כפאו שד“ איז אמת'ער אַלס די אַלע ביכער און ביכלעך פון דאָרט, אין דער היים, אויפ'ן פרעמדען בוידים... געבאָרען געוואָרען עפּיס, עס קריכט אַרום אין האַרץ... נאָר עפּיס קריכענדיק'ס, אָן גאָלדענע פליגעלעך, אָן שטראַלענדיגע אייגעלעך, אָן פאַרב... באַוועגט זיך פויל, און שטום, אָן קלאַנג... איך דערטראַכט ניט מיין געדאַנקען-בילד: אַ פעטער קלאַפּט. אַ פעטער רופט צום דאַווענען; דער משכילישער פעטער: צום מנין דאַרף מען מיך... איך וואַרף ראַש אויף מיר די קליידער אַרויף — „באַלד, באַלד“, און לויף אַרויס צום פעדער-הייזל... ודודי חמק עבר — ניטאָ שוין דער פעטער, און דאָס פעדער-הייזעל האָט אַן אָפען טיר אין אַ קליין דאָרפישען גערטעל אַריין, און מיך כאַפּט פלוצלונג אַרום אַ שטאַרק-הופטיק-האַרבסטנדיקע גאָרטן-לופט... און איך אַנטלויף פון די געבעט-קלאַנגען, וואָס קומען פון דער שטוב, לינקס, רעכטס, אין גערטל אַריין, און בלייב שטיין אין אַ פרעמדע, קליין, גרין און אַנדערש פאַרביג גערטל... פון ערגיץ אַ פויגעלע פּיפּצט און איך פאַרגעס מיט אַ מאָל מיין ניי שטויב שטום באַשעפעניש אין אַ קעמערעל פון פאַרבאָרגענעם האַרץ. און עטעם שטאַרק די פרעמדוועלטיגע פרייע לופט אין מיין ענג שטעדטיש בית-המדרש'דיגער ברוסט אַריין, און זויג מיט דורשטיגע אויגען די דאָרפיש-שרייענדיגע פאַרב'ן... און שפּרינג צו און דערקען מיט פרייד מיין אַלט-באַקאַנטען מאָן (מען פלעגט איהם אויפ'ן מאַרק באַקומען) און שאָקעל מיט'ן קעפּל פאַרביי דעם אויער און פאַרנעם דאָס קלאַפּען פון זיינע שוואַרצע קערענדלעך, און לויף צו'ן אַ רויט פלאַמענדיגער רויטער רויז צו, די אייבערשטע קליידעלעך פלאַטערן אין דער קיים רירעוודיגער לופט. ציטער ניט, רויט בלימעלע, מיין האַנד איז צום רייסען ניט געוועהנט... און אָט פון דינינקע שטענגעלעך ציען זיך שמאָלע, לאַנגע, בלאַס-בלויע בלעטער אַרויס, ווי מיין מאַמעס סטענגעלעך אין ראש-השנה ציפיק... ווי רופט מען אייך, סטענגעלעך? שוויגן זיי און

פלאַטער'ן... און אַט בײַיטן עטלעכע.... שפּראָצן פֿון זיי, דעם בלויען הימעל אַקעגן, עפּיס עק'ן, לענגלעך געפֿיגענע, פֿון רע־טעך, מייערן, צי וויס איך וואָס... ווערט מיר פּלוצלונג ענג און אומעטיג אין דעם קליינעם גערטעל מיט אַזויפיל אומבאַקאַנטע, און איך שפּרינג אַריבער אויפ'ן פֿרייען וועג אַהיים... וואו איז מיין היים? רעכטס, צי לינקס...

„מע!" דערהער איך, און דערזעה אַ בריִנעם... אַ שייגעצ'ל אַ קליינ'ס, אַ באָרוועס, שעפּט און גיסט, אייף דער צעמבריינע שטייענדיג, פֿון בריִנעם אין קאָריטע אַריין... די קי ביי דער קאָריטע, מיט די שווערמוטיקע קעפּ און קיים גלאַנציגע, גרויסע אויגען טרינ־קען, און הייב'ן די קעפּ אַרויף, צווישן איין שלוק און דעם צווייטען, צום הימעל אַרויף, צום בלויען אין דער שטילער וועלט אַריין.— מע—ע. און ניט צו דערקענען: פֿרייד אָדער טרויער... מע—ע...

דאָס שייגעצעל לאָזט דעם געלעערטען עמער פֿון דער האַנט אַהיים גיט זיך דער עמער אַ וויעג אין לופֿט, וואַרפֿט זיך, נאָך אַ צאַ־פּעל און באַרויִגט זיך און בלייבט שטיל. אַש וואָלט געזאָגט: פֿאַר־קוקט אין בריִנעם סוד אַריין... דאָס שייגעצ'ל, מיט'ן בראָנזענעם לייב, וואָס שטאַרט אַהיים פֿון גראָה־לייוונטענעם בוזעם, און געל־ליימיקע פיס שפּרינגט אַראָפּ, הייבט פֿון דער ערד דאָס בייטשעל אויף, גיט אַ הפֿקר־פֿייף מיט'ן מויל, די קי דרעהען די קעפּ אויף; אַ קנאַק מיט'ן בייטשעל, עס רירען זיך די קי... אַהיים, פֿון דאָרף אַהיים, איבער'ן אָפּגעשניטענעם פֿעלד, וואו פֿון ווייטענס בראָנירט שיין אַ פֿייער און עטלעכע געבויגענע פֿויערטעס קלויבן עפּעס עט־וואָס ווייטער... מע—ע הערען זיך נאָך די קי און עפּעס אַ פֿייגל גיט אַ שניט דורך די זונען גאָלד געפּלאָסענע לופֿט מיט אַ גוואַלדיק־הייכן פּיפּס, אַזוי דאַכט זיך מיר, און ווייטער שטיל... אָבער די שטילקייט איז מיר שרעקיג פֿרעמד, ניט מיינע... דאָס איז ניט די היימישע שטילקייט פֿון מיינס אַ שבת אָדער יום־טוב... איך גיי אין דער שטילקייט אַריין, אָבער ווי אין אַ פֿרעמד אַריין, מיט איינ־געהאַלטענע טריט און באַגעגן. —

גבריאל־יהודה ליכטנפעלד... עפּיס אין אַ געשטיקט קאַפּטל, אין אַ שלאָף־רעקל, אין שטעק־שיך — אַ צעשמייכעלטער. און

עס וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַריין זיין ענלעכקייט צו ר' משה־וואָהל, דאָס זעלבע האַרציגקייט, די זעלבע שטילע שטערנדלעך־אויגן... כ'וועל איהם פרעגן, אַלץ פרעגן. ער ווייסט, ער מוז אַלץ ווייסן... און מיר קומען זיך אַנטקעגן, נעענטער, נעענטער, גאָר נאָהענט, פון האַרץ צום מויל שווימען שוין די ביטערע פראַגן, מאַנכע דרעהען זיך אַרויף, ווי פאַרפּלאָנטערטע שנירלעך. און ער גיט אַ פרעג: ביזט ניט ביים דאַווענען?

איז אין מיר אַלץ מיט אַמאָל איינגעפאַלען, ווי איינגעשלאָגען און איינגעבלאָזען אייער־ווייסל אונטער אַ קילן הויך. און עס קנוילט זיך אַלץ אין מיר און שרומפּט זיך איין, און אויפן אָרט פון פילאָזאָף שפּרינגט אַרויס דער ישיבה־בחור און פרעגט צוריק: און איר? גייען מיר אַ ווײַלע שווייגענדיג מיט ליפּן פאַרפּרעסטע, אויגן אַראָפּגעלאָזטע, ביז ער ניט נאָכאַמאָל אַ פרעג: שרייבסט עפּיס שירים? איך שרייב... וואָס שרייבסטו? איך פערצעהל, און ווי אונטער דער ערד וואַקסט אַרויס מיין פעטער, דער משכיל, מיין „קהלת"— מיין שריפטען־זאַמלער... פון וואָס רעדט איהר עס אומגעדאַווענט? אויב ער שרייבט? שרייבט און פאַרלירט, שרייבט און צערייסט, שרייבט און פאַרברענט... אַ מערכה, איך! איך גנב'ע אים אַפּער פון אונטער די הענט... צעריסענע שטיקלעך קלויב איך צונויף, קלייב צוזאַמען... עס וואַקסט אַ שרייבער... האָסט עפּיס מיט ביי דיר? פרעגט ליכטענפעלד. אין דער זעלבער סעקונדע דערהערט זיך פון וויט'ן הויז אַרויס מוזיק... אָנבייסען, שבע ברכות, אַהיים פאָהרען...

אַלץ געשעהן און איך האָב גבריאל־יהודה ליכטענפעלדן גאָר ניט געפרעגט, קיין תשובות אויף שאלות ניט באַקומען, און די שאלות אַליין האָבן זייער לעבן און זאַפטיקייט, זייער האַרבקייט און ביטערקייט פאַרלאָרן, זיינען, גלייך אַ שפּעט ווילדן גראָז, איינגעשרומפּען און פאַרוועלקט געוואָרען און פאַרקנוילט זיך אַרגיין אין מיר אין אַ פינסטער קעמער'ל פון האַרץ, אין דער טיף, וואו זיי וועלען ליעגען לאַנג, לאַנג, ביז זיי וועלען פון דרויסען נייעם טוי און ניי ליכט באַקומען און וועלען אַלס אייביגע פראַגן בלייב'ן, אויף קיין ענטפער ניט וואַרטענדיג, ניט האָפענדיג, ניט פון קיינעם

אויף דער ערד, ניט פון קיינעם אין הימעל... אָבער אויפלעבען וועלען זיי, נייע קליידער באַקומען און אַ נייעם קלאַנג...

מען געזעגענט זיך, האַרציג און ערלעך שייד איך זיך מיט גבריאל-יהודה ליכטנפעלד, ביי וועמען איך וועל קיינמאָל שוין גאָר ניט פרעגען, נאָר לערנען זיך ביי איהם אַ ביסעל מאַטעמאַטיק, אַרויסגעבען צוזאַמען אַ ספר מיט שירים, וואָס וואַרפט מיר אין אַ תּמיהקייט, ווען איך דערמאָהן זיך אָן זיי, און מען פאָהרט צוריק, אַהיים... מיך מיט מיין צווייטער העלפט האָט מען אין איינגענעם הויז, אויסנטען אויפ'ן פאָכטער, מיט אַ פענסטער אין „פאָרציעניע" אַריין געטהוגען; דאָס ווער איך ביים געזעגענען געוואָהר, דער טאַטע פערצעהלט עס ליכטנפעלדן פאַרן אויפזעצן... וואָרן צו מיר קומט מיין טאַטע צופאָהרען, וועט ער אַ שטיב פאַרנעמען...

און אָט זיץ איך אַ באַווייבטער מיט מיין צווייטער העלפט אויבען אָן, קעגנאיבער אַ פעטער מיט אַ מוהמען... און דרעמלען זיי איין פאַר מידקייט (אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט), שלאָגען זיך קאָפ אָן אין קאָפ און שפרינגען אָפ, און טרעפען זיך ווייטער, שעם איך זיך צו לאַכען, און זי, זייער דרעמעל באַנוצענדיג, גיט אַ שעמעוודיקען פרעג: קענסט טאַקע אַזוי גוט לערנען? יאָ...

און זי כאַפט מיר דאַנקבאַר אָן ביי דער האַנט...

און זיצסט און לערנסט? ניין! און זי לאָזט אָפ די האַנט און נאָך אַ ווילע: — און אַז איך וועל דיר בעטען...

און די האַנט רוקט זיך צוריק; עס ענטפערט פאַר מיר דער פורמאַן: וויאָ, פאַדלע! פון געשריי כאַפן זיך פעטער און מוהמע אויף.

צוריק פלאַך-לאַנד. לאַנגווייליג. דער פעטער און די מוהמע דרעמלען שוין נאָכאַמאָל, — דאַכט זיך, מיין צווייטע העלפט אויך. די שטילקייט מיט'ן דרעמלען ווערט פון צייט צו צייט איבערגעריסען דורך געהפערייען פון די אַנדערע פוהרען אונטער אונז. דאָרט איז מען זיך, זעט אויס, משמח... און פון — — טפרו — מיט וואָס דער פויער, דער פוהרמאַן שטעלט פון צייט צו צייט אָפ די לויפענדיגע קליינע קאַרע פערדעלעך; שפרינגט אַראָפ, פאַרריכט עפּיס

ביים אַלטען, צונויפגעקניפּטען געשפּאַן, שטעלט אַ פּוס אויפ'ן ראָד, ווייטער אויפ'ן געזעס און — וויאָ, פּאַדלע...

די פערדלעך דערשרעקען זיך ניט, באַליידיקען זיך ניט, אַבי ניט קיין בייטש, ריהרען און ליפען זיך ווייטער זייער שטיל איילינען גאַנג איבער'ן האַרט־געוואָרענעם זאַמדיקען וועג און אין דער שטיל־קייט הערט זיך דאָס קלאַפּען פון די פערדישע בריסטן אונטער'ן שטילן, לייטזעליך־אויסגעשפּרייטען בלויען הימעל, גלייך שטיינדע־לעך קלאַפּען אין אַ זעקעל. פּלוצלינג אַ פייף מיט דער בייטש איבער די פערדלעכס רוקן. און דער פויער ווענדעט זיך צו אונז דרייפערטעל אום און, גלייך ער פאַרענטפערט זיך פאַר זיין גרויזאַמקייט קעגן די קליינע קאַרע פערדלעך: אַ רעגען וועט זיין...

און ווענדעט זיך צוריק אום און לאָזט טיפער אַריין דעם קאָפּ אין חיים פון דער סערמיענגע. „אַ רעגען וועט זיין“ דערהערט מיין דרעמעלדיגער פעטער, כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך אומרואיק אום. איך קוק איהם נאָך. ווירקלעך. דער הימעל טריבט זיך, די לופט־אָנגעזאַפּט מיט נעץ, לינקס רוקט זיך אָן אויף אונז אַ רעגענדיגע וואַנט, איבען די זון הויבט אָן טוקען, ווי אַ בלאַנקער שפּיגעל אין שטיקער־ווייסע וואָלקען, מאַנכע — וואַטע, אַנדערע זילבער, עס ציען זיך אויך גראָהע רויכיגע—אויף דער זון, אויף דער זון!

— דיר — ניט קאַלט? — ווענדעט זיך דער פעטער צו דער מוהמען מיט אַ אומרואיג צערטלעכען אָפּקלאַנג, און, ניט וואַרטענ־דיק אויף קיין ענטפער, פאַרריכט ער איהר די שאַל אויף די אַקסעל, פאַרשפּיליעט זי פון פאָרענט ביים האַלז. ניין יוסף! ענטפערט די מוהמע, און עפּיס איהר שטים איז אַזוי ווייך, און די גרויסע, גרויסע אויגען קוקען אויפ'ן פעטער פייכטלעך, צערטלעך, ציטעריק־דאַנקבאַר. איך באַמערק ערשט, ס'אַר אַ גרויסע, גרויסע אויגען די מוהמע האָט, און די ליפען אירע, די דינע, בלוילעכע און איהר מאָגערקייט, און באַמערקט ערשט, וואָס אַלע ווייסן שוין לאַנג, אַז זי איז אַ קראַנקע. אַ ווינטעל רופט זיך פון ערגיץ אָן, דאָס וואָלקן־געיעג אויף דער אָפּגייענדיגער זון געהט שוין צו ראַשער, ער ווערט שאָטענדיגער, קילער, מאַנכע טראָפּען פאַלען.

— ניט געדאַרפט פאָהרען! — ברומט דער פעטער.

— שאָדט ניט! — ענטפערט די מוהמע...

— זיין אַ גרויסער רעגן? ווענדעט זיך דער פעטער צום פויער, אָנקלאַפּענדיג איהם אין ברייטען אַקסעל, ווי מען קלאַפּט אָן אין אַ טיהר...

— אַ ווינט געוואָרען — ענטפערט דער פויער, אונטערטרייבענדיג די פערדלעך — אפשר פאַרהאַלטען ביז צו דער קרעטשמע...

דער פעטער ווענדעט צוריק זיין פאַרבאָרגען בליק צו דער מוהמען, זי ענטפערט איהם מיט'ן בליק — כמעט טרייסטענדיג, און איך פיהל, אַז זייערע בליקען, טרעפענדיג זיך אין דער לופטען, האַלזען זיך, קושען זיך... אַזאַ'ן אַלט פּאָר פאָלק!

און אָט די קרעטשמע! אַקוראַט פאַרפאָרן צו דער צייט. דער רעגען הויבט שוין אָן געדיכטער טריפען. דער פעטער יוסף איז שוין אַראָפּגעשפרונגען און נעמט אַראָפּ די מוהמען און פיהרט זי אין קרעטשמע אַריין. איך בין שוין אויך אונטען, און וויל העלפען מיין צווייטער העלפט, וואָס האָט זיך שוין אויפגעשטעלט, און אַ פּוס אויף דעם וואָגען-לייטער אַרויפגעשטעלט, און — האָב הילצערנע הענט, די זעלבע הענט, וואָס זיינען ניט געוועהנט אויסצורייסען אַ בלימעל, שטרעקען זיך ניט אויס... עס העלפט אַרויס אַ אונטערגעקומענער פון דער צווייטער פור. זיינען מיר שוין אינערוועניג, מען כאַפּט שוין אַריין די פּעקלעך, עס וועט זיין עפּיס צו פאַרטרינקען און צו פאַרבייסען:

— הערבאַטאַ! הערבאַטאַ! — רופט דער פעטער יוסף.

אַ גויאישע קרעטשמע. — כ'וועל ניט טרינקען! — שפּאַרט זיך איין די מוהמע.

— נאַרעלע, טרינקען מעג מען...

— ווער ווייס, וואָס פאַר אַ טאָפּ... דער פעטער יוסף לייפט אַרויס פאַר דער טיהר און קומט אַריין מיט אַ בשורה — אַ סאַמאָוואַר!

די וויבער פאַקען אויס די פּעקלעך און שטעלען אויפ'ן טיש, וואָס אַ מוהמע האָט שוין צייט געהאַט צו דעקען.

— לאָז אַ האַלבען טיש פאַר מילכיגס! — זאָגט די מאַמע.

— פאַר'ן געזאַלצענעם צוקער-געבעקס?

— ווער וואַשט זיך?

אַ געררודער, מאַנכע וואַשען זיך, אַנדערע געהען שוין אַרום איבער דער שטוב מיט גלעזער טעה אויף די פלאַכע הענט. און איך דרעה מיך איינער אַליין אַרום איבער דער קרעטשמע און פייף, אינערלעך און מיר פייפט, פונקט ווי דער באָרוועסער שייגעץ האָט געפיפען, און איך פיהל, אַז עס ווערט מיר לייכטער, גרינגער, אַז די רעשט נעפעל פון די אימעטיגע וואָלקען צעשווימען... בע, אַליץ נאַריש! מען דאַרף פייפען; דאָס מויל, נאַטירלעך גלייך ווי די הענט, פאָלגט ניט, אָבער אינערלעך צעשפרייט זיך אַ שטיקעל הפקר אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען... אויף זאַמושץ, אַפּט, צוויזמער, וואַרשע, גרויספייל'ן און צוריק וואַרשע — ביז עפּים נייעס וועט קומען... אַ פייף ווירקט, אַליץ, וואָס קומט אַריין אין אונז אומגעריכט, איידער מיר האָבען צייט דערפאַר טיר און טויער צו פאַרמאַכען, זיך פאַר'ן פרעמדען צו פאַרנעפלען, און פיל פון מיינע שריפטען וועט זיך הערען דער פייף: „דער כעלמער מלמד" „חוזק" און דער גלייכען: עטוואָס דערפון אין „שטריימעל", אָבוואָהל איך האָב עס אַנדערש געמיינט... איך פייף אין קרעטשמע אַרומגייענדיג, אינערלעך, האַרציג אינערלעך, און פלוצלונג — מיין צווייטע העלפט מיט אַ ניט צופרידן געזיכט:

— וואו ביסטו געווען בשעת'ן דאַווענען? —

— פעפען געהערט.

זי ווערט ברוגליך-צאָרניג: וואָס?

פערצעהל איך פון שייגעצ'ל פון באָרוועסען, פון זיינע קי, זייערע אויגען און זייער פייפען... און זי הערט, דאָס ברוגליך צאָרניגע גייט אָפּ, זי צעשמייכעלט זיך... און פרעגט ענדלעך, צי איך אַליין קאָן פייפען — — — —

דערמאַהן איך מיר איצט נאָך אַ פייפען, וואָס איך האָב ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק געהערט, און וואָס האָט אויף מיר שפּעטער אַ גרעסערע און טיפערע ווירקונג געהאַט אַלס דאָס ערשטע פייפען. עס איז געווען אין דער שווייץ, אויף אַ באַרג, וואו איך בין אָוועקגעלעגט געלעגען, נאָך אַ שטאַרקען האַרץ-אָנפאַל, מיד, גלייכגילטיג, קוים-זעענדיק און קוים-הערענדיג, וואָס אַרום מיר טהוט

זיך. אויערען אָפּענע און אויגען אָפּענע, און — די שווייַג, און קוקען און הערען ווילט זיך ניט. וואָס קומט אַליין, וואָס שלייכט זיך אַריין, — בלייבט; עס בלייבט אָבער פויל, טויטלעך גראָה און מישט זיך מיט דעם, וואָס אין מיר איז, ניט און ווירקט דעריבער ניט... אויפ'ן באַרג־רוקען נידעריגער — גראָזען. שווייצער־קי, רופט זיך אַ גלעקעל דאָ, אַ גלעקעל דאָרט, שווימט אַרום, פון אָרומען גראָז דאָ און דאָרט אַ רויטליכער פעטער רוקען, הויבט זיך אויף אַ שווערער, שווערער קאָפּ און קוקט זיך אום ניט זעהענדיג... און ווייטער, קלינג, קלאַנג. די קי האָט אַ פעטען גראָזיג שטיקעל דערזעהן און גייט איבער... און אונטען, דעם באַרג צופוסענס קלינגט שטיל אין די טענער פון די גלעקליך אַריין דאָס שמאָלע, זילבערנע געשלענגעלטע, שטיפעריש, שוימענדיג יאָגענדיגע בערג־טייכעל... און אויף יענער זייט טייכעל — קליינע צעוואָרפענע בלאַנק־ווייסע הייזלעך מיט אָפענע גרינע לאָדען און קרישטאַלענע פענסטערלעך, וואָס קוקען לאַכעדיג, לייכטענדיג און פריי אין גאָט'ס וועלט אַריין — און פון די פענסטערלעך רייסען זיך קלאַנגען אַרויס, פון מאַנכע פּיאַנע ווערט געשפּיעלט, אויף ווייטערע בערג יאָדעלט מען און אָפּקלאַנגען וויעגען זיך, וויעגען זיך... און אַלע טענער שווימען זיך צוזאַמען אין דער שמעקעדיגער לופט און קומען מיר צום אויער... און די פאַרבען גיסען זיך צוזאַמען, דאָס גרינס, דאָס ווייסקייט, דאָס גראָהקייט פון פעלז אין דער הייך, דער בלאָה, בלאָהער הימעל איבער דעם אַלעס און גלעט מיין האַלב שטאַר אויג. און פלוצלונג פון צווישען די ווייטערע ווייסלעך און ווייסע בערג־שפּיצען — אַ קנאַל און אַ צווייטער, אַ אָנזאָג, דער שטורם גייט! מיט אַמאָל — אַ פאַרקנוילטער וואָלקען רוקט זיך, רוקט זיך, אַ ווינט, ווי פון אַ קייט אָפּגעריסען, צעיאָגט זיך ברומענדיג... די קי לויפען אַראָפּ, שרעקיג קלינגען די גלעקלעך. אַ קליין פאַסטוכעל, אויך אַ באָרוועס און אָן אַ היטעל, קנאַקט נאָך מיט אַ לאַנגער, עפּיס מאָדנע איבער לאַנגער בייטש... און אונטען ווערען די לאָדען פערקלאַפּט, די פּיאַנע — פערשטומט געוואָרען, דאָס יאָדלען איבערגעריסען... איך גיי פויל און טויט מיד זיך שלעפענדיג באַרג אַראָפּ און זעה, ווי דאָס שווייצער שייגעצעל לאָזט די קי, איין פאַרטיע נאָך דער

צווייטער, אין שטאַלען אַריין — פערקלאַפּט זיי מיט אימפּעט און ער אַליין בעהאַלט זיך ניט, גייט צוריק, באַרג אַרויף גייט ער... כ'יר אַנטקעגען, אָבער מיר ניט זעהענדיג, און די ליפּט איז פול מיט בה'מעריי, און צווישען די ווייטע, שוין אין נאַסען נעפּעל פאַרשלייערטע בערג שפּיצען צעשפּילט זיך דער דונער אין דער קנאַל, און אַ פליין, אַ מבול פון הימעל, אַ גערויש, אַ געפּילדער אין אַ האַלבער פינסטערניש, דאָס שווייצער גן-עדן איז מיטאַמאָל אַ שרייעדיג ליאַרעמדיג גיהנום געוואָרען, עס גיסט און קנאַקט און אין מיטען דערינען — מיין שווייצער-שייגעצעל, דאָס באָרוועסע, האַלבנאַקעטע מיט'ן פרייען צעשויבערטען קאָפּ, שפּרינגט אויפ'ן רוקען פון באַרג אויף אַ שטיק פעלז אַרויף, לייגט צו די פלאַכע הענט צום מויל און פייפט אין דער וועלט אַריין, און שניידט מיט'ן פייפען, ווי מיט אַ מעסער, די האַלב פינסטערניש, דעם שלאַקס-רעגען, דאָס געקנאַלעריי פון צווישען די בערג אַהורך, און פייפט אַלץ דרייסטער און דרייסטער, שאַרפער און שאַרפער:

— איהר וועט! איהר מוזט מיר הערען!

BIBLIOTEKA NARODOWA